STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06745

TRIT IN DI BERG

Yaacov Glantz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב גלאַנץ

טריט אין די בערג

(לידער און פּאָעמעס)

1926 – 1936

מעקסיקע, פאַרלאַג 1939

JACOB GLANTZ

"TRIT IN DI BERG"

(PASOS EN LAS MONTAÑAS)

POEMAS EN YIDDISH

1926 - 1936

MEXICO, D. F. - PRIMAVERA, 1939.

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון „געזויר", קאלענן און פריינט

פארלאג "זורבן"

ליוסיען,

פֿאַר געמיינזאַם–טרויעריקע מינוטן־
אַ ביסעלע פֿרייד.

אַזוי איז עס

איך וויל דיך נישט פאַרפירן.

איך וויל דיר נאַר אַריינפירן אין די נשמה׳קע פּייזאַזשן מיינע, וואָס איך האָב אויסגעמאָלן אין אַלערלייאיקע ווערטער. קיין רעצעפּטן פאַר דיין אייגענעם פּיין זוך נישט ביי מיר.

נעם מיין ליד אַזוי ווי ס׳איז.

מיר גייען אונדזער וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט פון גורל און מיר פאַרלירן אונדזערע טריט אין דער פאַרגאַנגענהייט; דער דיכטער קומט און קלייבט זיי שפּעטער אויף און וויל זיי רעסטאַווירן: געלינגט אים איז גוט, אַלאַ — נישט, — איז אויך גוט.

פאַראַן ביי יעדן דיכטער מאָטיוון, וואָס קומען און גייען אַוועק.

די קינדהייט איז די ראָד אַרום וועלכער עס דרייען זיך אַמאָמיינסטן די ריינסטע דיכטערישע עמאַציעס, דער לויטערסטער רעטראָספּעקט. איך האָב מיך אויך אַרום אַט דער בישופדיקער ראָד אַרומגעדרייט און פאַרצייכנט מיינע קינדער־יאָרן אין אַלע מעגלעכסטע וואַריאַנטן.

דער פּייזאַזש פון מיין קינדהייט איז געווען אַן אָרימער.

צו וואָס לייקענען? טרויעריקע פעלדער און סטעפּעס האָבן מיין קינדהייט־לאַנדשאַפט אַרומגעזוימט און איך קען מיך נישט באַפרייען פון דעם טיפּיש אוקראַינישן האַרבסט־בילד: שפּעלעך קרויזיקע ווייסע און בלאָנדע, פּאַשען זיך אויף דאַרע, דאַרבנדיקע לאָנקעס, קייענדיק שוין צום הונדערטסטן מאָל די גרעזעלעך פון נאָך זומערדיקן איבערבלייב.

און דערפאַר אפשר איז דאָ אין מיינע לידער אַזאַ בילדער־שפע פון שאָף. איך האָב ליב אַט די תמימותדיקע באַשעפענישן און האָב זיי אַריינגענומען אין מיין פּאָעטישן אינווענטאַר: מיינע באַליבטסטע מעטאַפאָרן.

איז דאָך מיין קינדהייט, ווי די קינדהייט פון אַ סך אַזעלכע קינדער ווי איך, געווען געגליכן צו אַט דער סטאַדע עלנטע שעפּסן אין דעם טרויעריקן האַרבסט־פּייזאַזש פון אוקראַינע.

יאָרן פון „ערב־שטורעם".

דער ערשטער יאָרצענטליק נאָך דעם יאָר 1905.

ערגעץ האָבן שטורעמס זיך געקליבן אין וועג אריין, נאָר זיי זענען גע־בליבן פאַרהאַמעוועטע אין די אַנאַויסלאָזדיקע שטחים פון דער וויטער ראַסיי — און צו אוקראַינע נישט דערגאַנגען.

אידישע קאָלאָניעס.

דערשראָקענע, פּרוכטלאָזע אידישע דערפלעך און כוטאָרס, אויף גאָטס באַראָט, איינגענורעטע אין אייגענער הילפלאָזיקייט.

„**אויף** וויאַרסטן אַ שטעטל".

די קינדער וואַקסן אונטער און צעגייען זיך, ווי פרילינג־שניי אויף סטאַוון. לאָזן זיך שווימען אויף די צעדוישטע דניעפּר־וואַסערן, וואָס פירן צו דער גרויסער שטאָט.

האַנדערניש און וואַגל.

אויף דער שוועל פון מיין פריסטער קינדהייט איז געקומען די מלחמה און שפּעטער די רעוואָלוציע. דער שטראָם האָט מיך אויך אוועקגעשלעפּט —

„און, ווי אַ שאָכט,
האָט פאַר מיר אַ טיר זיך אויפגעמאַכט
אין גרויסער וועלט".

נישט געווען, אפשר, „פּאָעטיש" דער פאַרגלייך, אַזוי אָבער איז עס געווען אין דערווירקלעכקייט. אַ קינד אין דער פרעמדה, אין יאָרן פון קריג און מהומות.

„**אַ** לעבן אין גאַס".

ערשטע איבערלעבענישן אין דער פרעמד — און די ערשטע לידער אין פרעמדער שפּראַך.

פּרוגן און בלאָק. —

דער אוקראַינער אומעט פון פּרוגן און דער רוסישער טרויער פון בלאָקן, האָבן אַפּגעזויגלט די ערשטע חותמס אויף מיין נאָך פלאַטערדיק פּאָעטיש וואָרט.

טראַגיזם פון אידיש־שטעטלשן אינטעליגענט אין טיגל פון וועלטלעכקייט און דער נשמה־דים פון דעם מיסטיש־רוסישן גאָטזוכער אויפן וועג צו באַ־פרייערישער שלימות.

פערזן פון „פּרעכטיקער דאַמע״ ביי די קלויסטער־שוועלן און לידער וועגן „בלייבע, אידישע נשמות״ביים טויער פון גן־עדן.

קריסטלעפע גאַנצקייט און אידישע צעבראָכנקייט.

וואוהין וואָלט אַנגעשפּאַרט מיין ליד אויף דעם גליטשיקן באָדן פון דער רוסישער ווירקלעכקייט, ווען נישט דער געזונטער אינסטינקט פאַר דער אייגענער שפּראַך, וואָלט מיך נישט געבראַכט, ווי אַ דאַרשטיקן, צו די קוואַלן פון אונדזער „צויבער־זשאַרגאַנינאַ״, — די וועלט־שפּראַך פון אַ וועלט־פאָלק איבער פאַליוסן און לענדער?!

גאַנג פון נעבלדיקע פלאַנטערנישן צו די וועגן פון אָפענעם לעבן, אידיש לעבן.

נישט אַלעמאָל האָט מיין אידיש וואָרט נאָכגעפאָלגט דעם געפיל אין מיר, אויסצודריקן נישט נאָר מיינע א י י ג ע נ ע ווידעראַנאַנדן, נאָר אויך די זינגען און געבורט־ווייטיקן פון דער וועלט, וואָס האָלט אין ווערן, די וועלט, אין וועלכער עס קומט אונדז אויס צו לעבן. –– מערער האָט מיין ליד אָפּגעזיגלט די שטעמפּלען פון מיינע א י י ג ע נ ע טרויעריקע רגעס.

מעאַ קולפּאַ.

אונדזער געוויטערדיקע צייט איז נאָך אפשר נישט אַריינגענומען אין רייסטער פון אונדזער פּאָעטיק. — צו שטורעמדיק איז זי, די צייט אונדזערע, און צו היים נאָך פאַרצייכנט צו ווערן, צו בלוט־נאָענט. אין די פערזענלעבע איבערלעבונגען פונעם יחיד זיינען פאַראַן אָבער אויך די איבערלעבענישן פונעם כלל, זיי מוזן זיין, אויב דער אינדיווויד איז נאָר נישט קיין אַליינזיצער אין געצעלט פון זיין בלויער בענקעניש און קומט אין באַרירונג מיטן ווירבל פון לעבן.

יאָרן פון וואַנדערנישן האָבן נישט געלאָזט זיך דערגרונטעוועז צו די טיפסטע מקורות פון דעם אייגענעם טראַגיזם און ס׳איז אויסגעקומען בחפזונדיק אויפצוכאַפּן די לויפנדיקע בילדער פון נייע לענדער און נייע געשטאַלטן.

סאַראַ מהלך פון די אוקראַאינישע פליינען צו די קאַרדיליערן־בערג פון מעקסיקע. סאַראַ פאַרשיידנאַרטיקייט פון קאָלירן און פאַרבן; בלוי־לבנהדיקייט פון פאַרקלערטע אוקראַאינער פאַרנאַכטן און היים־צעגליטע טראָפּישע הימלען אויף אַ פּאַן פון שנייאיקע בערג־שפּיצן, וואָס רופן מיט פאַרשפּיצטע, גאָטישע געשרייען צו גאָט.

זעלטן ווען דער דיכטער קאָן געפינען דעם פּאַסיקן וואָקאַבל פאַר דעם טיפן

געפיל זיינעם, וואָס גיסט זיך אַריבער די ראַנדן פון געמיט און ער מוז אָנ־
קומען אַפּטמאָל צו אויסגעבאַרגטע קלישעען, וואָס זיינען לחלוטין פאַלש
און נישט אין איינקלאַנג מיטן אינערלעכן אמת, וואָס ער וויל אַרויסברענגען.

אין חלל פון נישט דערגרייכטע חלומות בלייבן די שענסטע שאַפונגען פונעם
קינסטלער, וואָס ער וועט זיי קיינמאָל פון דאָרטן נישט אַרויסבאַקומען. גע־
בענטשט איז יענער דיכטער, וואָס קאָן זיין וואָרט פאַרבינדן מיט זיינע זעלי־
שע צעשפּליטערונגען און בראַכן.

זעענען טאַקע די טיפע קווערשניטן פון דער נשמה נאָך נישט באַרירט געוואָרן
אין מיין ליד. ווי בלייך און ווייניק צאַרנדיק זענען מיינע לידער וועגן די
פּאָגראָמען אין אוקראַינע, — די גרוילִיקע טעג פון די יאָרן 1921 אויף בער־
סאַנשטשינע! דער ווייטער עכאָ פון יענע טראַגישע געשרייען איז נאָר פאַר־
בליבן אין די לירישע שורות, וואָס איך האָב קוים געקענט אַרטיקולירן.

נאָר אויף אַ דיסטאַנץ פון יאָרן קאָן מען זיך יענע טעג פאָרשטעלן אין אַ
קלאָרן ליכט און זען, די שווידער־פּאַנאָראַמע אין איר גאַרער גרויס! דער
אומעט און טרויער, וואָס שלייכן צווישן די שורות פון מיינע לידער, שטאַ־
מען נאָך פון יענע טעג, וואָס האָבן אַזעלכע טיפע נעסטן אויסגעוואָרעמט
אין זכרון.

אַלץ, וואָס רינגלט מיך אַרום און ראַנגלט זיך פאַרן ז י י ן, האָב איך אַריינגע־
נומען אין מיין ליד. אויב היינט בין איך פאָרמעל אַוועקגעגאַנגען פון איי־
ניקע לידער מיינע, געשריבענע אין פריערדיקע יאָרן, בלייבן זיי אין זייער
אומבאַהאָלפנקייט אפילו, אַט ווי זיי שטייען און גייען, — צייכנס פון אַמאָ־
ליקע שטימונגען.

און וואָס שייך שלימות? זוך עס גאָרנישט! נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי פּערפעק־
ציע, אין דער קונסט. אין דעם אוניווערז אַליין איז אויך נישטאָ אַזוינס.

דער געדאַנק פון פּאָעט איז נישט ריין פון אַנדערע עלעמענטן פון דעם
אַמביענט פון וועלכן ער זויגט זיין יניקה. דאָס ווערטפּולע אין יעדן דיכטער
איז — זיין א י י ג ע נ ע פּערצעפּציע פון דער וועלט, מענטש און לאַנדשאַפט.

דער אַראָמאַט פון דער בלום.

דאָס, וואָס בלייבט נאָך יעדן איבערגעלייענטן ליד פון יעדן באַזונדערן
דיכטער.

אַ צען יאָריקע לעבנס־שטרעקע ליגט איינגעשטריקט אין די פּערזן פון אָט
דעם בוך, וואָס איך האָב איילִיק צונויפגעקליבן. און ווי נאָענט זיינען די
וועגן פון רשע! — מעגן זיי זיין אָפּגעטיילט צווישנאַנאַנד דורך קאָנטינענטן
און יאַמען.

אוקראַינע און מעקסיקע.

דער רוצח, וואס האט געלאקערט אונטערן פארקאן פון מיין שטרויענער היים און דער גזלן, וואס האט מיך איינגענעגלט צווישן ווענט פון מעקסיקאַנישער מעטראפאליע, האבן ווי זיך געגעבן די הענט איבער יאמען־ווייט־קייטן!

די זעלבע פנימער, די זעלבע רשעות און די זעלבע מארד־פייערלעך אין די בלינצלנדיקע אויגן־אַפּלען. — כ'האב מיין פחד פון אוקראינע ארויסגענארט דורכן פענצטער, איז ער געקומען אהערצו דורך א הינטערטיר. נאר ער איז דא, דער פחד, ווידער אין מיינע צעשראקענע אידישע אויגן און ער מאכט מיר פרעמד מיינע אייגענע פלייצעס...

איין ליד נאר איז פאראן אין דעם בוך, וואס איך האב ציטערדיק אויפגעשריבן נאך דעם 26־טן יאנואר 1939 (א וויכטיקע דאטע פאר מיר), און ווי ענלעך איז דאס ליד צו די לידער מיינע וועגן אוקראינע! ווי א טראפן וואסער!

מעמענטאָ מאָרי.

דער מענטשלעכער זיין האט קיין זין נישט, ווען ער זאל נישט באגלייטערן פון דעם געדאנק וועגן טויט. — ביי דער לעצטער שוועל ווערט ווידער געבוירן דאס לעבן.

לעבן פון יחיד און לעבן פון פאלק.

און אפשר וועל איך מיט דיר צוזאמען געפינען דעם וועג, — דורך די קרומע, שפּודיקע בארג־סטעזשקעס פון די מעקסיקאנער פּייזאזשן, וואס איך האב אויסגעריסעוועט פאר דיר, — צום דרך המלך פון די גרויסע גלות־וואנדערנישן פון מיין אויסגעפראוווט פאלק?!...

און דאס וואלט געווען מיין איינציקע טרייסט!

י. ג.

מעקסיקע, אנהייב מארץ 1939.

שפּאַניע

פּרעלודיע

א

אַלט־קאַסטיליעשע מדינה,
מיט ראָמאַנטיק פול און לידער,
אַלט־שפּאַניאָלישן לאַדינאָ
ריידן היינט נאָך דיינע אידן.

דיינע ספרדן — ווייט צעשפּרייטע —
אויף דיין שפּראַך זיי טוען תפילה.
כיהאָב פאַרנומען זייער ווייטיק
און געלייענט זייער מגילה.

מגילת־שפּאַניע. פּאַרמעטענער טאָוול:
ברענט אין פלאַם, ווי מדבר־דאָרן.
אין זיי נאָך ווײנט דער טרויער בבלס,
און גליט, ווי זון, דער דורות־צאָרן.

לאַנד פון ריטערס און לעגענדעס,
פון מיגעל סערוואַנטעס סאַאַוועדראַ.
כיהער אָט־איצט, ווי צווישן ווענט פיר,
איז אַ זיידע מעביר־סדרה.

זינט זיין ניגון ריטואַלן,
ווי די קאָפּלאַס אנדאַלוסיער,
און די נאַכט, מיט שוואַרצע שאַלן,
האָט פאַרוויקלט די אנוסים.

הינטער פענצטער וויינט א פאלמע,
ווי אַ איד ביי תפילה־זכה.
אין די הייזלעך וויינען פסאַלמען, —
אַ שטיל רעגנדל מראקעט.

נאַכט די טראָפּישע ווערט פינצטער,
ווּעמלען אידן אין טליתים.
הינטער בלינד פאַרמאַכטע פענצטער
שארן איצטער זיך די מתים,

וואָס פאַרברענט אויף שייטער־הויפנס:
אַ סקעלעטן־קאראהאָד. — — —
מע פירט אַ זקן איצטער טויפן,
שרייט צו הימלען זיין „אחדי״.

איך הער זיין קול, מיר דוכט, באַקאַנטן,
און זע זיין שנייאיק־ווייסע באָרד. —
כיזיץ און בלעטער פאָליאַנטן
און פון ווערטער, — איינציק וואָרט

פלאַקערט אויף, ווי שייטער־פלאַם:
דאָס וואָרט איז „בלוטיי — רויט און רויטער,
גיסט דאָס וואָרט זיך אָן, ווי סם, —
און סיברענט מיין בלוט שוין אויפן שייטער...

ב

אַלט־קאַסטיליע! אין דיינע בלויע טייכן
אידיש בלוט נאָך פליסט אַ שנירל. — — —
דורך דיינע שיינע קיניגרייכן,
האָט געוואַנדערט אבן גבירול...

און אונטער הימלען בלויע דיינע,
אונטער פאלמעס שטילן שאָטן,
האָט ער געבראַכט צו גאָט זיין טענה,
און אויסגעוויינט זיין „עולם קטן״.

ער האָט געקלאַגט אויף מענטשן־צער,
און געזוכט דעם „מקור חיים״.
און זיינע אויגן, טיף און שטאַר
בליקן נאָך צו וועלט עד היום.

ווי ווײַן, דעם זן פון זיינע פרוכטן,
האָט אבן עזרא אויסגעטרונקען. — —
דיין גאָלדענע זון און פערל־טויען
האָט ער אין שירים שטיל באַזונגען.

מיט געזאַנג פון גאַלאַנדרינעס
און גוואדאלקיווירס ריטמיש ברויזן,
איז זיין ליד אַדורכגעשפּינען,
ווי מיט רויזן...

ס׳האָט יהודה הלוי דיין עראָטיק,
ווי אַ דימענט, איינגעפּאַסט אין מאדריגאַלן,
און אין דעם בוך פון דיין עקזאָטיק,
טרינק איך איצטער ווי פון קוואַלן. — —

איך אַן אייניקל פון יענע
זיידעס מיינע — גרויסע דיכטער. — —
אין זייער בלוט, כ׳וויל ז י ך דערקענען,
און די לידער זייערע, ווי ליכטער,

מיין ווייטן וועג באַלויכטן זאָלן. — —
געשיכטע־קייט זיך בינדט אין רינגען;
איך באַזינג נישט די שפּאַניאָלן, —
נייע שפּאַניע כ׳וויל באַזינגען:

נייע שפּאַניע פון קאָרטעסן, —
מעקסיקאַנער בערג און לאנען. — —
שניידן זיך, ווי שאַרפע מעסערס,
געשטאַלטן אַלטע דורך טומאנען...

.(1934)

אָרובע הײמען

געבלאָנקעט, געוואַנדלט אויף וויאָרסטן און לענגען –
און אַלץ ניט געקענט צו אַ היים זיך דערברענגען;
מיין עלנטע היים – אויף פּעלדער אוקראַינער –,
מיט פּיס צו וועלט – ליגט מיט אייביקער טענה ...

...שפּוּעקע שטעגן
פון האָרביקער ערד,
איך קלעטער און קלעטער
אויף איינ,
ווי אויף שטאָפּל,
און שווערער, שווערער ווערט
זיך דראַפּען...

זענען אידן געפֿאָרן, געפֿאָרן.
וואוהין פֿאָרן אידן? מע פֿאָרט, מע פֿאָרט.
בין איך אויכעט געפֿאָרן
נישט וויסנדיק דאָס לאַנד, נישט דאָס אָרט.

מיין ברודער וואוינט אויף אַ פֿראָנט-סטריט,
און איך קום פֿון אַ געסל, וואָס האָט נישט קיין נאָמען.
דאָרטן פֿלעגט זיך שטעלן איינמאָל אין יאָר אַ יאַריד,
און איינמאָל אין יאָר פֿאָרקומען פּאָגראָמען.

און לעצטן פּאָגראָם איז געשטאָרבן מיין פעטער,
כ׳געדענק נאָך דאָס בלוט אין זיין פינצטערן אויג.
ס׳איז געווען אַזאַ זוניקער וועטער
און אַזאַ ליכטיקער הימל-בויג!

ס׳איז פרילינג געווען — און איצט איז האַרבסט.
פרעגט אים וואָס לויפט ער דער צוג אַזוי שטאַרק?...
ס׳לויפט אַזוי האַסטיק מיין האַרץ,
ווי אידן פון שרעק אויף אַ מאַרק.

וואוהין פאָרן אידן? פרעגט מיר בחרם!
מיר שלאָפן אין האַפּנס, אויף רעלסן פון באַנען.
מיר זענען אַ סטאַדע פאַרוואָגלטע גרים,
נישט מיר ווייסן וואוהין, נישט מיר ווייסן פונוואַנען.

פירט איינער מיט זיך אַ טלית און תפילין,
און אויגן אַזעלכע צעשראָקן.
און איך פיר מיין אומעט איינשטילן:
לידער פון האָפשטיין און בלאָקן.

דאַווגט דער איד אויף שטורעם פון יאַמען.
זיין תפילה וועט ווער שוין דערהערן.
און איך לייען לידער פון „פרעכטיקער דאַמע"
און לייען דעם לויף פון די שטערן...

און היינט דאָ אין גאָלדענער מדינה!
ווידער דער מאַרק-רויש פון שטעטלשע הוימען.
און איך — אַזאַ גרינער!
שפּיל מיך מיט גאָלדענע ריימען.

און וואָס קומט אַרויסעט? כ׳בין אָרים,
און זיי בין איך אַלץ נאָך אַ פרעמדער!
כ׳נישטער מיר נאָך אין די שמות פון ספרים
און חלום פון אַנדערע לענדער...

מעקסיקע

דיינע בערג און זוניקע טאָלן
האָבן געטלעכע מאָלער באַמאָלן
מיט וואונדערלעכע פארבן, —
וואָס וואָלט געגנוג געווען צו זען און שטאַרבן.

נאָר איך בין געקומען לעבן
און טרינקען דיין שיינקייט, נישט ווערנדיק מיד,
און עס באַזינגען אין מיין אידישן ליד.

אָ־דאָ איז מיין קינד שוין געבוירן,
אויף דיין זוניקן שויס, —
און דערפאַר איז מיין פרייד אַזוי גרויס.

פאַר איטלעכן קוויטל און פייגל־געזאַנג —
ווייסט דאָך מיין קינד שוין דעם נאָמען און קלאַנג, —
נאָר מיר אַזוי פרעמד איז דיין האַפערדיק זינגען,
און טויזנט מאָל ליבער דיין טרויער, דיין פיין!
איך בין פון די, וואָס געוואוינט זענען טרינקען
דעם סאַמיקן גורל — ווי שוימיקן וויין.

אין אַ מעקסיקאַנישן פּאַרק

(לילינקען).

ניִשט בלאַנדזשען מער דורך סאַמעטענע גראָזן,
אין פרילינגדיקע טאָלן פון אוקראַינע, —
כ'האָב דיך, היים, שוין לאַנג פאַרלאָזן —
און צו וועמען האָבן דען אַ טענה?

איִן גראַזיקייט פון פּאַרק פון מעקסיקאַנעם
שפּילט מיין קינד זיך מיין אייניאַריקס און עס שטיפט;
אין דעם איז פרייד אַזויפיל, דוכט, פאַראַנען,
אַז פרייד פון בוים פון יעדן טריפט.

נאָר איך קען דיך נישט באַזינגען, נישט באַשרייבן,
לאַנד דן פרעמדע, לאַנד פון שטורעמדיקע שלאַקסן!
כ'וועל אין ווילדער טראַפּישקייט אין דיינער נישט פאַרבלייבן
און אויף גראָזן דיינע בין איך נישט געוואַקסן.

פרעמד מיר זענען דיינע בערג מיט אייביקע שנייען,
ווי פרעמד מיין קינד זענען אוקראַינישע פליינען —
כ'וועל מיט פרייד מיט דיינער קיינמאָל זיך נישט פרייען
און געוויין דיינעם אויך קיינמאָל וועל נישט וויינען.

מיין ליד געטרונקען האָט פון טויען אַנדערע:
פון טויען זאַפטיקע אויף גאָלדיק-כוואַליעדיקן קאָרן. — — —
און דערפאַר — וואו איך זאָל נישט וואַנדערן,
זינגט מיין ליד פון יענע זוניק-פרילינגדיקע יאָרן...

(1928).

נישטאָ דאָ קיין האַרבסטן

א.

נישטאָ דאָ קיין האַרבסטן אין לאַנד אינעם פרעמדן.
זע נאָר דאָס בליאונג, וואָס שפּרייט זיך אויף קלומבעס!
און דאָרטן... אַ ווינטיקער תּשרי גייט אום איבער לענדער,
טויט און פאַרדאַרבונג און טרויער אַרום איז.

עס זענען באַפאַלן מיך קינדערלעך קליינע,
מיט קליאַנטשענדע הענטלעך, ווי האַרבסטיקע צווייגן;
ווען קינדערשע וועזנס פאַרציטערטע וויינען,
קאָן איך אין זוניקע טעג אויך נישט שווייגן...

פאַרוואָס זאָל איך איצטער מיין טרויער באַהאַלטן?
ווען האַרץ, ווי אַ בעכער, איז פול איבער ברעגן...
אַט דאָ, אינעם לאַנד, אינעם זוניק צעשטראַלטן, —
אַ האַרבסטיקער עלנט זיך וואַלגערט אויף וועגן...

ב.

תּשרי'קע טעג... די גערטנער נאָך גרינען און גרינען.
אַ גערטנער — די זון גייט אַרומעט אין גאָרטן,
פון זייערלעך גאָלדענע באַשפּריצט זי די בלומען...

ווינטיקע, קאַלטע, תּשרי'קע לאַנד מיינע דאָרטן!
ס'גייען אום ווינטן — פאַרוואָגלטע גייערס — אין פריען באַגינען
און שרייבן אויף בלעטער, אַז האַרבסט איז געקומען...

די בלוטיקע ליפּעס אין וועלדער דאָרט וויאַנען און וויאַנען,
עס קראַקען די קראָען אויף שפּיצן פון בוימער לוויהקע לידער —
אַ בר־מנן ליגט אויף די פעלדער — דער זומער געשטאָרבן.

און דאָ — האָט דער טאָג איצט אין טאָלן גענידערט;
בין־השמשות־קעמלען שטיל שפּאַנען און שפּאַנען
און טראָגן די נאַכט אויף געשוואָלענע האָרבן...

(1930)

טעג אַזוינע

טעג דאַ זענען לעבלער־ווארעמע
און פראָסט האָט דאַ נאָך קיינמאָל נישט געבליט;
עס ווייען נישט קיין ווינטן זאַווערוכיקע
און שניי האָט דאַ אויך קיינמאָל נישט געשיט. —

מיין האַרץ פאַרגליווערט דאַ און צאַפּלט נישט,
ווי וואַסער שטייענדיק, פאַרפרירט...
עס גליט די זון אַט־דאָ, נאָר פאַקלט נישט,
אויף וועגן זוניקע נישט פירט...

די זון אַט־דאַ נאָר שפּילט זיך אין באַהעלטעניש,
גייט־אויף — אַ האָפענונג אַ ווארעמע צערינט:
דערפאַר צו איר מיין גאַנצענע פאַרהעלטעניש —
נישט מער ווי צו אַ לייכטזיניקן קינד.

אָ זון! דו גאָלדן־הימלדיקער טעלערל!
ס'ווילט זיך ריידן צו דיר חבריש און פּראָסט: —
פאַרגיי! באַהאַלט אויף נאַכט זיך ערגעץ אין אַ קעלערל
און גיי־אויף צומאָרגנס מיט אַ ברענענדיקן פראָסט!

.(1928)

אזויפיל גאָלד

אַזויפיל גאָלד — און אַן אַ באַלעבאָס
אויף בערג די מעקסיקאַנישע און טאָלן...
כ׳טרינק דאָס גאָלד, ווי פון אַ כוס,
און וועל דערפאַר קיין פּרוטה נישט באַצאָלן...

מיט הייסן אָטעם זויג איך אויס דאָס גאָלד,
וואָס זון אין איבער־שפּע האָט פאַרגאָסן — —
און קיינעם וואָלט איך פרעגן נישט געוואָלט
הגם איך האָב אַזויפילנע פאַרוואָסן...

מיין האַרץ איז נאָך פאַרקילט פון יענעם שניי
פון לאַנד, וואו כ׳האָב די יאָרן אינגלשע פאַרבראַכט — — —
און איך האָב יענעם פראָסטיק־ברענענדיקן וויי
אַהער, אין טראָפּיק גאָלדענעם, געבראַכט...

וואָלט איך ווען פרעגן דאָ געוואָלט
איינעם פון די גליאיקע פאַרוואָסן:
— וואָס־זשע טוט מיין האַרץ אַזוי מיר וויי, ווען גאָלד
ווען זוניקער אויף באַרג און טאָלן ליגט צעגאָסן?!...

(1931).

אין וועג

יאגט מיין צוג מיט שרייענדיקן אימפעט,
און צוזאמען יאגט א פרילינג־ווינטל.
איך קוק — און דורך מיין פענצטער —
איז שטאט שוין מער נישט ווי א פינטל.

פעלדער זענען שטענדיק דא צעגרינטע,
צעפרילינגטע מיט אייביק וואקסן.
נאר ערגעץ, ווייס איך, ווילדע שטורעמווינטן
טרייבן שוין די אסיענדיקע שלאקסן.

אנהייב מארט און ס׳צייטיקן שוין פרוכטן. —
אוי, אנגעזאפטע לאנד מיט שפעדיקע טויען! — —
ב׳וואלט קיינמאל, דוכט מיר, נישט געחלומט,
אין דיינע שויסן גרינע זיך פארטרויען.

פארביי מיין צוג, אויף אייזעלעך, פאמעלעך,
פירן פויערים שוין גרינסן אויף די מערק.
און די זון, א רויטער, ברענענדיקער קיילעך,
זיך קייקלט לאנגזאם הינטער בערג. — —

*

זון האט, ווי ווייז, זיך צעגאסן אויף בערג —
ביז איך באטרונקען מיט זוניקער פרייד.
באשאנקען דאס לאנד איז מיט בערג און מיט זון
און מיט וועגן אזויפיל צעשפרייט.

ליגט וועג א צעקרומטער אויף בארגיקער הויך
און דרייט זיך און דרייט, ווי א שלאנגיקער עק —
אין לויטערקייט דא פון צעזוניקטן לאנד
איך קאן נישט געפינען מיין וועג...

עס זענען שטענדיק די בערג דא צעבלומיקט
און סע הילכן אפ קלאנגען אין טאליקער וויסט. — —
און טרויער איך ווייס נישט פון וואנען עס ברומיקט
און וויקלט זיך, וויקלט ארום מיינע פיס...

(1929).

אין פלאָנטער פון בערג

(ערשטער וואַריאַנט)

כ'האָב מיך פארפלאָנטערט אויף באַרגיקע וועגן,
אין פאַרנאַכטיקן אומעט פון הארבסטיקן שווייגן. —
אַזוי־אַ פאַרפלאָנטערט אַ הירש זיך אַ יונגער
אין פלאָנטער פון בוימערשע צווייגן...

ביים ברעג פון טאָג — אַ ברוינע מעקסיקאַנקע —
דעמערונג זיצט, די קניעס אַרונטערגעבויגן;
צוקט מיט די שלייפן און רויכערט אַ ליולקע
און מיט רויך ווערט דער הימלשער אויסבויג פאַרצויגן...

די נאַכט גייט — אַ וואָלקן געשוואָלן.
דער הימל — אַ וואָלקנדער ים איבער שטאָט. —
אין פלאָנטער פון בערג און פון טאָלן
פאַרפלאָנטערט מיין שטייגנדער טראָט...

(צווייטער וואַריאַנט)

כ'האָב מיך פאַרבלאָנדזשעט אויף באַרגיקן וועג,
אין מידקייט פון טאָגיקן גיין, —
ווי אַ קינד, וואָס פאַרבלאָנדזשעט אַליין
אין פינצטער פון נאַכטישער שרעק.

בּיים ברעג פֿון זון־פֿאַרגיין
די דעמערונג זיצט אויף אַ שטיין,
די קניעס אַרונטערגעבויגן:
זי רויכערט אַ ליולקע פֿון כמאַריקער הויך —
און מיט רויך
ווערט דער הימל פֿאַרצויגן...

פֿון טאָלן די נאַכט גייט, אַ דורכזיכטיק־בלויע:
דער הימל — אַ דאַך איבער שטאָט.

אין באַרגיקן פּלאָנטער אין גרויען
פֿאַרפּלאָנטערט דער טראָט
פֿון מיין שטייגן...

אַזוי־אַ פֿאַרפּלאָנטערט
אַ הירש זיך אַ יונגער
אין פּלאָנטער פֿון בוימערשע צווייגן...

(930 :.

אין אַ אידישער ראַנטשאָ

פון הינטער בערג, ווי פון אַ הייל,
קריכט אַרויס אַ וואַלקן־בער אויף אַלע פיר.
כ׳זיץ אין גאָרטן און איך צייל
די מאַנאָטאָנע קלאַנגען פון קלאַוויר.

אַ יונג מיידל שפּילט אַן אַלט רוסיש ליד;
ווי פּיילן, טענער אומעטיקע דרינגען.
אַ מאָדנע בענקשאַפט ווייטיקדיק צעבליט —
דעם אומעט רוסישן באַזינגען.

באַזינגען זיי די ווייטע אויסגעשפּרייטע פלאַכן
אונטער אַן אויסגעוואַשענעם בלוי־פּרילינגדיקן הימל.
עס נעמט מיין קינדהייט שטיל אין מיר דערוואַכן,
ווי ס׳דערוואַכט פון טויען זוניקע — אַ בלימל.

...אַנאויסלאָזדיקע פעלדער, זע איך, רוסישע, צעאַקערט;
ביים שוועל פון אונטערגאַנג — אַ בלוטיק־פולע זון;
איר רויטער קאָפּ מיט שטראַלן פורפורדיקע פלאַקערט
און ס׳יאָגט פון פעלדער שפּע׳קע אַ פרייִלעכער טאַבון.

ביי שליאַכן שטויביקע צעברענען זיך די שייטערס —
עס ברענען יונגע פויערים מיט לוסטיקע באַגערן...
און ס׳דוכט: דער אָוונט מעלקט פון הימלדיקע אייטערס
אין ווייכע גרעזעלעך — די זילבערדיקע שטערן...

מיט לידער האַרציקע צעוויינט זיך אַ האַרמאָניק —
און ס׳גיסט די נאַכט זיך אַן מיט טיפן, לויטערדיקן טרויער — —
ס׳דערציילט מיר אויס זיין פראָסטע וואַכעדיקע כראָניק
ס׳איינציק אידל דאָ -- דער פויער...

(1930).

פון אַ בריוו

... ליגן אַלץ ביי איך נאָך דערפעלער מיט שניי פאַרוויית?
דאָ, מיין ליבער, איז קיין שניי נישטאָ, גאָלע זונענגאָלד.
איז דערפֿאַר דאָס גאָלד
ביי אונדז דער פּרייז,
וואָס מע צאָלט
פאַר זיך דערוואַרעמען פון שנאה־אייז...

עס איז אַ וועלט אַט־דאָ, מיין טייערער,
פון גאָלע זון,
אַ וועלט, וואָס ברענט אין פייערן
פון גאָלד. — —
נאָר דערפון
אַן אַנדערש מאָל...

וואָס דאַרפסטו פרעגן, וואָס?
ס׳איז אונדז דאָ גוט! וואָס שייך גוט?
וואָס קאָן, זאָג מיר, בעסער זיין:
אַ גאַנצן טאָג אין זונענשיין
זיך גליען?!
אוּן ווען די זון פאַרגייט אין בלוט
איז וואָס?...
אַזויפיל שטערן זילבערדיק צעבליען!...

(1932).

צוויי סאָנעטן

א. ווינטער

אָנהויב שבט. שנייעלעך פליען, ווי טויבן.
דער ווינט וויינט, ווי אַ קינד אין דער פרעמד.
דער זיידע זיצט און וואַרעמט זיך ביים אויוון
און די באָבע צירעוועט אַ העמד.

דאָס קעצעלע שפּילט זיך מיט אַ קנײַלעכל פּאָדעם
און וויקלט זיך אין פאַלדן פון דער באָבעס קלייד.
עס טוט דער זיידע אָן די ברילן און לערנט „חיי אָדם"
און די באָבע מורמלט שטילערהייט.

די באָבע נעמט אַרויס די וועטשערע פון אויוון —
פישעלעך געפּרעגלטע מיט יויך אַזאַ פון קנאָבן —
דער זיידע אויף מאַכלימלעך, קיין עין־הרע, איז אַ מבין.
ער וואַשט די הענט פּאַמעלעכל און מאַכט דערביי אַ ברכה,
מורמלט צו דער באָבען דעם „סכין" זאָל זי געבן — —
און דער זיידע מיט דער באָבען זעצן זיך דערנעבן.

ב. וואַלד

שוואַרצוואַלדישקייט. גרינבלעטערדיקער רויש.
ס'לויפט די נאַכט אַן אַ צעשראָקענע אַנטקעגן.
אין ווייטע טונקלקייטן — פייערלעך אַ קויש
טראָגט אַרום ווער איבער פינצטערדיקע וועגן...

כ'לויף... און ס'לויפן נאָך מיר בוימערשע סקעלעטן...
אין טונקלקייט די פייערלעך צעשיטן זיך, ווי בלומען...
כ'פיל — אַ האַנט אַ ווייכע נעמט מיך פּלוצים גלעטן:
— „צי וועסטו, קינד, נאָך צו די פייערלעך היינט קומען?..."

מאַמע, מאַמע! — ס'האָט פאַרבלאָנדזשעט זיך דיין קינד
אין ווילדער וואַלדעניש, אין חושך־לאַבירינט,
און דעם אויסוועג אין די אומוועגן פאַרלוירן...
פון הינטן פּחד לויערט און פון פאָרנט ווינט:
די נאַכט — מיט טונקלקייט די טריט מיינע פאַרשפּינט — —
נאָר ערגעץ, ערגעץ ווערן פייערלעך געבוירן...

(1932).

אין אַ שנייאיק לאַנד

שנייאיק לאַנד. פראָסט און ווינט.
און איך בין געווען נאָך אַ קינד.
איז איינמאָל אַ וויכער געקומען צעיאָגן
און מיין קינדהייט אַוועקגעטראָגן.

שטילע שעה אזא. ווי ביים געבוירן פון אַ מלאך.
אין פאַר מיינע אויגן — אַ ווייסער מהלך
אויסגעשפּרייט:
שטעג און וועג פאַרשנייט.
קאַלטע, מדבּרדיקע וועלט.
אין ערשטן טראָט געשטעלט,
געפּרואווט אַ וועג זיך גראָבן אינעם שניי,
אַ וועג צום וויטן האָריזאָנט. — —

אַ ווייסער בוים־סקעלעט,
מיט צווייגן, ווי הענט פון אַ פּראָפעט,
איז אין סטעפּ געשטאַנען, געבראָכן זיך אין ווינט, — — —
ווייטער, ווידערקלאַנג פון וואיענדיקע הינט
און ווראָנעס טשאַטעסווייז
אויף הימל־בלויז
צייכענען אַ בישופדיקן קרייז
פון וועלכן קיינער וועט שוין נישט אַרויס. — —

די זון פאַרגייט.
און וואָלקנס בלוטיקע פאַרטרינקען אוונט־ווייט.
אַ פויגל שרייט
אין שעלט
ביים אַנקומען פון נאַכט.

און ווי אַ שאָכט
האָט פאַר מיר אַ טיר זיך אויפגעמאַכט
אין גרויסער וועלט.

(1934).

מיין היים

כ׳גערענק נאך מיין וויג אויפן ערדישן דיל.
אקאציע־ביימלעך הינטער פענצטערל געבויגן.
אונדזער שטוב האט אינדערשטיל
גויט און ארימקייט געזויגן.

און איך פון אלעמען דער קלענסטער
מיט אויגן שטילע און נאך שטילערע באגערן.
אויף שויבן קליינינקע פון פענצטער
פלעגט רעגן וויינען ווי מיט טרערן...

אונדזער הינטל מיט זיין אויסגעקראכענער פעל
פלעגט וואיען לאנג אין ווינטיקן באגינען...
— טרויעריקע היים, כ׳וועל דיין שוועל
שוין קיינמאל נישט געפינען...

*

איך זע דיך מיין היים אין דער פינצטער,
אין ווייטקייט פון לענדער און יאמען.
דאס פייערל געלע אין פענצטער,
די שטרויענע דעכער אין פלאמען.

די הארביקע אידן אין מורא,
ביים אנקום פון שונאס חילות.
נישט פארהיט האט דיין אומקום די תורה,
די שפרוכן און זקנהשע קללות.

אויף טראקטן — צעפלינדערט פארמעגן,
פון שטרויענע הייזלעך — די גארבן.
איך זע דיך דורך טויזנטער וועגן:
מע פירט דיך הכנעהדיק שטארבן.

(1929)

מיין זיידע איז געווען אַ הכנעהדיק אידל

מיין עלטער זיידע האָט געשפּילט אויף אַ פידל,
ווען ס׳פלעגט קומען צו אים, ווי אַ שאָה, דער טרויער.

און מיין זיידע איז געווען אַ הכנעהדיק אידל,
אַן אוקראַינער פּויער.

פלעגט מיין עלטער זיידע זיין גליאיקן פּיין
מיט אַן אומעטיק לידל פאַרשפּילן;
און מיין זיידע — אין לבנה־שיין,
אין אומעט פון דאָרפישע גרילן,
פלעגט זינגען זיין תהילים־געזאַנג. —

זיי זיינען געשטאָרבן שוין לאַנג, —
און איך האָב געירשנט פוןביידן: —
דעם אומעט פון ביבלישן לידל,
דעם תהילים־געזאַנג פון מיין זיידן,
און דעם טרויער־געבליפ פון אַ פידל...

.(1936)

מיין טאַטע איז געווען אַ פויער אין אוקראַינע

איך שטאַם נישט פון קיין יחוסדיקע אידן,
פון רבנים, שוחטים, צי כלי־קודש סתם.
איך בין צופרידן
וואָס איך בין פון פויערישן שטאַם.

מיין טאַטע — מיט דער אָפּשטאַמונג פון ליטע —
איז געווען אַ פויער אין אוקראַינע,
און אַלע יאָרן זיינע
געבאָרן זיך אין שוויים.

(איך וויים:
ס'איז אַ מאָדע היינט ביי דיכטער
צו צייכענען פּלאַקאַטן;
און איך וועל שרייבן פון מיין טאַטן...)

מיין טאַטע איז געווען אַ איד אַ שטילער,
נישט אָנגערירט אַ פליג אפילו
אויף דער וואַנט.
נישט געהאַלטן פאַר קיין שאַנד
צו אַרבעטן אין פעלד
און האָט נישט, ווי אַנדערע,
געגלויבט אין יענער־וועלט.
פלעגט די מאַמע מיינע
מיט אים טענהן:

„— האָב, מיין מאַן, חרטה;
אוי, וועט מען אויף יענער־וועלט דיך בראָטן!"...

און געפֿלויגן זענען יאָרן,
ווי די שליטנס אויפֿן שניי — —
און צעגאַנגען, ווי דער אייז
אויף פֿרילינגדיקע סטאַוון.
און איינמאָל האָט געטראָפֿן,
אין אַ ווינטער־בין־השמשות,
איז מיין טאַטע איינגעשלאָפֿן,
ווי אַלעמאָל, ביינאַכט,
און מער די אויגן שוין נישט אויפֿגעמאַכט — — — —

פֿון דעמלט האָב איך מיין היים פֿאַרלאָזן,
די לאָנקעס און די סאַמעטענע גראָזן,
די פֿרייע פֿעלדערדיקע פֿלאַכן,
און גענומען זוכן נייע שליאַכן
מיט מיין יונגן טראָט;
וועגן־שטעגן,
וואָס זיי פֿירן צו דער שטאָט. — —

זשאַווערן מיין טאַטנס בראָנעס און די אַקערס — — —
און איך — ביי חורבות פֿון זיך שיידנדיקע וועגן
האָב צעצונדן פֿלאַקערס...

(1927).

מיין זיידע ר׳ מאָטל

(די בירעבידזשאַן־בויער געשאַנקען)

... ס׳פלעגט זאָגן מיין זיידע ר׳ מאָטל:
„פאַר אידן די ערד אין דער טיף!״
— זיידע, דיין וואָרט איז שוין בטל,
דיין מורמל איז פונקט ווי א מיף!

איך קען אין מיין שטעטל די קברים,
די שטיינער צעקרומטע און שווער.
איך זע דיין געזיכט צווישן ספרים
און טאַפּ מיט די פינגער דיין טרער.

דיין טרער צווישן בלעטער פאַרוועלקט נישט
זיידע, מיט וואַלדיקער ברעם! — —
באַטראַכט נאָר און שעלט נישט,
דיין אייניקל זע, — און דערקען!

דיין אייניקל גראָבט אין די טיפן,
ווי דו אין די ספרים, אַמאָל. — —
און ס׳ווערט פון די ווינטיקע מיפן —
א בליענדער, בלומיקער טאָל. — —

זיידעניו, דארפסט זיך נישט דאגהן,
און קנייטשן דיין שטערן אין זארג. —
צווישן בערג אינעם אוראַלט פון טייגעס,
אין ליכטיקן בלויען קאיאר, —

די אייניקלעך דיינע אין פרידן,
מיט שעפסן, מיט רינדער און פי:
דאס זיינען די ווינטיקע אידן,
וואס לעבן פון אייגענער מי. — —

ווען דו וואלסט געהאט נאר די זכיה
צו זען דורכן וואלד פון דיין ברעם, —
ווי עס גייען אויף טייכן די קריעס,
ווי עס פאלן א דעמב נאך א דעמב!

מע רייסט מיט די ווארצלען דעם נעכטן,
ווי צייט האט געריסן דיין פעלץ. —
פארשניטן די האנט וואס פלעגט שעכטן,
די קרא וואס האט נאכטיק געשעלט...

... צעריסן דער פעלץ פון דיין ווינטער,
דיין זשופיצע שורשעט און הערט: —
עס זינגען פון פרייד דיינע קינדער
אויף פראסטיק צעזוניקטע ערד...

(1937).

מיין פאָטער

ווי דער אַנבליק פון אַ בילד אַן אַלטן,
אויסגעשטאַמפּט פון מאָלערס האַנט, —
איך טראָג דעם אָנדענק פון מיין טאַטן:
זיין עלפּאַנטביינערן געזיכט, זיין דאַרע האַנט,
די אויסשטראַלונג פון אויגן זיינע אויף דער וואַנט.

די אַלטמאָדישע, הילצערנע בעט
מיטן הויכן קאָפּ־ווענטל, וואו מיין טאַטע איז געזעסן
געלעגט. אַ טרער האָט געבלאַנדזשעט אין וואַלד
פון די וויעס... איך קאָן די טרער נישט פאַרגעסן!
אַ טרער!... דוכט וואָס?... שוין צוואַנציק יאָר באַלד.

דער ערדענער דיל פון דער דאָרפישער שטוב. —
און טריט... אַזויפילנע טריט יענעם אָוונט. —
אַ טראָט — אַ גאַנג אין דער ווייט, אַ גאַנג אין דער נאָענט.
מיין טאַטע איז מער שוין פון שטוב נישט ארויס, —
זיין טראָט איז פאַרבליבן — געדעכניש אין הויז...

*

ווידער זע איך דיך אין חלום קרענקלעכן,
ווי אין אינגל־יאָרן האָב איך דיך געזען.
כ'פלעג לייענען דאַן לידער בענקלעכע
און חלומען וואָס קיינמאָל ט'נישט געשען.

כ'געדענק אַ זון — אַ פייערדיקן קראַטער,
וואָס איז אין פלאַמען אויפגעגאַנגען.
איך בין דעמלט מיט מיין פאָטער
אין סטעפּ אין גאָלדענעם געגאַנגען.

גערעוונט האָבן זאַנגען און געשאָקלט זיך אין ווינטל.
ווי אין מענדעלעס פּאַראַדישטער נאַטור. — —
און נאָכגעלאָפן איז אַן אויסגעקראָכן הינטל
בילנדיק אויף אויסגעשטערנטן לאַזור.

אין פרעמדן לאַנד די זון איז אויך אַ פייערדיקער קראַטער,
און פלאַקערט רויט אַריבער הרי־חושכדיקע האַרבן. — —
אין פאַרנאַכטן סטעפּ איך בלאָנדזשע אום אַליין — און מיין פאָטער?
מיין פאָטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן. — —

(1931).

צו מיין מאַמען

פון דיין גישט זיין מיט מיר,
— מאַמע!
איז דאָס בלוט אין מיר
איינגעפרוירן.
איך זוך
אין יעדן פרויען־אויג
די שפּורן פון דיין שמייכל — —
דיין בליק
האָט אויף מיין שטערן
אויסגעקאַרבט שוין צייכנס
און אין הארצן
נעסטן אויסגעוואָרעמט — —
כ'קען זיי נישט פאַרוואַשן
מיט קיין טרערן.

מוטער!
מיין דאַר שטיקל ברויט מיט זאַלץ
מיט זיך האָב איך געטיילט.
דאָס ברויט האָט געשטאָכן מיין גומען.
כ'האָב געוואַרט,
און דו ביסט נישט געקומען.

מוטער!
ביי מיין טיש איז קיינער נישט געזעסן.
נישט דו, און נישט מיין פאָטער
וואָס איז יאָרנלאַנג טויט.
כ'האָב געגעסן מיין דאַר שטיקל ברויט.

דאָס ברויט
האָט מיין צונג מיר געשניטן,
געשטאָכן דעם גומען.
כ'האָב אַזויפיל געליטן,
— געוואַרט
און דו ביסט נישט געקומען!

.(1932)

פרייטיק צונאכטס

(פון בוך „דריי וועגן").

מיין מאמע איז שול איז געגאנגען בעטן ביי גאט,
אויסווײנען פאר אים אירע אויגן.
איז הימלען געשוויגן האט גאט.
איז זי געשטאנען צום ארון קודש געבויגן,
און ווערטער, מיט טרערן געגאסן.
און ווען ליכט אויפן עמוד,
צו גאט א מתנה געבראכטע,
זענען צאנקענדיק שטיל זיך צערונען,
מיט נישט פארטריקנטע טרערן אויף אויגן
איז זי אהיים און א תשובה געקומען...

*

אין פרייטיק פארנאכטיק טונקל —
ליכטיקע ליכטענע אויגן.
און טיש פון יארן פארשווארצטער,
מיט טישטוך מיט ווייסן פארצויגן.

מיט הענט, ווי מיט פליגל מיט בלייבע,
די קנייטשן פון פנים באהאלטן.
און אויף ליפן געוואוינטע צו שמייכל
ערנסט צעשפרייט איז א קאלטער.

אז עס הייבן אן פאלן די ווערטער,
ווי שנייעלעך זאכטע, ווי שטילע, —
איינעם א ווארט וויל איך פאנגען,
כאטש איינעם פון מאמעס א תפילה...

אין פרייטיק־פארנאכטיקן טונקל
לויבן גאט שטילערהייט. — —
נאר אפנים ס'איז נישט באשערט שוין
געניסן פון שבתדיקער פרייד. — —

(1927).

אויף וויאָרסטן אַ שטעטל

דורך פיר־עק פון קליינינקע שויבן
דערפילט האָב איך וועלטישן ציטער...
הייזלעך — פאַרוואַרלאָזט־צעשראָקענע טויבן,
פאַראַליטיקער אַלטע — די בוימלעך, אין שנייען־געוויטער.

קוטשעריאַווינקע קינדער ביי חומש מיט רש"י — מתמידיר
דער רבי, מיט ברעמען — פאַרוואַקסענע פעלדער.
אידן דערציילן זיך מעשות פון פלאַקס און יאַרידן,
גזלנים, וואָס פאַלן ביינאַכט אַן אין וועלדער.

טעג — ווי די אָקסן, ווי גרויע, געשפּאַנטע אין פלוגן.
שוואונג פון חלומות — פליגלען פון הילצערנע מילן.
ווינטערדיק־ווינטיקע נעכט — מיט לידער פאַרבענקטע פון פרוגן,
ווינטן, וואָס וואָיען און זינגען דעם אומעט פון גרילן...

אויף וויאָרסטן — אַ שטעטל — נאָך ווייטער פון הימלשע ראַנדן —
מיט וואונדער, וואָס לאָקן, ווי מעשיות פון טויזנט־איין נאַכט.
אויף הרודיקע שליאַכן, ווי גרויע, סאַלדאַטסקע געוואַנטן, —
דאָרט האָב איך די פריאיקע טעג פון מיין יוגנט פאַרבראַכט.

(1931).

מיין שטעטעלע

מיין שטעטעלע אין רויכן און אין כמארעס,
ווי ס'האט באזונגען דיך איזי כאריק!
אפשר וויינט שוין נישט דער ווינט דורך דיינע שפארעס,
נאר ס'זיצט נאך אלץ דיין ארימקייט און בעטלט אויפן מארק.

האסט אראפגעווארפן, שטעטעלע, דיין אלטן טלית־קטן
און אנגעטאן א פויערישע בלוזע. —
און כאטש אויף פעלדער דיינע איז געראטן
דיין אייגן ברויט, דיין ווייץ און קוקורוזע, —

גייט נאך אום רב חיים נגיד מיט זיין שטעקעלע אין קאלעקטיוו
און טאפט מיט פינגער דין־פאראיידלטע די תבואה. —
און יעקל שוסטער (ווי מע שרייבט מיר אין א בריוו)
גייט נאך אלץ א בארוועסער און קרועה־בלועה...

א, מיין שטעטעלע אויף ברייטע טראקטן פון אוקראינע,
מיט רויטער פאן אויף בערל קצבס שטוב, מיט פינף־שפיצעדיקן שטערן —
איך וויס, — עס זיינען פרעמד דיר שוין די ווערטער מיינע,
וועסטו זאגן, — פרעמד אוודאי ווי קליינבירגערלעכע טרערן!...

נאר שווער איז מיר מיין הארציק ווארט דיר זאגן: —
איך הער ביינאכט אמאל, ווי ס'וויינט דער תשרי'דיקער ווינט...
און שווערער איז מיר נאך מיין בענקעניש צו טראגן, —
מיין פולע בענקעניש — ווי צו א מאמען בענקט א וואגלדיק קינד...

.(1930)

פרילינג אין דארף

פרילינג אין דארף. פייגעלעך צוויטשערן, זינגען.
גרעזעלעך שפראצן אויף מיסט און אין שימל פון ווענט.
די זון הענגט אויף גאלדענע רינגען,
כאטש נעם זי דערלאנג מיט די הענט.

ווי ניסלעך זיך קייקלט מיין שטים
אויף גאלדענע טעלער פון סטעפ. —
פון פעלד גייט דער פויער אקים,
די זון ברענט מיט פורפורענע צעפ.

דער פויער אקים און פעטער אברהם
דערציילן מעשיות זיך לאנג. — —
און ס'פאלט אריין ווי אין תהום
א ווייטער קלויסטערשער קלאנג.

ווי א גנב דער שלאף קומט צוגיין,
און בלויער ווערט נאכט־האריזאנט. — —
— היים מיינע, כ'ווייס נישט אליין,
פארוואס כ'האב דיך היינט דא דערמאנט!

דא שפראצט נישט קיין גרעזל אויף ווענט,
ווי מעש איז געווארן מיין שטים. — —
כ'וואלט דיך שוין, היים, נישט דערקענט,
נישט דעם פויער, דעם שכן אקים.

גאר אנדערש היינט פייגעלעך זינגען
ביי אונדז אויף צעבראכענעם פלויט.
זייער ליד, ווי פרעמד וואלט מיר קלינגען. —
מיין פעטער אברהם איז שוין טויט. — —

און אומעטיק וואיעט דער ווינט
אין וואלגער פון חרובן הויז. — —
דער בוים, וואס פארזייט כ'האב אלס קינד
איז מסתם זיך צעוואקסן שוין גרויס...

און פארזונקען איז אוודאי דער שטיין —
אויפן קבר פון טאטן געשטעלט. — —
אין אונט א סאווע דארט וויינט,
און איך בין אזוי ווייט אין דער פרעמד...

(1935).

אין מיין טאטנס גארטן

אין מיין טאטנס גארטן געוואקסן האבן אגרעסן
גרינע, ווייניפערלעך טערפקע, ביטערע ווי גאל.
און איך האב נישט געוואוסט נאך פון בלאקן און מארקסן,
געטרונקען לעבן גלייך פון קוואל. — —

און קיין פליגלען האב איך דעמלט נישט פארמאגט,
פליגל וואקסענע, וואס פון מינדסטן זונענשיין צעגיין. —
אין שטילע נעכט געהערט האב איך אמאל א פויגל קלאגט
און א ווינט א הארבסטיקער פארגייט זיך אין געוויין.

און מיין טאטע — א איד א דארפישער, עכט
און היימיש פריינטלעכער, פלעגט אין ווינטער־נעכט
דערציילן מעשיות אונדז — פון גזלנים, וואלד און בערן. — —
מיט קאפ מיט לויטערן פלעג איך תמימותדיק דאן הערן...

און היינט — איז פול מיין קאפ מיט מארקסן און ספינאזע,
און ס'וויינט מיין הארץ, ווי ביים טייכל א בעריאזע...

(1934).

מיין מאַמע פלעגט שטריקן מיט טרערן

ס'פלעגט מיין מאַמע מיט טרערן דערשטריקן
די פאַרלוירענע אייגלעך פון זאָק,
ווען זאָרג ווי אַ תליה פלעגט שטיקן
דעם האַלדז פונעם שטאַרבנדן טאָג.

דער טאָג פלעגט לאַנג זיך נאָך וואָרפן,
ווי אַ טרייף — נישט דערקוילעטע עוף.
שאַטנס די נאַכט פלעגט צעוואָרפן —
זשמעניעס צעשאָטענעם שלאָף.

שוין שטריקט נישט די מאַמע קיין זאָקן
און ס'שטיקט מיך די זאָרג אַליין און ווערגט.
שאַרקעט דער טאָג זיך — אַ זקן,
די נאַכט גייט — אַ בער אין די בערג. — —

*

ווערטער ווי פּיילן שאַרפע,
ווערטער דינע,
ווי געשפּילט אויף אַ האַרפע
האָט מיין האַרץ שוין פאַרנומען
אין שעהן טריבע. —
און נאָר דיינע ווערטער, —
מאַמע, —
זיינען אמת און ליבע!...
און איצט,
ווען אומגליק שטייט ביי מיין טיר,
ווי ביטער איז מיר,
וואָס דו ביסט נישט געקומען
מיך טרייסטן!...

ערב שטורעם

(פון דער פּאָעמע „איציק בערשטער")

שטילע יאָרן, ווי די לעמער, פּאַשען זיך אין טאָלן.
עס לעבן אידן תּפילהקע מיט אייביקן בטחון.
ס'דרייען זיך די ווינטמילן און מאָלן
זאָרגעוודיקע טעג און האַוועדיקע וואָכן...

ווי דער הימל פּאַר אַ שטורעם, אויסגעלייטערט,
קומט־אָן אין שטעטעלע דער שבת־קודש. —
אַלע טאָג ברענט אין מערב דערזעלביקער שייטער
און ס'גייט־אויף די לבנה אין יעדן אָנהויב חודש.

נאָר אין שטילע אָוונטן, ביים שאַרף פון בלויען מולד,
ווייזט זיך אויפן הימל אַ בלוטיקע קאָמעטע — — —
קוקן אידן דורך די שייבעלעך און זעען אין דעם בולט
ענדערונג פון וועטער...

און אַלטע אידן, גלויביקע, מיט גלעזלעך ביי די וויעס
און מיט פלאַטערדיקן פּחד אין נשמה, —
קוקן אויפן בעזים אויפן רויטן און זאָגן שוין נביאות:
— עס איז אַ סימן, קינדערלעך, אַ סימן פון מלחמה...

(1933).

שטרויענע שטיבל'עך

א.

שלאפן שטיבלעך שטרויענע. און א בוים אין שנייען־צווייט,
ווי אין ווייסן קיטל, — אונדזער שטיבל היט. — —

שטערן אויף די דעכער, ווי ביי איציק מאנגער.
דרעמלט שטיל דאס דערפל, שרעקעוודיק און שוואנגער.

שוואנגער איז מיט אימה, מיט פחד פארן מארגן: —
הינטער דערפל, זאגט מען, ליגט מאכנא פארבארגן. — —

ליגט מאכנא, גריגאריעוו — צעיושעטע רעבעלן.
און ווי א הונט, דער טרויער — ליגט אויף אלע שוועלן.

ב.

דערפל מיינס, אוקראינער,
היים מיינע פארלאזטע!
אונטער הימל בלייערנעם
ליגסטו א פארראסטע.

גייען אום נאך פויערן
מיט יובטענע שטיוואלעס?
און ביי די פענצטער טרויערן
נאך בענקענדיקע כלות?

ליגן נאך אויף דעכער
ווינטערדיקע שטערן?
איז שוין פול דער בעכער
מיט בלוט פון דיינע טרערן?

זאג מיר, היים דו מיינע,
כ'בין ווייט פון דיר פארוואָרפן!
שלאף איין שטיל, אוקראינע,
לאז מיך אויך איינשלאפן. —

אוקראַינע

מיין שטילע, פאַרוויײעטע, קאַלטע אוקראַינע,
אויף די זילבערנע, שטרויענע דעכער אויף דיינע
גייען אַרומעט אין שנייאיקע נעכט
טאַכריכימדיקע זקנים
און וויינען:
„שאַרף שאַרפער דיין מעסער און שעכט!"...

אָ, שנייאיק־פאַרוויײעטע נעכט
פון מיין ווייטער אוקראַינע,
ס'וויינען נאָך עופהלעך קלייניקע דיינע
אין וואַרעמען מוטערשן שוים,
און ס'וואַיען די כלבים ביים טויער פון שטעטלשן קלויז,
ווי ס'וואָלטן פון הונגער צעוואַיען זיך וועלף
הינטער פענצטער...
ווען ס'שלאָגן די קלויסטערשע זייגערס אויס צוועלף
פאַרשווינד! די שרעקעדיק־וויסטע געשפענסטער,
די וויים־פאַרטאַכריכימטע זקנים פון דעכער,
אין קברים,
אין לעבער,
אין אייביקער רו.
אין אייביקער רו.

אוי־ליע־לו־ליו!
אוי־ליע־לו־ליו!

אין ווייסן לבנה'קן שיין
דרימלען איין
די פארשניטענע קינדערלעך דיינע,
אוקראינע,
אונטער ווארעמע שנייאיקע טוכן. —

בלויז דער אלטער, קודלדיקער הונט ביים קלויז —
די נאכט —
וואכט
און הערט נישט אויף צו פלוכן
אויפן מולד
אין וואלקן־שווימענדיקע רוימען — —

און אלע טאג, ווי עם קוילעט
א שוחט א הון,
קוילעט די זון,
דעם קוימען
פון אלטן פארדאווונטן קלויז
פון מיין חרובֿן שטעטל אין אוקראינע,
אין אייביקער רו,
אין אייביקער רו...

איי־ליע־ליו־ליו!
אין שניי, ווי אין מוטערשן שוים
שלאפן פארשניטענע קינדערלעך דיינע, —
אוקראינע,
אין אייביקער רו,
אין אייביקער רו!...

(1932).

אַקאַציעס איינגעדאַרטע

אַקאַציעס איינגעדאַרטע פון מיין היים
גערענקען נאָך אוודאי מיין געוויין
פון יענער נאַכט, ווען ס'איז דער שטורעם
אומגעגאַנגען איבער דעבער,
געוואָיעט אומעטיקער, העבער
נאָר אין ערגעץ נישט דערגאַנגען.
געבליבן הענגען
אויף דראָט צעריסענעם פון אַשיקע רואינען. — —
אין ווינקלען האָבן שפּינען
געפלאָכטן נעצן.
און דורך פענצטער בלינדע קאַהאַנעצן
האָבן וואָו נישט וואָו געטליעט.
און ווען עס האָט אויף כּאַג שאַריעט
האָט מיט ערשטן האַנענקריי
זיך דורכגעריסן אַ געשריי
פון קינדערלעך פאַרמורזעטע אויף דילן,
וואָס האָבן פונקט ווי גרילן
אַ גאַנצע נאַכט נישט אויפגעהערט צו זעגן,
ווייל ס'איז פאַר זייערטוועגן
נישט געווען קיין סקאַרינקע שוין מער
אין אַלע קאַסטנס אויפגעמאַכטע.
ס'האָט נאָר אַ טרער
אַ זאַלציקע באַנעצט די ליפּעלעך פאַרשמאַכטע
און ס'האָבן מאַמעס זיך געוואַשן מיט געוויין...
נאָר ביקסן האָבן זשאַווערדיקע ציין
געשטשירעט און געבילט —
געוויין פון קינדערלעך פאַרשטילט. — —

(1935).

מיינע טויטע פעטערס

עס לויפן די טעג ווי דעפּעשן אויף דראָטן. —
מיט אַש פון זכרון די יאָרן פאַרשאָטן...

איך ווייס נישט, ווער בין איך, פונוואַנען? —
אַן אייניקל בין איך, מיר דוכט, פון מאַראַנען.

און אפשר אַ קינד פון אוקראַינער שחיטות? —
כ'זע ווי מע טראָגט מיינע פעטערס אויף מטות.

מע ראַיעט אַ גרוב פאַר זיי אַלע צעזאַמען. —
(מיר ווייסן אַליין נישט פונוואַנען מיר שטאַמען.)

נאָר אָט איז באַשערט מיר אין לאַנדשאַפטן רויטע
דערבליקן דעם אַנזיכט פון פעטערס די טויטע...

טראַפּישער פרילינג. נאָר ערגעץ איז שטורעם. — — —
כ'זע ווי מע ברענגט מיינע פעטערס צו קבורה...

באַגראָבן די פעטערס, דער ווינט זינגט אַ „מלא".
עס דרוזגעט אויף הרודעס די שוואַרצע עגלה. —

ס'פאַרמאַכט זיך דער טויער פון שוואַרצן בית־עלמין.
עס מישן די ביימער די בלעטער פון פסאַלמען,

און וויקלען די קעפּ איין אין שוואַרצע טליתים. —
ס'איז נאַכט — און ס'קומען פון קברים די מתים

און שלאָגן אין קברות־מאַנס שטיבל מיט רידלען
און שפּילן „מה יפית" אויף ביימערשע פידלען...

די ווייסע פּראַצעסיע פאַרשווינדט צווישן קברים. — —
...אין חדר איז דעמער, עס ברענען די ספרים

אין שראַנקען, זיך לעשן — און לעשן זיך אויסעט...
די טראַפּישע זון אין די פענצטער דערגויסעט. —

די פעטערס פאַרשווינדן אין גליווער פון שטיינער.
די שקיעה אין פענצטער, דער אוונט — מער קיינער...

אַ שטראַמעלע בלוט

כ'האָב מורא!
ס'דאַזיקע שטראַמעלע בלוט,
איז פון דאָרטן.
איך שווער:
ער ציט זיך אַהער
פון יענעם פאַרטריקנטן גאָרטן
וואו ס'שטייען די ביימער און שווייגן,
מיט צווייגן
ווי הענט אין טרויער פאַרבראָכן...
כ'האָב מורא,
זינט יענער נאַכט,
ווען איוואַן אונדזער שכן
האָט געקוילעט מיין פעטער אברהם...
מיר דאַכט,
אַז דער דאַזיקער שטראָם
איז פון דאָרטן
פון יענעם פאַרטריקנטן גאָרטן. — —
כ'האָב מורא!
כ'האָב מורא!...

.1937

פּאַלמעס אין דער נאַכט

ווי פון לאַנד אַן אַנדערן,
געקומענע וואַלטן וואַנדערער
מיט קעפּ צעפּלאַשעטע פון ווינטן —
שטייען פּאַלמעס אין דער נאַכט פאַרשפּינטע.

ווי פרומע אידן — שמונה עשרי,
די פּאַלמעס וויגן זיך און וויגן. — —
און דער ווינט אויף שאַרף פון מעסערס
זינגט אַ ריטואַלן ניגון.

כּל־נדרי־שטימונג אויף פעלדער מעקסיקאַנער.
נאַכט ווערט פול מיט קולות פון פּאַגראַמען.
אויף די בערג די קליינע ביימלעך שפּאַנען,
און פאַרזייען די נאַכט מיט צלמים...

(1936).

רעמיניסענץ

ניט פארוויסט עס זיינען נאך די שפורן
פון יארן ווייט פארפלאסענע אין וואנדער.
און איצט — ווען ס'בויגט מיך צו אן אנדער
וועלט, ווי הימל בויגט זיך אין לאזור
צו מערב־צו, —
וואלט איך וועלן רו
און ניט דערמאנען
יענעם רויש פון באנען
און כליפ פון שיף אין ווינט־געוויין,
וואס האט געפירט מיין טרויעריק געביין
אהער צו נייער היים, —

ווען ניט די באנען
און די שיפן
וואלטן ווידער ניט גערופן
מיך צו וואנדערן
צו ברעגן אנדערע. — —

(1938).

מעקסיקאַנער לײַוונטן

ליגט מעקסיקע געגאַרטלט מיט בערג,
ווי ס'וואָלט זי ווער אין קייטן אייזערנע געבונדן.
טעג צעסמאַליעטע דאָ שליאָנדערן אַנטהוילטע,
און נעכט זיך וואַלגערן, ווי בעטלער־וואַגאַבונדן.

און געבענטשט איז דאָ דאָס לאַנד מיט זומער,
מיט פּאַלמעס ברייט־צעוואַקסענע,איילבירטן, באַנאַנעס, אַנאַנאַסן, —
פאַרוואָס זשע ליגט דער דלות דאָ אַ הונגעריקער, שטומער,
אויף ברודיקייט פאַרשפּיגענער פון געסלעך און גאַסן?...

ווי דיין פויגל קעצאל

ווי דיין פויגל קעצאל
און ווי דיינע פאפוגייען,
זענען טעג דיינע, מעקסיקע,
פילפארביק אין זייער שרייען.

ווי דיין ווילדער שטעכיקער מאגעי,
פון וועלכן דו זויגסט דעם זיסן זאפט,
אזוי דיין פאלק, מעקסיקע,
ווילד און רוי אין קראפט.

און ווי דער זודיקער מעטאל,
וואס זידט אין דיינע רויכיקע וואולקאנען,
אזוי די טעכטער דיינע, מעקסיקע,
תאווהדיק און שטאלטנע, ווי די שוואנען.

(1932).

טענאַטשטיטלאַן

.1

דיינע אַזיערע־שפּיגלען
צעבראָכענע ליגן. —
און די בערג, דיינע היגלען
זענען גאָלדענע שטיגן
צו זוניקע הויכן, —
שטאָט פון וואולקאַנישע רויכן.

.2

טענאַטשטיטלאַן!
שטאָט פון אַלטע אַצטעקן,
ס'איז אין דיר נאָך פאַראַן
אַזויפיל פינצטערע שרעקן,
אַזויפיל באַלאַסטן, —
שטאָט פון קאָנטראַסטן.

.3

שטאָט פון געטער און געצן,
שטאָט פון מזביחות,
מיט פרייע געזעצן
און פינצטערע מוחות;
שטאָט פון טויזנט קופּאָלן, —
שטאָט פון שפּאַניאָלן!

.4

שטאָט אימפעריאַלע,
רעפּובליקאַנישע שטאָט;
שטאָט קאָלאָניאַלע
פון יעזוס דעם גאָט
און קריסטלעכער לאַפּע, —
שטאָט פון רוימישן פּאַפּאַ!

5.

שטאָט פֿון קאַמף מיט געווער
קעגן גאָט און גלחים, —
וואו מע קעמפֿט קעגן קלער
און מע קלערט פֿון מלאכים,
פֿון יעזוס מאַריען, —
שטאָט פֿון אויפֿגאַנג און שקיעה!

6.

שטאָט פֿון ליים און גראַניט;
מיט שטרויענע, בלאָטיקע כאַטעס
און פֿון מאַרמאָר, קאָנקריט
און מיט אייזערנע גראַטעס
די טורמעס און שלעסער, —
שטאָט פֿון ליבשאַפֿט און מעסער.

7.

שטאָט מיט בולוואַרן און סקווערן;
מיט זוניקן זומער אום ווינטער,
וואו פֿרייד איז פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן
און ביי רייכע פּאַלאַצן די אָרימע קינדער
זוכן אַ ביסן אין מיסטיקן קאַסטן, —
עקזאָטישע שטאָט,
אַ, שטאָט פֿון קאָנטראַסטן!

(אויפֿן וועג קיין וועראַקרוז, נאָוועמבער 1934).

טשאַפּולטעפּעקער שלאָס

שלאָפט דער באַרג, דער וואַלד, אַרום דער גאַנצער געגנט.
פּאַפּוגייען־קולות שטעכן דורך די לופט ווי מיט קינזשאַלן;
די פרילינג־נאַכט מיט פייכטער קילקייט רעגנט
און מיט שטראַלן. —

דער פּאַלאַץ אויפן באַרג — אַ בלוילעכער מיראַזש —
אין אומעטיקער שטילקייט נעמט זיך וויגן.
און ס'דוכט: די נאַכט — אַ ריטערליכער פּאַזש —
פאַלט אַנידער אויף די שטיגן...

ריגלען אויף זיך שווער־געשניצטע טירן,
געשניצט פון אַלטע שניצערס קאָלאָניאַלע;
און ס'גייט אַרום דער שפּאַנישער ווירריי שפּאַצירן
מיט זיין כלה. —

כּורעים פאַלט ער פאַר דער הייליקער מאַדאָנע —
איינגעפּאַסט אין בלאַנקע מירמלדיקע ווענט;
און ערגעץ־וואו, ביים בלייכן שיין פון דער לבנה
אַ רויטער שייטער־הויפן ברענט. —

די נאַכט איז שטיל און דורכזיכטיק ווי גלאָז,
און ס'דוכט: די פּאַלמען זינגען זאַכט אַן אַלטע סערענאַדע,
און אויפן באַרג און איבער דורותדיקן שלאָס
שוועבט אַרום דער גייסט פון טאַרקוועמאַדאַ.

(1933).

יאָנטעוו אויף די גאַסן

(ערשטע אַנטיסעמיטישע מאַניפעסטאַציע)

...„אַרויסטרייבן די אידן"

(פון אַ פּלאַקאַט)

אויף גרויסן פּלאַץ, באַבוימערט און באַקווייטיקטן,
אַנטקעגן דורותדיקן, גרויען קאַטעדראַל,
גיי איך אום, באַטראַכט מיט ווייטיקן,
דעם אויפגערוישטן מענטשן־וואַל.

האָט יאושדיקע אָרימקייט פון פינצטערע קוואַרטאַלן
אַרויסגעטריבן זיי פאַר אַפנקייט פון שטאָט?
צי עס גייען דאָ די אויסגעהונגערטע און שאַלן,
בעטלענדיק ביי קאַלטקייט שטאַטישער גנאַד?!

— גישט דער צער פון הונגער־טעג און קרעציקע מעסלעסן,
און נישט דער קנויט בונטאַרישער אין חושך פון די מאַסן!
אַלטער סם אַריינגעגאָסענער אין נייע, ליימיקע געפעסן,
ווי שוועבל זודיקער אין שטייענדיקן וואַסער. —

ביים זשאַווערדיקן אַלטן טויער קאַטעדראַלישן —
דאַמען אַלט־קאַטוילישע, מיט גלאַנציקע אויגן צום פּאַראַד.
און ס׳ליגן פרויען, בלייך, אין בלויזעס אָרימע און חלשן
פון אַנגערויכערט־דושנע שטיקנדיקן טשאַד.

דאָס לעבן גייט מיט האַסטיק־שווינדלענדיקע טריט;
שטעלט זיך אָפּ ביי אַ פּונקט און קערט זיך אום צריק. —
און דערנעבן דאָ אַן אויסגעדאַרטער איד
שטרעקט צו הימלען ליידיקע — אַ בלאַנדזשענדיקן בליק.

האַלבטאָג טראַפּישער מיט ווענטקעס אין די הענט
כאַפּט שאַטנס אויף דער גאַס, ווי לויפנדיקע אינדן.
און ס׳צעקריכן זיך די שאַטנס איבער ווענט
פון קאַטעדראַל, — צעקריכן זיך, פאַרשווינדן...

דער איד — ער לייענט אונטערטעניק־שטיל פּלאַקאַטישע געשרייען.
קוקט אויף מיר, ווי אויף אַן אומבאַקאַנטן פרעמדן. — —
מידע אויגן, ווי צוויי אויסרוף־צייכנס שטייען: —
„פון דור צו דור קומט מען אונדז פאַרלענדן!"...

(2־טער יוני, 1931).

אָקסנקאַמף

... בלאַזאַרקעסטער שרייט
אונ שניידט,
שניידט מיט טענער, ווי מיט מעסער,
שניידט די לופט און ווערט אַלץ פרעכער,
העכער,
העכער
קריכט אַריין אין אַלע לעכער,
אין די שפּאַלטן פון די ווענט. — — —

פּליאַסקענדיקע הענט, —
אַפּלאַדיסמענט!

בראַוואָ,
בראַוואָ!
יובל־לאַווע,
טויזנטגאַרגלדיקער כאָר...
און עס שמייכלט פּיקאַדאָר. — — —

אַ טויט אין האַנט — אַ רויטע פאַן. —
(זאָל זיך רעטן ווער עס קאָן!)
דער יאַנטעוו הייבט זיך אָן: —

שפּרינגט אַרויס אַן אָקס אַ שוואַרצער;
ערשט אַרויס איז ער פון קאַרצער,
ערשט אַרויס און בייז און ווילד
און דער אָקס האָט זיך צעברילט
און צעבריקעט זיך גאַלאָפּ. — — —
גראָבט און גראָבט
מיט פוס, מיט רעכטן,
ווי אַן אָקס וואָס פאַרן שעכטן,
מיט די אויגן זוכט און זוכט —
און דערזעט די רויטע טוך...

קלאפּן פּויקן:

בום־בום־בום!

און דער אַקס

אין רונד־אַרום!...

— בליט אין רוקן שוין אַ בלום. — — —

בליט אַ בלום אין רוקן — רויט. —

(אוי איז דאָס אַ שפּיל אויף טויט!)

לאַכט און פרייט זיך פּיקאַדאָר, —

ס'איז דער יאָנטעוו פון טעראָר!

ברענט פון פרייד — אַ רויטער שייטער.

אויף אַ פערד אַ שוואַרצער רייטער

און אַ פּיקע אין דער האַנט...

דער רייטער אויפן פערד

און טאָרעראָ מיטן שווערד

שפּאַרן אַקס צו צו דער וואַנט

שטעכן איין אים צוויי קינדזשאַלן — — — —

ביז דער אַקס איז אומגעפאַלן...

אומגעפאַלן, — ווידער אויף!

און ער דרייט זיך, ווי אַ שרויף!...

... בליט דאָס זאַמד מיט רויטע קווייטן...

(ווי ס'וואָלטן זיין דאָ גרינע בייטן)

אַ טראָפּן בלוט — אַ רויטע קווייט...

די טאָרעראָס זאַלבעצווייט,

מיט די פּיקעס, שפּיזן — גרייט!

און דער אַקס איז ווילד און ווילדער

דרייט זיך אום אין ווילדן קרייז, — — —

טריפט זיין בלוט אויס טראָפּנווייז...

משוגענערווייז
שדייט אָרקעסטער:
יאַנטעוו גרעסטער!

פון די וואונדן־לעכער פון דעם אָקס
(אוי ווי ער טאַנצט זיין טויטן־פּאַקס!)
רינט דאָס בלוט אין שנירלעך דינע...

גילה
רינה
און געלעכטער...
און דער שעכטער
פּיקאַדאָר
(דער געראַכטער פון זיין דור!)
שטעכט און שטעכט
אַלץ פרעכער,
פרעכער — — —

... איבערפולט איז שוין דער בעכער
מיטן בלוט פון ווילדע אָקסן,
וואָס זענען נאָך אין צייט פאַרוואַקסן,
ווי די שטעכיק־ווילדע דערנער...

... און דער אָקס, מיט שאַרף פון הערנער
שטעכט און שטעכט מיט לעצטע כוחות...
קאָן נישט דורכשטעכן — די מוחות
פון די בלוטיק־טויבע שרייער...

... נישט קיין טוד — א רויטער פייער:
און דער אָקס, ער זעט שוין גאַרנישט,
נאָר אַ טוד אַ בלוטיק־רויטן — — —
און מע שלעפּט אים שוין אַ טויטן...

... עס איז אַ שפּיל פון צייט אַ שוואַרצער,
ווען ס'איז דער אַקס געווען אין קאַרצער
און מע האָט גערייצט אים מיט אַ טוד...

אַזוי פאַרשריבן איז אין בוך,
מיט מענטשנבלוט
יענע צייט פון שייטערהויפנס און טעראָר. — — — —

— ס'וועט זיין נישט גוט,
אָ, פּיקאַדאָר!...

(1934).

יאָנטעװ אין שטאָט
(16-טער סעפּטעמבער)

יונפאַרגאַנג אויף קלויסטער־שפּיצן.
גלאָקנקלאַנג. הויקערדיקע זקנות זיצן
ביים ברעג פון טראָטואַרן,
פאַרקויפן ניס
און ברענענדיקע קנויטן.
אינדיאַנערקעס — מיט באָרוועסע פיס
זיך שאַרן —
קליידער — הענגענדיקע צויטן.

אויף כוואַליעדיקע גאַסן —
קינד און קייט.
יובל־גראַגערדיקע פרייד,
און שיכור־קלינגלענדיקע טאַצן,
פייערווערק,
ווי האָפענונגען פּלאַצן.

שטראַלן־שיט
פון פּראָזשעקטאָרן
ווי טויזנטוואָלטיקער געשריי
פון זינגענדיקע כאָרן,
פון דער אָרעמקייט
צעהוליעטער אין שענקען.

בונט־פאַרביקע מענגען,
ווי די רעגנבויגנס וואָס הענגען
אין איין זייט לויטערדיקן הימל —
און דער צווייטער —
טונקלט זיך אין כמאַרעם.

אויף גיטאַרעס
און אויף פּייפּעלעך אַזוינע,
גרימפּלען אוים המונים
זייער צאָרן,
וואָס דרעמלט טיף,
ווי קינדערלעך אין קוים,
אויף קאַלטן נאַקעטן
פון די גרויע טראָטואַרן.

דלות — דער פריילעכער זינגער,
זינגט און שרייט זיין נויט
און הונגער,
דזשיכזשעט, גרימפּלט
אויף גיטאַרעס.

פון ווייטער ווייט
דורך טונקלענדיקע במאַרעס
פרימאַרגן קריכט —
אַ בלינדער, גראָבנדיקער קראַט. — —

יאַנטעוו אין שטאָט.

(1931).

בראָנזענע פויערן

די פויערן, קינדער און ווייבער,
מיט געגאָסענע לייבער
פון בראָנז און פון קופּער.

פון בלוטיקן פּורפּור
די שלאַנג און דער אָדלער,
די סאָווע.

שאַרלעד־טונקלדיקע גראָווע,
די תבואהקע בייטן,
קאַקטוסן גרינע מיט שטעכיקע קוויטן
און דערנער
משונה׳קע חיות מיט הערנער
פאַרפלאָנטערט אין צווייגן.

אין זילבערנע טאָלן —
א גאָלדענער שווייגן.

פרויען מיט אויגן פאַרשוואָלן;
טרערן, ווי בלוטיקע אַרבעס.

הארב איז
דער גורל פון פויער אין דארף:
אין זומפן פון טארף,
ביי פיס פון וואולקאנען,
דאס רייסן מיט סאכעס די הרודיקע פלאכן
אין פינצטערן קריכן אין גאלדענע שאכטן,
מיט העק און מיט האמערס,
וואס רייסן פארשטייניקטן הארץ
פון גאלד און פון זילבער, פון קופער און קווארץ.
הענט וואס באהעפטן
דעם שפליטער פון קרעפטן,
וואס האקן די שטיינער אין גאלדענע שאכטן,
וואס רייסן די שטייניקע פלאכטן
ביי פיס פון וואולקאנען.

בראנזענע פויערן שפאנען,
מיט הענט מוסקוליארנע, ווי דראטן,
און קלייבן דאס גאלד,
וואס דער טאג האט צעשאטן
אין טראפישער שפע, אין זילבערנע טאלן,
אויף זוניקע בערג — —
אויף שטאלענע קערק
טראגן זיי שאלן,
וואס וועגן דאס גאלד פון דער ערד.
אין הענט, ווי אין צוואנגען,
פארפעסטיקטע שווערד —
דער סערפ און די גארבן.
און גרייט איז דער פויער צו שטארבן
אין אויפגאנג
פון זוניקער ערא — — — —
פויערן־בילדער פון דיעגא ריווערא.

(1933).

אינדיאַנער דערפל

אַ הייזל אין אַ הייל, —
אַ וואונד אַן אויפגעמאַכטע. —
קינדערלעך, הויל,
מיט גופימלעך פאַרשמאַכטע,
ווי ווערעמלעך זיך שאַרן
אויף די שטיינער־שפּיצן. — —
זקנות זיצן,
ווי שמאַטעס־קנוילן איינגעדרייטע,
אויף אויסגעשפּרייטע
שטרויענע געפלעכטן,
הענער פעכטן;
צווישנצייניקער געלאַד
אויף משונה ווייכער
אינדיאַנער שפּראַד.

קופּערנע,
האַלבנאַקעטע אינדיאַנער,
מיט אויגן, ווי ביי ציגײַנער,
מיט ברייטע נעזער
און פליישיקע ליפּן,
מיט דריבנע שריטעלעך,
ווי שרעטעלעך
היפּן,
אויף די פעלדער, העל־באַזוניקטע,
פון קוקורוזע. — —

אין ווייכן, סאַמעטענעם טאָל־שוים,
ווי געזונגען וואַלט קאַרוזע,
אַ סענסאַנטע זינגט דעם טרויער אוים
פון נעצאַוואַלקאַיטלס געזאַנגען...

די זון איז הינטער בערג פאַרגאַנגען,
און צריק דעם וועג שוין נישט געטראָפן,
און איז, ווי אַ קינד,
אין טאָלן איינגעשלאָפן...

(1931).

אַ טאָג אין דאָרף

אַ פּויער —
מיט אַ פּנים פון יויזל,
גייט טראָט ביי טראָט,
מיט זיין אייזל
אין שטאָט.
קינדער אויף גאַטס באַראָט —
נאַקעט און באָרוועס.
נאָר וואָס
איז די זון פאַרגאַנגען,
מיטן האַנט צו דערלאַנגען —
אַ הינטערן וואַלד.

און דער וואַלד ברענט —
אַ פאַנטאַסטישער מויער
מיט פייערדיקע ווענט.
דער פּויער
גייט אין טריט פונעם זייגער
און ס'גייט־מיט דער דאָרפישער שטייגער.

טיקטאַק.
און צום טאַקט
קלינגט אוונטיק דאָרפישע קירך.
און איך —
שטאָטישער גאַסט
(זיך אַליין צו נאַרן)
האָב מיטגעבראַכט אַ בוך פון ווערהאַרן. — — —

(1934).

אין כּאַקאַל

לבנה שרייבט אויף גרויען דיל
זילבער אותיותלעך מיט קרייט.
אַלטע לייט
דערציילן שטיל
פון דאָן בעניטאָ כּוארעז.
אויף ערדיקע געלעגערס, ווי אויף נאַרעס,
טרינקען קינדער דאַרשטיקע לבנה־שיין דורך שפּאַרעס.

אויף דרייעק אייזערנעם — די מוטער פּרעגלט
העזעלעך — מעדני מלד.
אַ קעצל האָט זיך איינגענעגלט
אין איר פּאַלע, וואַרעמט זיך ביים פייער. פּריילעך
שפּילט אַ פייפעלע, אויסגעשניצט פון אַטשערעט,
קאַרידאָס היימישע —
פון היימיש דאָרפישן פּאָעט.

(1931).

אַ מעקסיקאַנישער פויער

אַ גרויסע הוט — אַ קליינער קופּאָל —
איבער אויגן הענגט אַראָפּ.
ס'קוקט די זון, ווי דורך אַ לופּע,
אויף דעם פויערס קאָפּ.

אין בלוי צעשטרייפט דער גרויער טלית־קטן,
ווי ציצית לאַנגע — קרויזלדיקע פרענדז...
אויף דער זון די קינדערלעך זיך בראָטן,
ווי אין טייכל די זיך פּליאַסקענדיקע גענדז.

שלעפּט אַן אייזעלע פּאַמעלעכל אַ סאָכע,
ווי אַ פערד אַ סיוועך אין פאַרצייטיקער רוס, —
און ס'פּאַלן פלאַכטעס ערד, ווי שטיקער מזל־ברכה,
אין דעם טראָפּיש־זונעדיקן פלוס...

מיט קעפּלעך קוטשעריאַווע — אַנאַנאַסן,
ווי ווערים גאָלדנדיקע — שטראַלן אויף זיי קריכן.
ערד ליגט אַ צעפּאַלמעסטע אין פּאַסן
און די זון זיך שפּרייט — אַ בלוטיקע ק אָ ו י כ ע...

(1930).

אויפשטאַנד

רו פון בתולהדיקע פעלדער. —
גייענדיקע וועלדער
קיפּאַריסן —
ברוינהויטיקע מעסטיסן — —

ביקסן און מאַטשעטעס
אויגן — ברענענדע שטורקאַצן
אין דער נאַכט — — —

גראַנאַטן — אויפגעקראַכט — —
יאַנטעוודיקע קועטעס
פּלאַצן...

מיט שוואַרצן סליאַד
פון יעדן היים און פלינק מאַרשירנדן
סאָלדאַט.

אין פייערלעכן בונד —
אַ טרייער הונט, —
דער טויט,
היט —
גייט מיט. —

בערג פון מאַלאַכיט,
מאַרמאָר און קאַנקריט —
ווילן פעלדזיקער און בלינדער
פון פרייהייט־דאָרשטנדיקע קינדער
פון די אַלטע אינדיאַנערס וואַגלענדיקע שבטים...

שונא לויערט שטעג און טראַט. —
פאַרצוקנדער קאַיאַט
מיט אַנגעשאַרפטע שטשירענדיקע ציינער
און וואונדיק־בלוטנדיקע הענט...

ב—ר—אַ—ט א—י—ם

א—ו—ן פ—אַ—ר—ל—ע—נ—ד !...

האַסטיק הייסע יונגע יונגען, —
פייערדיקע צונגען
פון אויפגעזיידטן דורותדיקן צאָרן.

דער האָרן
שרייט: —

ב—אַ—פ—ר—י—י—ט

ד—י ע—ר—ד ! — —

בלוטיקט שווערד
זוניקדרויט — —

שונא טויט...

די זון האָט אויפגעמאַכט
אַ פענצטער אין דער נאַכט
אין סוף פון שלאַכט. — — —

אַ סאָלדאַטקע

פלינק ווי פייל פונעם בויגן;
צעפ געפלאָכטענע — פון פעך; —
פון טשיקאַסאַפּאַטע די אויגן,
פייליקע בליקן ווי שטער.

פון די ווילדע פּאַפּוגייען —
איר ראַשיקער געלעכטער;
אַלע אירע אברים שרייען
געשריי פון אינדיאַנישע טעכטער.

איר תאווה איז שוימיקע פולקע
נאָרוואָס פון גרינעם מאַגעי. —
אַ בלאַנדזשענדע קויל — איז איר ליבע;
איר ווייטיק — אַ ווילדער געשריי.

פינצטערן טאָל און דעם באַרגוועג
קענען די פיס אירע בלינד. —
זי ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר זי הרגעט,
זי הרגעט פאַר עמיצנס זינד. — —

(1935)

אַ מעקסיקאַנער מיידל

אַ קינד, וואָס ציילט נישט מער ווי דרייצן זוניקע אַפּרילן,
שלאַנקע פּיס און מעסער־שאַרפע שלאַנגען־אויגן,
בליקן־פּיאַווקעלעך — די לײדנשאַפט צו זייגן
בליקן פלאַמיקע פון תאווה־גליאיקע געפילן.

די שיכעלעך — פון קראָקאָדיל־און שלאַנגען־פעל,
אויף ברוינעם האַלדז — אַ שניר̈ל גרינע גלעזערנע קאַרעלן,
בראַסליעטן בלאַנקען מעשענע און שלענגלען זיך, ווי וועלן,
און קופּער־בראָנזענעם געזיכט — פאַרווייסט מיט פּודער־מעל.

אין זוניקייט אין טראָפּישער — אַן אויפגעכאָוועט קינד;
זי טרינקט פון בעכערס ביטערע, ווי שאַרפן וויין, די זינד,
מיט אָפענער פאַרשייטקייט פון איר גליענדיקער לוסט.

ליבע נעסטעט, כהרף־עינדיק; אין יונגטלעכער ברוסט
און שיט זיך אויס ווי זאַנגען זאַפטיקע אין תמוזדיקן ווינט
און מיט ערשטער פרוי־דערקענטעניש פאַרשווינדט...

(1930).

קוואַטעמאַצין

פינצטער געסל,
מיט אויסגעבלעקטע בלישטשענדיקע אויגן!
האסט זיך פארבויגן
וואוהין?
אן א זין
די טעכטער דיינע שטאַרן,
ווי אויסגעלאשענע פאנארן,
ביי אויפגעפראלטע טירן, ווי קברים.

ווי א ווארים
דורכגעקראכן
דורך צייטיקער פרוכט,
האסט זיך דורכגעשטאכן,
פינצטער געסל,
דורך שטאָטישן בויך פון צירלעכקייט.

פארשייט,
אַנטהולט די ברוסט און שאנד,
שרייט די נויט אַרויס
פון איטלעך הויז
און וואַנטיקער שפארע.

קינדער דיינע, דאַרע,
ווי טראַגישע געשרייען
שטייען
אין טרויער־קראמפנדיקן ציטער.
היטער
פון דיין גרויליקייט
און נויט. — —

ווי בלעטלעך פון קרויט,
צעקנייטשט די הויט
און הענט,
פארפארבט, ווי לעבערדיקע ווענט,
מיט ווייסן קאַלעך־פארב. —
פינצטער געסל —
שטאַרב!

(1931).

געזאַנג צום וואַגאַבונד

די שפּיגלען פון אַלע ביינאַכטיקע קאַפּייען,
האָבן פאַרנומען דיינע שטאַרבנדע געשרייען;
און דורכגעבראָכן ווי דורך אַ פּריזמע,
אַלע דיינע קאַטאַקליזמען, —
אָ, גאַסן־וואַגאַבונד!...

דיין לעבן, שרייט —
ווי אַן אָפענע וואונד
פון דער צייט, — —
די צייט — ווי וואַסער אויף אַ שטיין,
האָט מיט אירע בלוטיקע ציין,
דיין גוף צעפרעסן, ווי מאָל אַן אַלטע קלייד,
און געלאָזט דיך טרויעריקערהייט
ביים ראַנד פון נישט אויסגעבראָכענעם געוויין...
דיין גרויליקן פּנים בורלעסקן
האָט דער צייט־מאָלער אין פרעסקן
אויסגעשטאַמפּט, מיט בלוטיקע פאַרבן, — — — —

און אַז דו וועסט שטאַרבן,
אָ, גאַסן־וואַגאַבונד, —
וועט דער טרויער, ווי אַ הונט,
דיך צו קבורה באַגלייטן. — — —

און נישט קיין קוויטן,
וועט אַ צאַרטע פרויען־האַנט,
אויף דיין קבר שפּרייטן, — — — —

נאָר די האַרבע, ביינערדיקע וואָר,
ווי אַ קראַנקע, טמאה הור,
דעם פּנים פאַרדעקט פאַר שאַנד,
וועט ביי דיין קבר שטיין
אין קליידער, צעפליקטע, צעשליסן, —
און וויינען דעם געוויין,
פון צעריסענעם געוויסן...

(1934).

סאַטשעמילקער קאַנאַלן

הימל און בלומען
צעשוואומען
אין אזיערע־שפיגלען.
בערג און היגלען,
וואלד
און זונפאַרגאַנג.
געזאַנג.

גאָלדענע גאַנדראָלן
ווימלען,
שניידן שטיקער זון און הימלען,
שטראַלן:
סאַטשעמילקער קאַנאַלן.

מיידלעך — מיט שקיעהס אויף געזיכטער;
ביימער אין וועלדל ברענען, ווי ליכטער...
פאַראַוונט — מיט ברייטע, זילבער־פּאַלעס
וויקלט איין די גאָלדענע גאַנדאָלעס,
בערג און געגנט. — —
מיט אומעטיקער שטילקייט רעגנט
די לבנה — אַ שיפל אין פאַרלוירענע מאַרשרוטן...

מיט אויפגעזידטע בלוטן,
יונגען — יונג, מיט אַקסלען שמאָלע
און מיט ברייטע שאַראַוואַרעס,
גרימפּלען אויף גיטאַרעס
טראַפּישע ראָמאַנסן. — —
מיידלעך טאַנצן;
אומעט
און געזאַנג...
תאווה, ווי אַ שלאַנג,
וויקלט זיי אַרומעט...

אַ וויקטראָלע
הייזערט אויס אַ סאָלאָ
פון טראַוויאַטע;

מוידלער — מאַטע,
אויסגעוואָלגערטע פון טאָג־שפּאַציר און ווייַן
דרעמלען איין
אין שויס פון אַלטע מאַמעס...

דער אונטן, ווי אַ לאָם איז
איינגענורעט אין ווייכע פּליושן פון די טאָלן. — — —
לבנה־זילבער־קושן
פאַלן
אין דרעמלענדע קאַנאַלן.
ליידיקע גאָנדאָלן
שטייען צוגעבונדן צו די ברעגן...
הינטלעך לעקן,
וואו פאַרבליבן איז אַ ביין. — — —

און ביים ברעג — אַ שיכורע, אַליין, —
אַ גאַסנפרוי, מיט אַפּגעהוילטער ערווה,
לייענט שטיל, מיט ביטערן געוויין
צאַרטע לידער פון אַמאַדאָ נערוואָ...

אין דיין שטאָט מאָדערנער

אין דיין שטאָט מאָדערנער,
מעקסיקע, וואו דיין גאָט מיט הערנער
איז פאַרביטן אויף דעם אַלפאַרגעבנדיקן גאָט
פון באַרמהאַרציקייט און גנאָד,
און וואו טעמפּלען האָט מען אויסגעבויט
לויטן מוסטער פון אייראָפּע, —
אויף אַלע ראָגן פון דיין שטאָט,
ווייִנט נאָך אַזוי מוראדיק די נויט
פון די קינדער דיינע באָרוועסע, אין קויט,
ווי דער טרויער־מאַרש פון שאָפּען. — — —

געוויין פון נעצוואַלקאָיעטלס געזאַנגען,
פון דיין אַלטן קעניג און פּאָעט,
איז אויף אייביק שוין פאַרגאַנגען. — — —
און דעם אינדיאַנערס הייליק־פּאַרכטיקע געבעט,
וואָס איז אין די קלויסטערס שפּעטער אויפגעגאַנגען,
איז צו הימלען נישט דערגאַנגען. — — —

פּרימיטיוון שטאָלץ פון דעם אַצטעקאַ און מאַיאַב
צעבראָכן האָט דער שפּאַניער און דער שוואַב,
און געקומען איז דער ענגלענדער, פראַנצויז,
אויסצוליידיקן דיין שפּעפּולע הויז!

אין אַצטעקאַס בראָנזן־לייב — וואונדערלעכן שטאָם —
פאַרזייט די נייע קרענק — אייראָפּייער סם. — — —

(1934).

ווי צווייגן טרוקענע — דיין צאָרן

ווי צווייגן טרוקענע אין פלאַמען
ברענט דער טראָפּישער טאָג דיינער, מעקסיקע!
און ווי אַ פאַרוואָרלאָזט קינד אָן אַ מאַמען,
שלעפט ער זיך אום אַ קרעציקער
און ווייסט נישט וואו צו לייגן דעם קאָפּ,
ווען ס׳קומט די נאַכט אַראָפּ
אין שטאָט, און צינדט זיך אָן
מיט יאַנטעוודיקע פייערן, ווי מאַן
אַקאַרשט צעבליטער אויף אַ פרילינג־פעלד. — — —

דעמלט ליגט דיין דלות, קאַרטשעט זיך פון קעלט
אין מיט פון אווענידאַס, רייך מיט ליכטיקע פּאַלאַצן,
בתי־זונות, קאַבאַרעטן, קאַטעדראַלן,
און מיט אַזויפילנע פרעמדלענדישע מאַגנאַטן. — —

פאַר ערגעץ־וואו אין פינצטערע באַקאַלן,
פויקן באַראַבאַנען און ס׳קלינגען טאַצן;
אַ מאַרימבאַ שפּילט איר טרויעריקן ניגון
פון יאָרן שקלאַפעריייען, תפיסה׳קע גראַטן,
דורותדיקן פּיין; און פון בראָווע מוטיקע סאָלדאַטן,
וואָס האָבן מיט בלוט געצאָלט פאַר ליגן
און באַטרוג פון די באַצווינגער — די שפּאַניאָלן,
וואָס האָבן אויסגעבויט אַזויפילנע קופּאָלן,
אַזויפיל גלעקער אויפגעהאַנגען,
און מיט דומפּע, מיטלאַלטערלעכע קלאַנגען
געוואָלט פאַרשלעפערן, פאַרוויגן
דעם קעמפערישן לוסט פון וואַגלענדע אינדיאַנער;
זייער ווילן שטאַליקן און געדאַנק דעם קלאָרן
פאַרבלענדט דורך ווייסער פרייד,
און זיסע רייד
פון קאָנקיסטאַדאָרן. — — —

דעמלט, ברענט, אַ, מעקסיקע,
ווי צווייגן טרוקענע — דיין צאָרן!

.(1934)

געזאַנג צום פייער

ס'איז דיין גאַט
נאָך אַלץ דער גאָט, וואָס נידערט אין די רעגן —
שלאַקסן. —
און וואָס וועט וואַקסן,
מיינסטו,
אין פאַרדיינעטוועגן — :
די גאָלדענע הבטחה פון די פעלדער,
בליאונג פון די וועלדער
און פון טאָלן. — —

נאָר דו —
דו דאַרפסט נאָך אַלץ באַצאָלן
פאַר דאָרן ברויט און הונגער...

*

פייער,
מיט ליכטיקן טרויער אין אויג!
צו דיר געהערט דער בלויער הימל־בויג
פון האָריזאָנט. — —

די שטים וואָס מאָנט
רעכנשאַפט פאַר אַלץ, —
איז דיין ברויט מיט זאַלץ.

און נישט דער פּיליסטער פון שטאָט
און נישט דער נביא פון גאָט,
וועלן לייכטער מאַכן דיין טראָט
אויף דער ערד. — —

(וואָס טויג דער בלענד
פון די גאָלדענע רייד,
אַז דו ווייסט נישט פון זיי דעם באַשייד!)

דיין זיידע האָט נעכטן באַגינען
(צריק מיט אַ פּאָר צענטליק דורות)
פון פלאַקס זיך זיין לייוונט געשפּונען
(ווי איצט האָט אַ רעגן געמראַקעט),
און ווי ער, — דו גייסט נאָך אום נאַקעט!...

צינדסט דעם מאַגערן קנויט
פון די מנורות
צו געצן פון אַלע אמונות —
און מער ווי דאָס ברויט
און טרונעם
פאַר ווייב און דיין קינד
— ווי דיין זיידע אַמאָל —
האָסטו אויך נישט אַצינד, —
פויער,
מיט ליכטיקן טרויער אין אַפּל!

אויף אַ נידעריק־הילצערנעם שטאָפּל
דיין שטאַלץ און דיין רעכט!
אין בלינדע, אין פינצטערע נעכט,
דו בעטלסט רחמנות און גנאָד
ביי גאָט
און ביים פיליסטער פון שטאָט. — — —

פּריסטער פון פעלד,
דיר געהערט
דאָס ליכט פון דער וועלט,
דער הימל־בויג פון האָריזאָנט...
און די שטים וואָס מאָנט
רעכענונג פאַר אַלץ, —
איז דיין ברויט מיט זאַלץ!

ברוינהויטיקער ברודער

ברוינהויטיקער!
ברודער פון דעם ווייס און שווארץ און געלן,
און פון דעם העלן
מיט די בלאנדע האר!
ברוינהויטיקער ברודער פון טויזנטער יאר!

מיר לעבן צוזאמען און שטארבן. —
טא ווער האט צעטיילט אונדז אין פארבן,
אין ראסן?
געלערנט אונדז האסן
איינער דעם צווייטן, ווי ס'האסט זיך א קאץ מיט א מויז,
וואס וואוינען צוזאמען אין זעלביקן הויז.

אינדיאנער דו ברוינהויטיקער,
וואס גייסט אין ווייסע קליידער אום — א קויטיקער,
א מידער
און זינגסט דיינע לידער
האפערדיק
און מיט אזויפיל טרויער טרעריקן אין אויגן.
ווער האט דיך איינגעבויגן
און פארצערט?

זע, דיין ערד
מיט גרין און רויט צעבליט.
דיין זון צעגליט
און וואַרעמט אוים ווי פוד
דעם רויט און גרינעם טוד
פון פעלד און בארג און טאל,
און גינט מיט גאלד
דיין לאנד

און דו שטרעקסט דיין האַנט
און בעטלסט ברויט!
ליגסט אין קויט,
און דערנעבן
היט דער טויט
דיין לעבן —
דיין לעבן יונג צעבליטן.

ס'האָט קיין שטורעם דיך נישט אויסגעמיטן
און קיין רעגן.
דו גייסט דורך שטיינעריקע שטעגן
פון דיין לאַנד,
וואָס גייט אַריבער ווי אַ קעלישקל מיט וויין
מיט בלוט פון ברודער דיין.

און דו —
דו וויקלסט זיך אין שאַלן
אינמיטן זומערנאַכט,
און טראַכסט — :
פּאַרפאַלן!

און נישט דו ווייסט,
און נישט דו שפּירסט,
ווי אונטער הויטן דיינע — גייט ווי נאָדלען אום — דיין האַס
צום קלאַס
וואָס האָט דיך צו שאַנד און נויט געבראַכט
און געלאָזט דיך אין דער נאַכט!

(1935).

קאָסמאָפּאָליטישע שטאָט

שטאָט קאָסמאָפּאָליטישע!
האָסט נאָך גלחים יעזואיטישע
אויף דײַנע בולוואַרן
און הויף־נאַרן
פון די צייטן פון ווירייען. —
צי זאָל איך מיך פרייען
צי זאָל איך טרויערן
וואָס אויף דײַנע טויערן
און שטייניקע פּאָרטאַלן
און אין אַלע קאַף־האַקאַלן
דײַנע שטאָטישע,
טרעף איך פיגורן
דאָנקיכאָטישע
מאָנספּאַרשווינען סאַנקולאָטישע
און גאַסן־הורן
ווילד־עקזאָטישע
מיט קופּער־בראָנזענע לײַבער
און קודלעם גאָלדענע,
וואָס טראָגן היטן טראָלדענע
על־פּי מאָדע דע פּאַריז,
און ווײַבער
הייליקע
אין נאָנע־שאַלן
ביי די קאַטעדראַלן
און ביים יויזלס פּיס. — — — —

איך טרעף אַמאָל אויף דיינע גאַסן
אויך די ברידער מיינע בלאַסע,
מיט קוטשעריאַווע קעפּ און ווינטיקע פּאַלעס, —
מיינע ברידער אויסגעמאַטערטע פון גלות
און וועלטישע יאַרידן. —
צו וואָס לייקענען — די ברידער מיינע אידן. — — —

איך זע זיי וואַנדלען אויף די ראַגן — :
טראָגן פּעק און זעק, חלומות פון פּאַרטאָגן,
און אויך דו מיין שטאָט (אין אָנהייב טאָגן),
קאָנסט זיי נישט פאַרטראָגן!

שטאָט מיינע, דו יעזואיטישע,
דאַנקיכאָטיש־סאַנקולאָטישע
און וועלט־דערלייזערישע שטאָט!
אויב דו האָסט אַ גאָט
(און דו האָסט געוויס!),
פאַרניי דעם ריס
פון אַלטער טאָגע
אויף דיין אויסגעאיידלט לייב פון וועלט־פּראָגרעס.

פאַרמאַך דאָס מויל פון גלאָקן
וואָס רופן נאָך צעשראָקן
באַנג
(מיטלאַלטערלעך און קראַנק)
צו די תפילות שוין פאַרשפּעטיקטע, —
די מעסע פון אַ סידורל וואָס איז פאַרגעלט
און טרויעריק
ווי דאָס פּנים פון דער וועלט
אין אונטערגאַנג. — —

שטאָט פון נס
און וואונדער,
פון 20־טן יאָרהונדערט!

פון רויטן אויפגאַנג זוניקן
אַריבער בערג און היגלען
און שוואַרצע שפּיגלען
וואָס שפּיגלען גויסעסן געזיבט
פון זונפאַרגאַנג. — —

(1937).

מעקסיקאַנער,
מיט אַזיאַטישן פּנים און קאָליר,
מיט בלוט־געמיש פון אַפריקאַנער שקלאַבן!
דיין ברענענדיקער האַס,
דער כעס
וואָס שרייט אַרויס פון דיר, —
דאָס איז דיין וואָפן!
דער וואָפן קעגן דיינע שונאים־אייראָפּייער,
וואָס געבראַכט האָבן אַהער
דעם ערשטן שלייער
פון קולטור
און פאַרדעקט מיט אים
דעם לעצטן שפור
פון דיין נאַקעט לייב!

דיין ווייב
פאַרנאַרט
פאַר אַ גלעזערנעם בראַסלעט
און אַ בייטשל קרעלן
און דיין קינד פאַרשפּאַרט
אין מיטלאַלטערלעכע צעלן. — — — —

דאָס ערשטע דאָ אויף נייער ערד
האָבן אויסגעבויט שפּאַניאָלן:
קלויסטערס און קופּאָלן.

(1934).

קופּאַלן

סיהאָט שפּאַניע דאָ די ערד די בתולהיקע געקרייציקט,
[illegible]מעטום קופּאָלן קלויסטערשע פאַרשטאָכן. —
בלוטיקט דאָ אַ שעפּס אַ שטילער — נוצרי —
פאר זינד ווער ווייסט פון וועלכע פינצטערע עפּאָכן...

קלויסטער־לאַנד! מיט פרומע נאָנעס אין די אַלטע קאַטעדראַלן!
ווי קרישטאָל די גלעקער ברעכן זיך אין שפּעטע לויטערדיקע נעכט.—
אין ווינקלען פינסטערע דער מיטלאַלטער זיצט — פאַרוויקלטער
אין שאַלן,
און ביי ברעגן פון דער נאַכט — פאַר נייער צייט גייט אָן אַ בלוטיקער
געפעכט...

קלויסטערס

שטייען קלויסטערם — עובר־בטלדיקע זקנים —
קופּאַלן — קעפּ פאַריסענע צום הימל. —
שטייען קלויסטערם וואַרטן נישט אויף קיינעם,
שטייען גלאַט אַזוי, כאַפּן שטיל אַ דרימל...

אַ מענטש אַ דאַרער זשאַווערט אויף די קרייצן,
אויגן גיסן בלוטיק־זשאַווערדיקע טרערן...
ס׳הערט נישט אויף דער רעגן טראַפּישער צו פּלייצן
און וואַשן אים דעם בלוטנדיקן שטערן...

נאַכט קומט אָן מיט בעטלערס שוואַרצע, ווי מאַנאַכן,
פאַלט אויף קני און לייגט זיך אים צופוסן —
דרעמלט שטאָט צעקעסטלט, ווי אויף שאַכן,
מיט קלויסטערס אַ פאַרשוואַלענע, ווי אייטערדיקע גוזן...

.(1931)

קריסטוס זיצטביים שוועל פון קלויסטער

קריסטוס זיצט
ביים שוועל פון קלויסטער גאַנץ פרי,
די הענט פאַרלייגט
ווי צלמס אויף די קני
און קייט אַ דאַרן שטיק ברויט...

קומען אַלטע ווייבער
צינדן אַ קנויט
און וואַרפן קופּערנע גראַשנס
אין די פּושקעס אויף די ווענט...

שטרעקט אויס
קריסטוס
זיינע בעטלענדיקע הענט
און בעטלט אַ נדבה — — —

ווייסט נישט קיינער,
אַז קריסטוס
דער זון פון יעהאָוואַ
ט'זיך אין אַ בעטלער
פאַרוואַנדלט...

גייט אום און וואַנדלט
איבער דער וועלט
און שטאַרבט פאַר הונגער
און קעלט...

(1932

וואונדער אין שטעטלשער קירכע

דערוואכנדע שטילקייט פון טיפע פארטאלן,
פארלאשענער קלויסטער. פראנציסקאנער מאנאכן.
איך זע ווי זיי גייען פארוויקלט אין שאלן —
שפאנענדע מומיעס, וואס ווילן דערוואכן...

זיי גלעטן די לבנות פון קעפ די ראזירטע,
און שיקן די צלמים פאראוים אין פראצעסיע.
ס'קומען פון קלויסטערס די נאנעס פארווירטע
און ס'קושן זיי זינדיק מאנאכן... (לפני עם, בפרהסיא)

ס'גייען אינדיאנער זיי נאך אין המונים,
און בוקן זיך, בוקן ווי קנעכט פאר די הארן. — —
(ס'האט קיינער א גאנג נישט געזען נאך אזוינעם:
פארבייגייער גלאצן פארגאפטע און שטארן...)

ס'קריכט יעזוס אראפ פון די ווענט, אין הייזעלער רויטע
און שפאנט מיט די מומיעס אין דעמערשן שטעטל. — —
ס'קריכן פון קברים ארויסעט די טויטע
און ס'קנאקן די ביינער פון אלטע סקעלעטן. — — —

כ'וואלט נישט דערציילן, ווען כ'זע נישט דעם וואונדער,
אין שטילקייט וואס וועקט זיך פון טיפע פארטאלן. — —
(די שקיעה האט געצונדן אין גליאיקן צונטער
די קעפ פון מאנאכן אין פינצטערע שאלן...)

פארשווינדט די פראצעסיע ביים אנהייב פון נאכט־שיין.
די טויטע צעגייען זיך שטיל אין די קעלערס. — —
דער שומר די טירן פון קלויסטער פארמאכט שוין,
נאר ס'ציילט נאך דער גלח די גראשנס אין טעלער...

זונפאַרגאַנג אין קלויסטער

...דעם גלחס געבעט אינדערשטיל
זיך קייקלט ווי א לײדיק ניפל
אויף מאָזאַאיק פונעם דיל...
מיטן פּנים אראָפּ, ווי אַ גאָלדענע שיסל
איבערגעקערט,
דער קופּאָל אויף דרערד,
מיט זילבערנע שטערן,
זון און לבנה,
מיט שרפימלעך ווייסע
און הייליקער מאַדאָנע...

מענטשן סקעלעטן,
מיט בייניקע פּנימער, ווי פּראָפּעטן
קניען אַוועק
אין הייליקער שרעק
פאַר גאָט. — —

גווידערדיקע פרויען פון שטאָט,
מיט שמאַלציקע געזיכטער,
צינדן איינגעדאַרטע ליכטער...

פאַר דער געלבלעכער מאַדאָנע,
אַ האַרביקע נאָנע,
מיט יונגען פערוועזע,
לייענען פּסאַלמישע פערזן
און וויינען אין פאַרכטיקן ציטער,
אַז פאַטערל, גאָט דער באַהיטער,
זאָל זיך מיט זיי דערבאַרימען טוג,
ווי מיט יעזוסן זיין הייליקן זון. — —

בײַ אַ בלאַנקגד־באַזילבערטער נישע, —
אַ זינדיקע אישה,
ווי אַ מוכיע אין שוואַרצן געהילט, —
אַן קאַלטן שטיין
זי קילט
איר שטערן
אין גרויליקן געוויין: — —
„זאָלסט דערהערן,
בתולה הייליקע,
מײַן תפילה פון פאַרנאַכט
און אויף בײַנאַכט
פון מיר לוציפערן
פאַרטרײַבן,
מוטערל געטרײַע!...״

זונפאַרגאַנג אין פײַער
ברענט
פון קלויסטערדיקע ווענט
און שרײַבן נעמט
מיט פינגער לאַנגע
רויטע ציפערן
אויף לויטערן יאַנטאַר...

בוים גלח — אויף גאָלדענעם אַלטאַר
גע‏בויגן —
ברעגעז שוין מיט אונטערגאַנג די אויגן,
ווי בלישטשענדער בורשטין...

ער שאָקלט זיך ווי א בוים
און פֿרעפֿלט קוים
זיין הייליקן געבעט
אויף בלומיקן לאַטין...

זיין הייזעריק קול
זיך קייקלט שטיל
ווי א לידיק ניסל
אויף מאָזאָאיק פֿונעם דיל...

דער בלוטיקער קופּאָל,
ווי א גאָלדענע שיסל
איבערגעקערט
ליגט אויף דרערד
מיט זילבערנע כרובימלעך,
שטערן און לבנה,
מיט פּאַטערל,
זון
און הייליקער מאַדאָנע...

(1931).

אַווענידאַס בלוטן

פֿאַוועניִדאַס גייען אָפּ מיט בלוט...
און סע ציילעמען זיך שוואַרצע דאַמעס,
ווען זיי זעען שטאָט אין פלאַם איז
און גייען ביז די קנעכלעך טיף אין בלוט...

פֿאַוועניִדאַס בלייבן; נאָר עס בלוטן וואו נאָך ווענט;
דער אָוונט לעקט דאָס בלוט אָפּ פון די גאַסן...
שטילקייט גייט אויף גומענע אַפּצאַסן
און שלאָפט איין אין שפּאַלטן פון די ווענט...

אין פּאַרק די ביימער, אַנגעטאָן אין שוואַרצן,
ווי גלחים, וויגן זיך און דרימלען איין...
לבנה טרינקט פון אַזיערע מוטנעם וויין
און באַהאַלט זיך אין אַ וואָלקן אין אַ שוואַרצן...

די זון אין קלויסטער

האַלבטאַגיקע זון אין אַ רויטן טיכל
איז אין קלויסטער אַריינגעגאַנגען.
און אויף די ווענט איר טיכל צעהאַנגען...

דער גלח פון זיין הייליקן ביכל
ט'אַרויסגעהייזערט אַזעלכע אומעטיקע קלאַנגען,
אַז די זון האָט זיך פאַר לאַנגווייל אויפגעהאַנגען...

הענגט די אונטער־זון און טריפט מיט בלוט פון אונטערגאַנג
און גאָטס הייליקער זון הענגט אויף זיין שטאַנג
און בלוטיקט שוין אַזוי פון דורות לאַנג

און וויינט אַ בלוטיקן געוויין
פאַרוואָס ער קען נישט אונטערגיין...

אין טיר פון קאַטעדראַל

די זון האָט אויפגעלויכטן — אַ דימענט
אין יאַטרענדיקער וואונד פון בעטלער.

דער בעטלער, מיט דאַרער אויסגעשטרעקטער האַנט,
רעדט מילדע, בויגעוודיקע ווערטער
צו די אויגנגלעזער פון אַ שוואַרצער דאַמע...

האָט באַצאָלט די שוואַרצע דאַמע
מיט אַ געלער, קופּערנער מטבע
פאַרן דימענט פונעם בעטלער
ביים טיר פון קאַטעדראַל...

(1932).

אַ לוויה

אַ פרוי איז געשטאָרבן, אַ קריסטלעכע פרוי,
אין זײַדענע קריידער. — אַ כלה אין ווײַסן אָרון. —
בלומען, שוואַרצע דאַמען. זון און הימל־בלוי, —
אַ יאַנטעוו פון טויט. — ס׳קומט ווער צופאָרן...

אַ מאַן אין צילינדער און הענטשקעס ווײַסע
האָט אַ צלם פון ליליעס און רויזן געבראַכט. —
מיר דוכט, אַז איך לייען דאָס אַלץ אין אַ מעשה —
אַן אָריענטאַלישע מעשה פון טויזנט איין נאַכט...

אַ פרוי איז געשטאָרבן. — אַ יונגע מאַרקיזע;
דער מאַן, וואָס אין שוואַרצן — אַ פּרינץ אָריענטאַלער. — — —
... אין ווינקל פון צימער איך זע מאָנאַ־ליזאַ
און יעזוס דערנעבן און אָט קומט דער גלח...

צוויי יונגפרויען שוואַרצע פאַרנייגן זיך העפלער. — —
ער עפנט דעם אָרון, דער גלח, פאַרמאַכט אים
און קרייצט מיט זײַן צלם די צוקנדע ליכט
און שעפּטשעט אַ תפילה מיט דומפּיקער שטים. — —

די געסט אויסגעפּוצטע, מיט אָטעם פאַרנומענע,
ווי שוואַרצע סטאַטועס פון מאַרמאָר געשניטן. — —
דער מאַן אין צילינדער — אַ מצרישע מומיע —
מיט אויגן נישט קיין פינטל, איין גאָט זאָל באַהיטן!

דער גלח פאַרענדיקט זײַן תפילה די נודנע;
מע טראָגט שטיל דעם אָרון פון יונגער מאַרקיזע. — —
און יעזוס אין ווינקל — ער קוקט אַזוי בלודנע!
דערנעבן איך זע, ווי עס וויינט מאָנאַ־ליזאַ...

אין קאַטאַפאַלקע מע שטעלט שוין אַריין איצט די טרונע;
עס גייען די פרויען איינציקווייז נאָך, שטיל — אַ מחיה!
דער מאַן אין צילינדער — גלײַך ווי אַ סטרונע...
כ׳שטיי און באַטראַכט נאָר: — אַ שיינע לוויה!...

(1934).

אויפֿן טויט פֿון אַ בישאָף

קאַטעדראַל בליצט מיט ליכט, ווי מיט גוססע אויגן.
פֿון גומילאַסטיק אַ קייט איז פֿון מענטשן געצויגן.
ס׳איז האַלבנאַכט און ס׳פֿינצטערט אין דרויסן.
געשטאָרבן אַ גלח.
נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

געשטאָרבן, באַגראָבן. אַ מענטש איז דאָך שטערבלעך.
מע לייגט אים אין קבֿר, פֿאַרדעקט אים מיט שערבלעך. — —
נאָר דאָ איז געשטאָרבן נישט מענטש וואָס אַלטעגלעך, —
אַ שליח פֿון הימלען: האָט געוויינט וואָס איז קלעגלעך
דאָס לעבן און קורץ ווי אַ בליץ־לויף אויף טונקל פֿון הימלען...
נו, ליגט איצט דער מענטש צווישן ווענט וואָס זיי שימלען
פֿון דורותדיק וואַך זיין, ווי עדות פֿון טעג וואָס פֿאַרגייען
אָן שפּורן. — עס קומען אַהערצו אָן שאָטנס אין נאַכט־שפּעט
און לייגן זיך אויסעט, ווי קעצעלעך שלאָפֿן. עס רעדט
אין דער פֿינצטער און פּרעפּלט אַ תּפֿילה פֿאַרשלאָפֿן
אַן אַלטע מאַנאַשקע — אַ מוטער פֿון היימלאָזע קינדער —
און ס׳וויינט אין אַווינקל אַ הייליקער בלינדער...

אַזוי ציען טעג זיך — קאַראַוואַנען אין וויסטעס. —
אויף זשאַווער פֿון קרייצן הענגט דאָ נאָך קריסטוס
און גייט אָפּ מיט בלוט פֿאַר די זינד פֿון די אָבֿות...
אויף דעכער, ווי קלאָג־מוטערס, קלאָגן די סאָוועס
אַ געקלאָג פֿון דור־דורות. — —

עס ברענען די מנורות
קוים וואָס זיי צאַנקען. אין קאַטעדראַל איז שטאָק־פֿינצטער.
די גלעקער קלינגען דומפּ און פֿאַרטויבטע.
עס שאָקלען, ווי בוימער זיך, שאָטנס פֿאַרשטויבטע
און צייכענען שטויב־יעראָגליפֿן. — —

ס׳ גייען איצט אַפּעט וואו נאַכטיקע שיפן:
אין פינצטערע לענדער טראָגן דעפּעשן. — —
שטייען גלחים און העשן און העשן...
די ליכט וויל דאָ קיינער שוין מער נישט פאַרלעשן.
זיי פינטלען און וואַרפן אַ בלאַסלעכן אָפּשיין אויף וואַקסענעם פּנים
פון הימלישן שליח. דער שליח פון בורא מיט אויגן פאַרמאַכטע,
טראַכט איצט געדאַנקען אים קיינמאָל געדאַכטע:
ער זעט, ווי עס קומען צוויי גאָלדענע שׂרפים
און שטעכן אַריין אים צוועלף נאָדלען אין האַרצן
און דעקן אים איין מיט אַ טוך מיט אַ שוואַרצן...

וואו איז דער גלח? — ער איז אַ דערלייזטער!
ער ליגט אינעם אָרון מיט אויגן פאַרגלייזטע,
און ס׳טשאַדען צוקאָפּנס אים קאַפּטשענדע ליכט.
אַ דיאַקאָן אַ דאַרער — מיט יעזוס־געזיכט
צלמט זיך פאַרכטיק און פאַלט צו דעם אָרון. — —

בעט פאַר איר קינד וואָס איז אַקאָרשט געבאָרן, —
אַ הייליקע נאַנע,
און ס׳בלינצלט מיט אויגן פאַרלאָשן — אַ בלינדע מאַדאָנע.
וויינט אין אַ ווינקל אַ וואַקסענער מלאך
אויפן טויט פונעם הייליקן גלח,
וואָס ליגט, ווי אַ הענקער, מיט הענטשקעס רויטע
אויף געשטאָרבענעם האַרצן...

קלאָגט אַזוי ביטער אַ בתולה אין שוואַרצן
און צלמט דעם טויטן מיט שוואַרצע קאַרעלן,
און ס׳ליגן די בעטלער ביי שוועלן
מיט קלאַנטשענדע הענט: —
„פאַרן טויט פונעם בישאָף, שענקט אַ פּאָר סענט!...״

(1936).

אין קאַטעדראַל

אין אַלטן קאַטעדראַל, אין בלייכע שעהן פון פאַרנאַכט.
צווישן מירמלנע קאַלאָנעס פּירט מיך אום אַ גרייזער זקן.
פון די קאַלטע מאַלערייען ווייעט שטום אַ דורותדיקע פּראַכט
און ס'בלאַנדזשעט אום מיין אויג דאָס אידישע דערשראָקן...

כ'מאַך די אויגן צו און עפן זיי צריק, כ'זע אויף ווענט
אידן אַלטע, איינגעהאַרביקטע, מיט גראָווע בערד... —
ווי זיילן שטראַליקע אַרויפגעשטרעקטע הענט
און די פיס — אַריינגעגראָבענע אין דרערד...

אין אַ ווינקל אַ צוגעצוואַיקעטער צו אַ ברעטל
אַ איד אַן אויסגעדייוועטער — איך קען אים!...
דער דרדקי־מלמד אונדזערער פון שטעטל, —
עס רינט דאָס בלוט ביי אים פון אויסגעבלייכטן פּנים...

דערנעבן הענגט זיין יונגסטע טאָכטער מירל
איינגעפּאַסט ווי אַ תורהלע אין אַ געל־באַגילדטן שראַנקל...
מיר דוכט, עס עפנט זיך די גלעזערנע טירל
און זי זאָגט צו מיר: „וואָס מאַכסטו עפּעס, יאַנקל?...

„וואָס הערט זיך דאָרט ביי אונדז אין טרויעריקן שטעטל,
געדענקסט אַוודע נאָך דיין געלן שווינדזיכטיקן רבין? —
האָבן גויים אים געהאַרגעט, צוגעצוואַיקעט צו אַ ברעטל,
הענגט ער דאָ פון דעמלט אָן, דערנעבן...” — — —

וויל איך זאָגן איר כאָטש איינציקע פּאָר ווערטער: —
„כ'וויים פון גאָרנישט... אין דער פרעמד האָב איך געוואָגלט — — —
זע איך ווי מיט אויגן דרעמלענדיקע בליקט צו מיר דער וועכטער,
און דעם קאָפּ דעם גרייזן שאָקלט ער און שאָקלט...

בלאָנדזשעט אום אויף אים מיין בליק דער אידישער דערשראָקן
און די אויגן זיינע נעמען זיך דערוואַכן...
מיט אַ קול אַ הייזעריקן מורמלט ער, דער זקן: —
„ציים שוין צו פאַרמאַכן!... — — —

אידישע אויגן . . .

די אויגן פון יעזוסן דעם קינד...

... די אויגן דיינע אידישע מיט פחד אייביקן אויף ברעמען,
וויסט און טרויעריק איז גרויסע קיילעכדיקע ערד!

איך וואלט ווי יעדערער צו פיס דיינע געפאלן,
פאר קיינעם זיך נישט שעמען,
נאר זע, ווי טיף און שווייגנדיק דיין אידיש אויג, ווי ס'טרערט...

פאראיינזאמט קינד אין ווינקלען טונקעלע פון קלויסטערדיקע ווענט, —
אידיש קינד, ווי אלע קינדער פון דער וועלט!...
גיב מיר איצט דיין אפגעצערטע ברידערלעכע האנט,
ס'איז דא אין דיינע אויגן געטלעכע אזוינס, וואס מיר געפעלט!...

קריסטוס רעדט צו מיר

דער אוונט אויסגעלאָשן האָט די ווענט פון קאַטעדראַל,
און וואו געווען איז נאָר אַ שטראַל —
און געטאָן אַ פאַל,
ווי אַן אַלטער נאָר,
פאַר קריסטוסן דעם האָר — — — —

קריסטוס שטיל, אין האַלבן אוונט־בלוי,
ט'גערעדט צו מיר אַזוי —
מיט אויגן זעלישע פון טרערן נאַסע—:

— „ברודער מיין, ברודער פון מיין ראַסע! —
פון דורותדיקן הענגען אויף דער וואַנט,
כ'בין מיד און אויסגעדאַרט;
און זיי — ווער זענען דאָס, וואָס וואַרטן,
אַז קומען כ'זאָל
אַמאָל
אין יאָמער־טאָל
און ברענגען פרייד און זעלישקייט דער וועלט?

„ווען איך אַליין פאַרפריר פון קעלט
און דורותדיקן צער! —
און די, וואָס קניען ביי דער טיר
פאַר מיר
ווי פאַר אַ האָר,
אין טיפער פינצטערניש פון נעכט,
נאָך גנעדיקייט און טרייסט,
ווער ווייסט,
צי ווייס כאָטש איינער ווער פון זיי,
אַז איך אַליין, בין עס דער קנעכט,
און צוגעשמידט ווי פראַמעטיי
צו יעדן סלופּ און שטיין
אויף אַלע שייד־וועגן פון קיילעכדיקער ערד — — — — ״

— „און טאָמער יערט
אין מיר אַמאָל אַן אויפברויז פון מרידה
פאַר אַלע עוולות און אומרעכטן באַגאַנגענע אַן צאָל, —
טאָ פאַר וועמען זאָל איך אויפהויבן מיין קול,
ווען אַלע זענט איר מידע,
אָפּגעשוואַכט ביז די וואָרצל פון די האָר,
פון שווערן שלאַכט,
וואָס גייט פון דור צו דור
ביזן אויסלאָז פון די טעג,
אויף דעם־אַ דערנערדיק אַנאויסלאָזדיקן וועג?...״

... די אויגן
מיינע אָפן
האָב איך אין שוים פון זיין נשמה איינגעטוליעט — —

קריסטוס האָט זיין קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
צו מיר זיך צוגעטוליעט
און איז איינגעשלאָפן...

(1934).

שטאָטישער תוהו

ס'איז דאָ אין שטאָט אַזעלכע נעכט לבנהדיקע, העלע,
וואָס ווילט זיך גיין מיט דער לבנה, מיט הינט און וואַגאַבונדן...
אין נעכט אַזוינע גיי איך אום און ווייס נישט וואָס צו וועלן —
און לידער מיינע טריבן, ווי בלוט פון לעבעדיקע וואונדן...

די זון איז דאָ פון יעדן טאָג די גאָלדענע מטבעה,
מיט וואָס מען צאָלט פאַר פראָסטן, וואָכעדיקן ברויט...
און ווי די פויערשע רעבעלן אין די בלוטיקע טראַנשייען
שטאַרבט די אָרימקייט פון הונגער און פון נויט...

הונגער

בײַ די פּיס פון די שטעט
ליגן הונגעריקע
אין גרויזאַמען געבעט...

שטעט זענען פאַרשלאָסן
אויף טויזנטער שלעסער — — —
ליגן הונגעריקע,
שאַרפן אַ מעסער...

אַ מעסער, צום שניידן
די שטאָלענע ריפּן
פון שטאַט...

ליגן קינדערלעך קליינע
און כליפּען — —
די מאַמעס בעטן בײַ גאָט...

גאָט איז פאַרשלאָסן
אויף טויזנטער שלעסער — — —
ליגן הונגעריקע,
שאַרפן אַ מעסער...

(1931).

וועסינדאדן

אין כמורנע אויגן קינדערשע
איז די זון נישט אויפגעגאנגען.
שווארצע אויגן, ווי סוף־חודשדיקע נעכט. —
צארטע קינדערלעך ווי בויגעוודיקע זאנגען,
וואס איטלעך ווינטעלע צעברעכט.

קינדער פון ארעמער גזע:
סקראפולעזע.
מאמעס — מיט איינגעדארטע ברוסטן,
ווי ליידיקע לאגלען.
די טאטעס הוסטן.

אין מוטנער דעמערונג — אן אומעטיקער ווינט
קומט צעשאקלען
שוואכע, זוניקלאזע ביימלעך.
אין די וועסינדאדן איז הוימלעך
אין די אוונטיקע שעהן. א בלינדער
שפילט וויינענדע מאטיוון אויף אן אלטער באנדורע, —
ברענגט דעם טאג צו קבורה.

שמעקט מיט ביליקער שמינקע
פון די רויט־פארפארבטע בלייכע קינדער,
וואס הונגער טרייבט אין קאבארעטן...
א ווייטע קאטערינקע
האט מיטן טאג זיך אויסגעלאשן ביי א טויער. — — —

א, ראמאנטישע פאעטן!
קומט מיט מיר באזינגען אין באלאדן
דעם טרויער
פון די מעקסיקאנער וועסינדאדן!

ט אַ וו ע ר נ ע ס

געסלעך אויסגעקרומטע, שמאָלע, הרודיקע,
אין די פֿאַרשטעט אָרעמע פֿון מעקסיקע.
שפּילן זיך דאָרט קינדערלעך הוילבּרודיקע,
פּלאַפּלענדיק אַן אייגנאַרטיקן לעקסיקאָן.

בּיי סוכהלעך קליינוואוקסיקע — כּאַקאַלעס —
פּרויען, יונג און אַלטע, פֿאַרקען זיך די האָר.
און ס׳גייען אום בּחורימלעך מיט אָנגעפֿאַרבּטע כּלות,
זינגענדיק ראָמאַנסן טראָפּישע פֿון גליאיקן אַ מ אָ ר.

זענען געסלעך דאָ פֿאַרשטאָכענע מיט אַן אַ שיר טאַווערנעס,
מיט פֿלאַמיקן מ ע ס ק אַ ל, און פֿלעצעלעך פֿון קוקורוז.
און ס׳גיסט זיך דאָ פֿון פֿעסער בּייכיקע, ווי פֿון ציסטערנעס,
פּ ו ל ק ע שוימיקע, ווי קלעפּיק פֿליסנדיקער שליוז...

ס טראָגט אין לופֿט זיך אום אַ טערפּקע־זויערדיקער ריח,
ווי ס׳וואָלט צעגאָסן ווער דאָ בּרויזיקן נאַשטיר. — —
און ס׳איז אַיעדער דאָ אין שכּרות אַ רוצח
און וואַרט דיך אונטער מיט אַ מעסער בּיי דער טיר.

פֿאַרנאַכט אויף די טאַווערנעס — שילדן שרייענדיקע בּלאַנקען
מיט אויפֿשריפֿטן מיט גאָלדענע פֿון צייטן קאָלאָניאַלע.
און ס׳פֿאַרגייט זיך טרויעריק אַ בּלאַנדזשענדע שאַרמאַנקע
און ס׳טאַנצן האָפֿערדיק פֿאַרליבּטע חתן־כּלה...

.(1930)

שוועסטער איינזאַמע

גיס־אַן די שוואַרצע קאַווע,
שוועסטער איינזאַמע, ביינאַכטיקע.
לאָז מיר טרינקען דיינע אויגן פּראַכטיקע —
גיס־אַן די שוואַרצע קאַווע!

פּוסטע עלנטקייט ביינאַכטיקע:
הינט פאַרוואָרלאָזטע בילן — —
גרויליק־שווערע פאַרגעפילן — —
פּוסטע עלנטקייט ביינאַכטיקע...

שלאָף פאַרקלעפּט די אויגן פּראַכטיקע:
וויינט נישט מער די פּלייט אין דרימל,
נאָר עס וויינט דער גרויער הימל — —
שלאָף פאַרקלעפּט די אויגן פּראַכטיקע...

גיס־אַן די שוואַרצע קאַווע,
שוועסטער איינזאַמע, ביינאַכטיקע!

(1931)

בעטלער

אַלטע בעטלער — פֿאַרמעטענע שמות —
ביי די ברודנע קלויסטערדיקע טרעפּ;
פון די פּסאַלמען, עפּעס מורמלען זיי געהיימעס,
שאָקלענדיק די פּליכענע קעפּ...

הענט צעשטרעקטע — פליגל האַלב־צעבראָכענע
שטיקער פּים — צוגעשרויפּטע העלצער;
ס'באַמבלען זיך די צלמס אָפּגעקראָכענע
אויף די לאַנגע דאַרע העלדזער...

זיי טוען אַלץ מקבל זיין הכנעהדיק פון לעבן
ווי וואָגל־הינט — פאַרדאַרטע שטיקער ברויט;
אַרום זיי — אין גרויע נעבלענדע געוועבן
פלעכט זיך, אַ פאַרטייעטער, דער טויט...

.(1931)

הינטערגאַס

טרינק־שטיבלעך, בתי־זונות, האָטעלן.
מיידלעך ווייסע, ברוינע, — ביי די שוועלן.

טירן האַלב צעעפנטע, פאַרמאַכטע; פענצטער־לעכער.
(אַ אידיש מיידל פאָכט זיך מיט אַ פעכער. — —)

אַ מעקסיקאַנער — אַ לומפּ, מיט אַנטהוילטער צרעת,
האָט איינגעדרעמלט. שנאַרכט אויף מיטן גאַס...

ביי די הייזלעך — אויף הויל פון טראָטואַרן —
אַנגעוואַלגערטע שכורים. נישט דערויכערטע ציגאַרן.

און ביי די שוועלן — שטיקלעך פוילנדיקע וואַטע.
(באָדט זיך אַ פליג אין אַ טייכל פערמאַנגאַנאַטאַ)

אַ מיידל זיצט אין ווינקל־גאַס מיט האָר צעפלאָשן
אין אירע אויגן די זון — אַ בלוטיקער גראָשן...

טרויער שטאָטישער

(ל. פּאַרעמען).

טרויער שטאָטישער איז איינגעקנוילט אין קנויל
פון קינדערלעך, וואָס דרימלען ביי די מויערן. — —
שטאָט איז זילבער־קאַלט און קען נישט מער באַדויערן...

מיט צער פון אונטערגאַנג און אויסגעקרימטן מויל
אויף בלאַסלעכן געזיכט — לבנה קוקט אויף מויערן,
וואָס שטייען קעפּ־פאַררייסענע און קענען מער נישט טרויערן...

א הונט, אין קאַלטער עלנטקייט, צום הימל בליקט,
מיט אויגן בילמיקע און בילן קאָן ער נישט, ווי אַנדערע,
וואָס בילן ווייטיקדיק פון אייביק־וואַנדערן...

נאַכט האָט קינדערלעך שוין איינגעוויגט
אין חלום פיינלעכן פון טעג פאַראיינזאַמטע אין וואַנדערן. — —
און ערגעץ דרימלען קינדערלעך חלומות אַנדערע...

קינדער־בעטלער

קינדער־בעטלער — זאַפּטיקע זאַנגען צעטראַטן.
איר זענט ווי געזאַנגען פאַרלוירן אין שאָטן.

פרילינג אויף דער גאַס, זון בלענדט די אויגן.
קינדער־חלומות, — יונגע געשאַכטענע טויבן.

א, מוטער פון אַלע אומגליקן און טרויער, — נויט!
— שענקט פאַר אָרימע קינדער אַ שטיקל ברויט!...

נאַקעטע, וואונדיקע קינדער — מיסט פון דער שטאָט. —
פּראַצעסיעס פון טומל־גערויש. פרייד־קאַראַהאַד.

נאַכט. דרעמלענדיקע קינדער. דרעמלענדער רעוואָלט.
גייט אויף די זון — אַ גרויסע מטבע פון גאָלד.

דזשעז

I.

געוואַי פון פידלען און טראָמפּייטן
אין בונטיק־דזשעזעדיקע זאַלן
ווי אויף רויטע קווייטן אויסגעשפּרייטע
איז ווער אויף אייגן בלוט געפאַלן.

טרובעס רעווען העכער, העכער...
פידלען, פלייטן, וואַיען, וואַיען...
נישט דערטרונקען איז דער בעכער
ביי אַ טישל, ביי אַ גרויען...

זיידנס־רויטע, רוישיק פלאַפּלען
רויטע תּאוותדיקע גרוילן...
גרינע גליענדיקע אַפּלען —
אויגן — שוואַרץ צעבערענטע קוילן...

יונגען — פלינקע דאַן־זשואַנען,
אויגן שעלמיש, פּאַטיש ווינקען...
מיידלעך — שווימענדיקע שוואַנען,
שווימען, טרינקענדיק... זיך טרינקען...

II.

געהאַרכזאַמע קערפּערס זיך בייגן
אין ריטם פון שלאַנקער מוזיק;
וועמענס יוגנט איז פאַרפלויגן
וועט נישט קומען שוין צוריק...

יאַמערט, יאַמערט דער אָרקעסטער,
טאַנצן פּאַרלעך הין־און־צריק...
ווער ווייסט, וועמענס יונגע שוועסטער
וויינט צום טאַקט פון דער מוזיק?!...

אויגן געלע... מידע אויגן...
אויגן זוכן יונגן גליק
וועמענס יוגנט איז פאַרפלויגן
וועט נישט קומען שוין צריק...

.(1930)

וויאָלאָנטשעל

(פראַגמענט פון אַ גרעסערער פּאָעמע)

... קלעזמער־שאַל
אויף געל און גרין באַלויכטענעם באַלעמער
אין האַלבן דעמער
פונעם זאַל. —
טענער־פאַל,
קלאַנגען־וואַלן
שאַלן,
פאַלן
זיפּצן־טרעלן,
טרערן־וועלן, —
וויינען וויאָלאָנטשעלן,
רעווען סאַקסאָפאָנען,
און די טרובעס,
טרובעס מאַנען,
ווילדער פילדערן טראַמבאָנען
און טראָמפּייטן;
און די פלייטן
כליפּען, כליפּען
און די באַסן ריפּען, ריפּען
און עס וויינט דער וויאָלין.
קלאַרנעטן פּישטשען, פּישטשען דין,
פּישטשען, פּישטשען שטילערהיים.
וואַנזין־פרייד,
היגטיש וואָיען,
טייוולשער געשריי:
טאַנצן פרויען,
טייוולשער געדריי;
טייוול־קרייז,
שדים־שפּיל,
טאַנצן פאַרלעך,
טאַנצט דער דיל. — — — —

טאנץ, שגעון,
טויטן־טאנץ!
טאנצט נסיון?
טאנץ דו אויך!
וואנזין־פרייד,
ציגארן־רויך,
טוכלע־דעמפנדיקע רייד,
תאווה,
שיכרות,
אונטערגאנג! —

זינגט זיין לירישן געזאנג
צארטער ליריקער־פלייטיסט,
ווילד מגושמדיקן טרויער
ברומט אוים ווילדער טראמבאניסט;
אומגעהויער
איידל,
צארט,
ווי אויף בלויען אמעטיסט,
שפילט א מיידל אויף איר הארץ, —
אויפן בעסטן אינסטרומענט. — —
בלאסע פינגער,
מארמאר־הענט;
זוכט א מיידל אויף די שוועלן
זעבצן בלוטיקע קארעלן,
פרילינגס זעבצן;
טרויער־קרעבצן,
זיפצן־טרעלן,
טרערן־וועלן,
און עס וויינען וויאלאנטשעלן,
פלייטן כליפען, כליפען־שטיי

וויינט א מיידל אויפן דיל
און עס וויינט דער וויאלין. — —

— יום הדין!
שרייט די פויק ארוים:
— די שפיל איז אוים!
— די שפיל איז אוים!

פאַרטאָגיקע פידלען

(מאַניאַניטאַם)

פון־נאַכט האָבן פידלען געוויינט
פאַר מיין פענצטער.
אין טרויער־געכליפּ זיך פאַרגאַנגען.
געטאַנצט האָבן שוואַרצע געשפּענסטער
אַ רויט־פאַרטאָגיקן טאַנץ.
די זון איז געהאָנגען — אַ רויטער מאַראַנץ
אויף שפּיצן פון צווייגן...
און ס'זענען די פידלען געלעגן
פאַרשטומטע,
מיט הערצער פאַרשוואָלן
פון טרויער און שווייגן,
מיט אָפענע מיילער, צעקרומטע
אין שטומען געקלאָג — — —

אין בלוילעך־פאַרטאָגיקע שעהן —
מיט טויזנטער אייזערנע טלאָען —
געקלאַפּ — —
פון פינצטערע וועגן
געקומען דער טאָג איז
גאַלאָפּ...

(1932).

וויגליד

שלאָף איין מיין קליינער ק אַ י אַ ט ע,
ווער האָט אויף דער וועלט דיך געבראַכט?
כ'האָב געפונען דיך אין בלאָטע
אין אַ פינצטערער נאַכט.

האָסט געוואָיעט פיינלעך ווי אַ הינטל
און איבערגעפאַרענער פון אַ שווערער ראָד.
ווער האָט דיך ווי שטרוי אַ בינטל
פארגעסן דאָ אין מיט פון שטאָט?

ווער איז געוועזן דיין טאַטע? —
האָסט ווי איך קיין טאַטן געהאַט!
געוועזן איז ער אַ יונג אַ בלאַטער
און קיין ברויט געהאַט צו זאַט?

צי געוועזן איז ער אַ הייסער שפּאַניער,
אַן אָקסן־קעמפער, אַן איטאַליענישער פּילאָט?
צי אפשר גאָר אַ איד מיט הערנער,
וואָס פאַרקויפט האָט אונדזער גאָט?

שלאָף איין מיין קליינער קאַיאַטע!
ווער האָט אויף דער וועלט דיך געבראַכט?
כ'האָב געפונען דיך אין בלאָטע
אין אַ פינצטערער נאַכט...

.(1934)

עזעקיעל

עזעקיעל איז יונג — אַ יאָר זעכצן,
ביי אים איז רויט די הויט.
כ'האָב אים געהערט קרעכצן,
און בעטלען ברויט.

ווען עזעקיעל שטייט ביי אַ הויז
מיט אַן אָפענער האַנט,
בליט ווי אַ רויז
די וואַנט.

עזעקיעל איז געזונט:
פון בראָנז די הענט
און פיס. —
ווי אַ היימלאָזער הונט,
שלאָפט ער ביי ווענט
אין מיסט.

עזעקיעל, דו בעטלסט ביי דער טיר,
די טיר איז דיר פרעמד!
דיין הויט איז געזונט,
דו גייסט אַן אַ העמד!

עזעקיעל, ווען דו שטייסט ביי אַ שוועל,
און שטרעקסט דיין האַנט, —
ווערט דער טאָג וואָס איז העל,
נאָך העלער פאַר שאַנד...

(1935).

אַ טאָג — אַ זקן

די זון איז ווי אַ קינד מיט גאָלדענע לאָקן —
און דער טאָג איז ציטעריק ווי אַ זקן.

מיט פולע לונגען אַ פענצטער — שלינגט לופט פונעם געסל;
און אַן אַלטיטשקער הוסט, ווי פון אַ ליידיקן פעסל...

אַ קאַטערינקע שפּילט הייזעריק גאַסן־ראָמאַנסן, —
און דער משוגענער פון געסל גייט טאַנצן...

הוימלאָזע קינדער שטעלן זיך אַרום אין אַ רעדל. —
די זון אויפן קלויסטער — אַ רויטער שדל, —

דראַפּעט זיך העכער אויף קלויסטערשן קאָפּ —
קוליעט זיך קוליעט און פאַלט אַראָפּ; —

ווערט צעשפּרונגען אין טויזנטער שטיקער. — —
דער משוגענער טאַנצט, און אַ שיכור

וויינט, וואָס דער טאָג איז פאַרגאַנגען — —
און ס'בלאָנדזשען אין געסל משוגענע קלאַנגען...

(1933).

אין פרי פון שטאָט

גאָט האָט זיך אַליין
געפּעדערט,
די גאַסן באַשפּריצט
מיט טויען.

און די פרוי, וואָס זיצט,
פאַרקויפט פּאַפּשויען,
איז אויך געבענטשט מיט גנאָד
פון גאָט.

אין אירע אויגן — טרויער
פון באַשאַף;
און דאָס קינד, וואָס דראַפּעט זיך
אויף אַקסל אירע,
ווי אַן אַף,
זינגט שירה
צום האַר פון די וועלטן,
וואָס האָט באַשיצט
אים פון קעלטן, —
אַזויפיל וואַרימקייט באַשאַפן
אין מוטערס שויס.

די פרייד איז גרויס אין דער פריאיקער שטאָט, גאָט!

שטאָט — פאַרטאָג

א.

אין שטאָטישן אויפגאַנג — געזאַנג פון סירענעס,
ווילדע געשרייען פון שטאָט־פאַפוגייען...
(מיט אויגן פול טרויער בליקט צו מיר וועגוס
און קושט מיינע ליפן... אין בלווילעכן רעיון...)

חלומות — ראַקעטן אין פינצטער פון דרימל...
גרויקייט אין גאַסן — זיד־וועבנדע טוכן...
מיט טויזנטער מיילער שרייט אומגליק צום הימל
און בילמיקע בעטלערם פאַרצאַרנטע פלוכן.

הענט אויסגעשטרעקטע — צווייגן פאַרדאַרטע —
ווי גראַשנס פאַרגעלטע — געזיבטער אויף גאַסן.
וויסטיקע קלומפּנס, אויף שטיינער אויף האַרטע,
גרימיקע רייסן פון דורכגייער פאַסן — — — — —

ב.

דער מאַרגן, אַ נאַקעטער, מיט קרומע שטעגעלער גייט.
דער וועג צו דער שטאָט איז מיט שטיינער פאַרזייט.

די פּיס זיינע בלוטן, צעשויבערט די האָר,
און ס׳גייט אים אַנטקעגן אַ הילכיקער כאָר — —

געזאַנגען פון אייזן, פון בראָנז און פון שטאָל;
פון טויזנטער גאַרגלען — אַ מעכטיקער קול...

פנים פון מאָרגן מיט זון איז צעגליט;
פנים פון שטאָט איז פון אייזן געשמידט...

פון שטאָל און פון אייזן, פון בראָנז און גראַניט
זינגט דער פרימאָרגן זיין שטאָטישע ליד...

ג.

מיין ליד — אַן אַנטענע — פאַרנעמט די געקלאַנגן
פון קינדערלעך קליינע, וואָס כליפּען אויס: „ברויט!"
און ס'וויינען מיט מיר מיט די בעטלערס אויף ראָגן,
דער שכור, וואָס שלאָגט זיך מיט פויסטן ביים פּלויט.

אַ בלינדער צעשפּילט זיך אויף סטרונעס פון טרויער
און זונות צעווינקען זיך — בליץ־סעמאַפאָרן. —
אַ מבולבלער טאָג שטייט ביים שטאָטישן טויער
און זינגט צו דעם טאַקט פון צעווילדעטע כאָרן.

טיפּאָגראַפישער ווייזער — מיין פּעדער —
פאַרצייכנט דעם אויפברויז פון שטילן געמיט.
אין ראַשיקן אומרו פון שטאָטישע רעדער
פאַרתּפיסהטער פויגל צעזינגט זיך מיין ליד...

(1931).

די זון אין אַ גאָלדענעם אויטאָ

די זון פאָרט אַרום אין אַ גאָלדענעם אויטאָ
און טרינקט די טרערן פון טאָג;
און דו, — וואָס אומעטיקסטו, שוטה,
— זאָג! —

די וועלט איז ברייט און אָפן,
און פרייד איז דאָ אין יעדן אומעטיקן ליד. —
און דו, — וואָס ביסטו איינגעשלאָפן,
מיד!...

עס לאַכט דאָס הונגעריקע קינד ביים זונאויפגאַנג
אויף זיין געלעגערל — דעם קאַלטן טראָטואַר. —
און ליכטיק לעבן שטראַלט דורך פינצטערן געזאַנג
פון בלינדן אין זיין צער...

די זון פאָרט אַרום אין אַ גאָלדענעם אויטאָ
און טריקנט די טרערן פון טאָג — — — —
און דו — וואָס אומעטיקסטו, שוטה,
— זאָג! —

שטאָטישע לאָמפּן

אויף צעשויבערטע גאַסן פון שטאָטישער האַלבנאַכט
ווינקען די לאָמפּן, ווי זונהשע אַפּלען,
ווייזן אויף שילדן מיט חוצפּהשע נעמען
און פירן און פירן אויף געהיימיקע שטאַפּלען...

אין ווילדן שגעון, צו שוואַרצע געשטאַלטן
ווינקען די לאָמפּן, ווי פאַטאַ־מאַרגאַנען
ווייזן אין רוימען מיט פליגל צעשטראַלטע
זילבערנע שוואַנען...

אויף נאַכטישע וועגן אַ פינצטערן גייער
ווינקען די לאָמפּן ווי נאָענטע היימען,
רופן און מאַניען און לעשן זיך, לעשן — —
אויף פינצטערע וועגן לאָזן זיי שטיין אים...

.(1927)

נאַכט אין שטאָט

נאַכט אין שטאָט. נאַכט מיט קאַלטע פרילינגדיקע שטערן;
פלאַקערט שטאָט — אַ טויזנט־אויגיקער לאַמטערן;
אויגן דורכגעפרעסענע פון סיפילים און טרערן. —
אויף די גאַסן האָוקען פרויען־לייבער, שרייען, —
ווערזשע וועט דיך אַלטע שטאָט באַפרייען?...

אַלטע, זשאַווערדיקע שטאָט, מיט קלויסטערס און בורדעלן,
מיט בעטלערס קרעציקע אויף קויט פון שטיינעריקע שוועלן,
מיט געלע, שווינדזיכטיקע פייערלעך אין פינצטערע האָטעלן;
מע פאַרקויפט אויף דיינע גאַסן, ווי וויין און ציגאַרעטן,
מיידלעך פּופּצניעריקע, און אַלטע ווייבער פון צעפוילטע קאַבאַרעטן!...

קאַלטע בענק און בענקשאַפטן אין פינצטערע בולוואַרן;
טרויעריקער וויין־געזאַנג פאַרלאַשענער מיט פריפאַרטאַגיקע פאַנאַרן;
ביי ווענט פון גרויע מויערן סילועטן שאַרן זיך און שאַרן,
קלויסטער־גלאָקן באַמבלען זיך, פאַבריקן שרייען, —
ווערזשע וועט דיך אַלטע, זשאַווערדיקע שטאָט באַפרייען?!...

.(1934)

ציגאַרן-פאַרקויפערין

אויף א ראג פון א רווישיקער גאס —
א סטענדערל ציגארן.
א מיידעלע בלאס,
דערנעבן, —
לייענט „יעזוסעס לעבן"...

ציגדן זיך שטראַליקע אויגן: —
„יעזוס איז אין הימל געפלויגן" — —
יעזוס איז אזא גוטער, ווי א טאַטע!...

מיט אויגעלעך שלעפעריק-מאַטע,
לייענט ס'מיידעלע „יעזוסעס לעבן" — — —
און ס'קומט אויף א וואלקנדל צושוועבן
א זיסער, א ליבער דרימל —
און דאס מיידעלע פליט אין הימל
צו גאָט. — — —

ס'מיידעלע פון שטאָט,
פון דער רווישיקער גאס,
בלאס,
שטייט זי פאר גאָט ודעם האר: — — —
„גאָטעניו, קויף א ציגאַר!
דו ביסט אזא גוטער; —
נישט געלייזט היינט קיין פרוטה!"...

גאָט הויבט-אויף די ברעמען
און גיט א שניידיקן בליק,
ווי מיט א שווערד —
אין איין אויגנבליק
איז דאס מיידעלע צריק
אויף דר'ערד. — —

(1932).

דער בערנטרייבער

אין ענגעניש־געדרענג פון מענטשן־לייבער
איז געקומען אויף דער בערנטרייבער
מיט זיין בער — זיין אומעטיקן לעבן. —

וואס קען מען אזא בידנעם בערנטרייבער געבן?

ער האט אומגעטריבן זיך א שלל מיט יארן
און ס'האט זיין בער געטאנצט פון צארן
און פון מוט — פארן הארטן שטיקל ברויט.

און איצטער ווער וועט לינדערן זיין נויט?

מענטש־געדרענג ווערט ענגער און צונויפגעדרייט,
און פון גאסן־ראגן קריכט ארום דער טויט
אין בערנפעל — דער מענטש־געדרענג צערינט. —

פארנעמט ווער דעם געוויין פון לעבנס אינעם ווינט?

(1936).

א מ ע נ ט ש

זיין פנים — ווי מיט דערנערדיקע שטעכלקעס צעשטאכן
פון שפיציק־הארטער, הרודעסדיקער ערד, —
מידער אפרו פון זיין איינזאם־אפענעם בייזאכט.

יאטרענדיקע לייב און וואונדנדיקע קנאכן,
לאנג שוין אפגעשטארבענער געהער, וואס הערט
נישט מער דעם לויערדיקן טויט, וואס ליגט לעם אים אוןווארט

אויף לעצטן אטעמצוג פון כארכלענדיקער האלדז,
וואס שפילט דעם טרויער אוים פון אומגליקלעכן זיין,
פון מענטשן, וואס איז פון שווער־מגושמדיקע פים

ארפגעשארט פון וועג, ווי פוילנדיקער מיסט, ווי אלץ,
וואס איז נישט נויטיק מער, — א פלאש א ליידיקע פון ווייז
שוין אויסגעטרונקענעם, וואס איז געווען אי קרעפטנדיק אי זים...

(1932).

דאָס ליד פון איבעריקן

ווען דער טאָג איז גראָ און וואָכעדיק,
און האָריזאָנט קיין ברעקל ליכט מער וואַרפט;
דאָס לעבן איז וויסט און וואָכעדיק
און הונגער בייניקער אַ מעסער שאַרפט
צו דערקוילן מיר מיין איינציק קינד, —
קען מען בלייבן דען אַזוי אַט־איצט פאַרשטיינט?...
די האָפענונג ווי פרילינג־שניי צערינט
און ס'זיצט די נויט און וויינט
און מאָנט אַ פּענעץ ברויט דעם הונגער שטילן,
אַ שטיקל האָלץ דערוואַרעמען דעם אויוון;
פאַרגעסן, נישט דערהערט איז יעדע תּפילה,
און אַנגעוואָרן איז דער לעצטער מותר גלויבן
אין מענטש, אין גאָט (ווי דו איז ער פאַרשטיינט)!
טאָ וואָס זשע בלייבט מיר, חבר איינזאַמער, צו טאָן?
ווי אַ גריל אין הויז אַ חרובן ט'מיין לעבן זיך צעוויינט
און וואַלגערט זיך ווי נאָד אַ שלאָכט — אַ שמאַטעדיקע פאָן...

(1934).

ANTICUARIUM

(ערשטער וואַריאַנט)

אַ לאָמפּ פון דרייצנטן יאָרהונדערט
באַלויכט אַ שימלדיקע וואַנט. —
קריסטוס שטייט פאַרוואונדערט,
מיט אַ צעבראָכענער האַנט...

גיון דע מאַפּאַסאַן און מאַטער־דאָלאָראָזאַ,
קאַנט און פּיטיגרילי, שטויב. —
אַ בלום אַ טובערקוליאָזע
ווײַנט אונטער שויב...

אַ בילד פון גאָיאַ, און ווענוס
מיט אָפּגעהאַקטע בריסט. —
שלאָפט דער מענטשלעכער געניוס
אויף אַ קופּקעלע מיסט...

(צווייטער וואַריאַנט)

פאַרצייטיקער קריגער
וואַרפט אַן אַ שרעק...
אַן אַ קאָפּ אַ טיגער,
אַ לייב אַן אַן עק...

אַ בילד פון טאָלסטאָי
מיט פאַרשייטן פּאַרעלן. —
אַ פּייזאַזשל אין גרוי,
אַ בייטשל קאַרעלן...

אַ העלם און אַ שווערד,
אַ ביקס און באַיאָנעט,
אין ווינקל אויף דר'ערד
אַ בראָנזענער שד...

צוויי מעשענע שפּאָרן
און הערנער, ווי צווייגן...
אין לויף פון די יאָרן
לערנען זיך שווייגן...

דער טאָג — אַ בר-מינן

ווען דעם טאָג אַ בר־מינן אַ בלייכן
ברענגען דעמערונגען צו קבורה —
וועט קיינער קיין קריעה נישט רייסן,
נישט קומען באַווייגען זיין פּטירה...

אַ קאַטערינקע וועט הייזעריק כריפּען
און שטיל וועט פאַרגיין זיך אין טרויער — — — —
אַ בעטלער וועט קומען זיך בעטן
נאַכטלעגער ערגעץ ב׳אַ טויער. —

און אַז גאַנצפרי וועלן אַלטע קברנים
ברענגען דעם בעטלער צו קבורה —
וועט קיינער קיין קריעה נישט רייסן,
נישט קומען באַווייגען זיין פּטירה...

.(1927)

אַ מענטש האָט זיך אויפגעהאַנגען

הינטער אַ שטיינעריקן מויער
איז די זון פאַרגאַנגען.
אַ מענטש אין שווערן טרויער
האָט זיך אויפגעהאַנגען.

דער אוונט האָט מיט ווייכן וואָל
אויסגעבעט די טראָטואַרן.
דער לאַמפּנצינדער האָט ווי אַלעמאָל
געצונדן די פאַנאַרן.

די לבנה — אַ זילבערן רייפל,
איז אונטער וואָלקנדלעך — פאַרגאַנגען.
אַ מענטש אין שווערן צווייפל,
האָט זיך אויפגעהאַנגען.

.(1930)

אַ דאָרפיש מיידל

דיך געזען צווישן דאָרפישע שטיבן,
געהערט דיין קול אין דער נאַכט.
שטיל ווי אַ פּערז פון מאַני לייבן,
עלאַסטיש און אויסטערליש צאַרט.

דאָרפסט האָבן אַ ביבלישן נאָמען,
אַ אידיין פון אוראַלטער צייט.
אַ נאָמען, וואָס טויכט אויף פון תהומען,
אַן עכאָ פון טונקעלער ווייט.

טאָכטער דאָרפישע, פאַרשעמטע,
קינד פון קעניג מאַקטעסומאַ!
איך — אַ דיכטער אַ פרעמדער —
באַזינג דעם אומעט פון דיין אומה!

אַ רעגנבויגן

גנבים האָבן געגאַנוועט
אַ רעגנבויגן
און אויף גרויער קאַנווע
פון מיידל־אויגן
אים אַרויפגעהאַנגען.

איז דאָס מיידל אין גאַס געגאַנגען
מיטן רעגנבויגן
אין די אויגן,
און נישט געפילט
ווי וואָלקנס האָבן זיך צעשפּילט
ווי פאַר אַ רעגן,
און גייען איר אַנטקעגן.

(1930).

איינע פון גאָרקיס פּערסאָנאַזשן

זי האָט געהאַט שטילע אויגן, ווי אוקראַינער פּייזאַזשן;
דער קאָליר פון אירע האָר — גראָזן אין האַרבסט.
זי איז געווען איינע פון גאָרקיס פּערסאָנאַזשן,
מיט אַן אָפּן און פּראָסט, מענטשלעך האַרץ.

זי האָט געוואוינט אויף אַ געסל — אַ שמאָלן טונעל,
אין אַ קראַנק הייזל — אַ צועפּנטע וואונד.
אין אַ גולמדיקער מאַסקע פלעגט זי שטיין אויף דער שוועל,
געוואַרט ווי אַ פּאַרקויפערין וואַרט אויף אַ קונד.

בילמיקע אויגן, הייזלעך פון פינצטערן ליקל!
(טייער דער פּרייז דאָרט און ביליק דאָס לייב!)
דאָרטן איז אַ מיידל געהאַנגען אויף אַ שטריקל,
און דאָרטן געווען איז זי אַלעמענס ווייב!...

(1931).

אַ פּ ר ו י

אין האַרצן געקרייציקטע ליבע,
געקרייציקטער יעזוס אויף ברוסט.
ווי פוסטקייט אין חרובן שטיבל,
חרוב דאָס לעבן און פוסט...

אויגן — צעפינקלטע קוילן
אין אַש פון נאָך שריפהקן וואַלד.
האָר, ווי צעקודלטע קנוילן,
ס'פּנים — צעקרישלט, צעפאַלט...

ברוסטן — פאַרחלשטע שוואַלבן,
צעשווענקטע פון תאווהקן ווייַן...
ס'לייב און דאָס קלייד איז אין פאַלבן,
צעפאַלבט ווי גרוי־פויערשער לייַן...

(1934).

עראָס

אין נאַקטורן־ליכט־רעפלעקס —
דיין פּנים: פילקאַלירנדיקע פּריזמע. —
דער שטאָלצער גאַנג פון סעקס
לייענט מיט דיר קרישמע...

ער, עראָס — ערע־וועכטער,
מיט רו גלעט אויס דיין שלאָפיקן געזיכט;
באַוואָרנט דיך פון גייסטער שלעכטע,
ווען נאַכט — אַ שפּין אַ שוואַרצע — קריכט.

ער דרימלט טיף מיט אויפגעמאַכטע וויעס,
דער אומזיכטיק־אַלזעעוודיקער גאָט,
ווען אַ היילוקער ביי דיינע קני איז
אין פּריסטער־קליידער, — שמייכלענדער פּעריאָט...

דיין געשטאַלט

כ'קאָן דיך נישט אימאַגינירן,
דיין געשטאַלט אין מיין זעאונג צערינט! —
כ'קאָן דיך נישט אויסקולפּטירן,
ווי מע קאָן נישט פאַרשטעלן פּלאַסטיש דעם ווינט. — —

דער ווינט אויף אַ גראָזיקן לוילעך,
די גראָזן מיט קעפּלעך צעפּלאָשטע; — —
כ'זע דיך אויף ווייטן מהלך, —
די אויגן — צוויי שטיינדעלעך פּראָסטע.

גלעזערנע שטיינדלעך — און ליכטן ווי שטערן
אין ווייטקייט פון גראָזיקע וואַלן. — —
דו שטייסט בא דעם ראַנד פון נישט־ווערן,
פאַרוויקלט אין מיסטישע שאַלן. — —

דיינע אויגן אין ווייטקייט פּאַרפּרירן:
אין שוואַרצקייט דיין פּנים — צערינט. — —
כ'קאָן דיך נישט אימאַגינירן,
ווי מע קאָן נישט פאַרשטעלן פּלאַסטיש דעם ווינט. — — —

(1935).

אַ טאָג אין פאַרגאַנגען

ווייט פון שטאָט, פון מענטשן,
איז אַ טאָג פאַרגאַנגען...
כ'וואָלט איצט יעדן בענטשן,
מיין האַנט דערלאַנגען.

לאַנג אין דיסטאַנצן,
טאָג און נאַכט — מעסלעסן...
נאָר דער מענטש אינגאַנצן
ט'אין נאָענטקייט פאַרגעסן...

וועמען זאָל איך גלויבן
און מיין האַנט דערלאַנגען? — —
שקיעה ברענט אין שויבן —
ס'איז אַ טאָג פאַרגאַנגען...

(1932).

בשעת הדחק

דאַרף מענטש דען מער בשעת הדחק? —
אַ שטרויען־זאַק
צום שלאָפן,
אַביסל האָפענונג צו האָפן...

וואָס נאָך
אין טיף־נשמהדיקן בראָך
און נויט? —

אַ דאַרן שטיקל ברויט
מיט זאַלץ — —
דאָס אַלץ!

(1930).

דאַנסינג

אַ מענטש מיט אויגן האַלבפאַרמאַכטע
חלומט. — בלויער וואַנזין. —
ווי פון שלאָף אַן אויפגעוואַכטער
גרימפּלט ווימלענדיקער דאַנסינג. —

שכרות און געוויין. ווײַן צעשוימיקטער
אַריבער ברעגעס פון דער נאַכט.
יעזוס — אויף אַ בילד פאַראייביקטער —
האַט אויף עפּעס זיך פאַרטראַכט.

די בלויע זײַדענע בימערעס
שפּינען שפּינען זײַדענע געוועבן. —
און דער אין ווינקל דאָרטן —
ווער איז?
— ער האָט זײַן אייגן לעבן
און אַלץ וואָס הייליק
לאַנג דאָך שוין פאַראַטן! — —

עס זיצט בײַ אַ טישל שײַלאָק
און ציילט זײַנע דוקאַטן. — —

(1933).

נאַקטורן-חלום

נאַכטון-חלום פון שטאָט. —
מיט געשריי מיט אַ ווילדן
שרייען מולטיקאָלירנדע שילדן
צו גאָט...

גאָט שלאָפט אַנחלומדיקן שלאָף.
מלאכים וואַכן בײַ זײַן בעט.
און איינער אַ מלאך קניט און בעט
אַן סוף: —

„— דערבאַרים זיך אויף דיינע קינדער
פון דער נאַכט!" — —
גאָט כאַפּט זיך אויף און לאַכט —
אַ בלינדער...

דער מלאך איז פאַר בושה אַנטלאָפן —
און גאָט אין הימל,
אין חלומלאָזן דרימל,
איז ווידער אַנטשלאָפן.

... פאַקטורן־חלומות צערינען...
שילדן — שטאַרבנדע געשרייען...
הענער קרייען — —
— באַגינען!...

(1930).

טראָפּישער פרילינג

מיט שוימיקער תאווה — ווי וויין אין אַ בעכער,
ז'מיין לייב אַ פאַרפולטער און גייט שוין אריבער —
— קום צו מיר, מיין ליבער!

באַהאַלטענע שלאַנגיקע גיפטן
די אַפּלען צעגליאיקטע מיינע —
און די אַקאַרשט זיך רונדלענדע היפטן
זיך צאַפּלען, ווי טייבעלעך קליינע,
אין זוניקן פיבער —

— קום צו מיר, מיין ליבער!

מיט בלוטיקע רויזן מיין בעט איז —
אַ גאָרטן אין אָנהויב פון בליאונג.
צעזוניקטער שמייכל — מיין יעטוועדער גלעט איז
און ברענט, ווי דער טראָפּישער פרילינג.

— קום צו מיר, מיין ליבער!

(1931).

פ ר ו כ ט

אויף די גרינע צווייגן
געלע פרוכטן הענגען...
קומט צוגיין די היטערן,
וויל אַ פרוכט מיר שענקען...

די היטערן איז רייף,
ווי פרוכטן אויף דיביימער —
אין שאָטן פון אַ בוים
דער אייפערדיקער שומר...

שיין ביסטו, אַ היטערן,
ווי שולמית שלמהס — —
און שענער איז די וואָר
פון טויזנטער חלומות...

(1931).

אַ דיכטער איז געשטאָרבן

ערשט פאַרלאָשן האָט זיך טאָג
און ס'האָט ווער צעצונדן שוין פאַנאַרן.
איך גיי און שטעל זיך אָפּ אויף יעדן ראָג
און צייל די טריט אויף טראָטואַרן. —

מע זאָגט, אַז דאָ איז היינט געשטאָרבן
דער גרעסטער דיכטער — —
דערפאַר אויף יעדן הויז, אויף יעדן גאַרן
און אַזויפיל טרויער אויף געזיכטער...

איך גיי און קען עס נישט באַנעמען:
ווי אַלט, ווי אַלט איז מענטשנס וועג — — —
איך גיי און קאָן אים נישט געפינען —
נישט דעם אַנהויב זיינעם, נישט דעם ברעג...

אָפּגעקילטער אומרו

מיט אויפגעמאַכטן מויל,
שטילקייט דרעמלענדיק און פויל,
שלינגט אָפּגעקילטן אומרו פונעם טאָג.

אַ האַלב שלאָפיקער פאַנאַר, —
מיט אויגן פינטלענדיקע, שטאַר
אין פינצטערקייט פון ראָג, —
פירט
א בעטלער־וואַגאַבונד,
וואָס זוכט פאַראירט
פאַר זיך און פאַר זיין הונט
אַ נאַכטלעגער אויף גאַס באַראַט. — — —

אַ שוואַרצער שירעם — אויפגעמאַכט:
די נאַכט
אַריבער שטאָט...

(1932)

אויגן פון אַ מיידל

דיינע אויגן דערמאַנען גאָטס מאַמען,
ווען זי וויינט ביי דער זייט פון איר זון. —
און ס׳דערברענט אַ לאַמפּאַדע — דער טאָג אין פלאַמען
פון אונטערגייענדיקער זון.

כ׳בין אַ פרעמדער, אינגאַנצן אַ פרעמדער,
און קען נישט באַנעמען דעם טרויער דעם אַלטן;
בין געווען שוין אין צענטליקער לענדער
און האָב נישט געהערט נאָך געוויין אַזאַ קאַלטן!

וויינט קריסטוס אויף סלופּעס,
אויף ווענט און אין ווינקעלער שטילע פון כאַטעס.
גאָטס מאַמע, זי וויינט אונטער חופּהס,
און מיט טרערן פאַרוואַשט זי די בעטלערשע לאַטעס.

די בעטלער — זיי וויסן נישט וועמען צו בעטן!
זיי וואַרטן אויף טרייסט אויף דער לעצטער פון שוואַרצן בית־עלמין.
ווען זיי וואַלטן ווי איך אין די אויגן אין דיינע זיך זעטן,
וואַלטן זיי דעמלט קיין טרייסט נישט געפונען אין פּסאַלמען. — —

פרויען געשטאַלט

כ׳האָב געזען זי אין נאַכט
מיט הענט צו הימלען געשטרעקט.
כ׳האָב אַזויפיל געוואַרט —
און אַט — דער בליק אירער שרעקט.

די אויגן — צוויי פלעשעלעך גיפט.
די הענט, ווי די שווערדן אַנטהוילט.
איבער זיי אַזאַ ליכטיקייט טריפט,
און מיך — אַזאַ פאַרגעפיל גרוילט...

ווער איז אַט די פרויען־געשטאַלט,
אין בלויליכן נאַכט־פעניואַר? —
די פרוי, ווי דאָס לעבן איז אַלט,
און אַלט אויך אַזוי איז איר צער...

איר צער — ווי צעטראַפּנטער סם
טריפט פון די אויגן אַרויס. —
זי איז פון די נויטן — די אַם
און וואַרעמט דעם טויט אין איר שויס...

אַט מאַך איך די אויגן איר צו
און גלעט איר דעם צער מיט מיין ליד...
שלאָף איין מיין אומגליק, ליו־ליו,
ס׳איז נאַכט און כ׳בין אַזוי מיד...

(1934).

ציגיינערין

זאג מיר, זאג מיר וואס איז קארט איז,
ציגיינערין מיין שווארצע!
ווי א חבר־האנט דיין ווארט איז,
פאר מיין הארצן. —

וואס געווען איז, וואס וועט זיין. —
פארוואר איך וויים אליין עס!
קינדער וועלן פריילעך זיין
און ס'וועלן וויינען זקנות...

זקנות וועלן מאלן זיך
די טעג די וויים־פארשנייטע...
ציימן ווידערהאלן זיך
און ס'קומען צווייטע...

(1936).

סוף -נאכט

דריי פארטאג.
א גלאק
רעדט פון שלאף.

ווי בלאנדזשענדיקע שאף
אויף טראטואבן,
מיידלעך שטארן,
וואנדלען.

שטאט שטייט אויף האנדלען
מיט עסנווארג:
ברויט און קארטאפל.

סוף נאכט:
ערגעץ לאכט מעפיסטאפעל...

(1935).

אַ בעטלערין

אין פּלאַנטערדיקן טונקל —
אַ געסל־ווינקל.

אַ בעטלערין — ביים טראָטואַרן־ראַנד,
מיט אויסגעשטרעקטע ראַנד,
ווייזט צום אונטערגאַנג
פון תמוזדיקער זון.
אויף פאַראַוונטיקע הימלען בלאַנדזשען אום,
ווי רויטע לעמעלעך, — שקיעדיקע שטראַלן,
און פאַלן
אויף בלאַסלעכן געזיכט.
אירע אויגן ברענען איצט, ווי ליכט.

די נאַכט — אַן אַלטע, גוטע מאַמע,
קומט צוגיין מיט שטילן טראַט,
און הענגט זיך אויפעט אויף אַ שרייאיקער רעקלאַמע
בעטן גאָט
פאַר קינדער היימלאָזע פון שטאָט...

די בעטלערין — ביים טראָטואַרן־ראַנד,
מיט אויסגעשטרעקטע האַנט
פאַרשטיינט, —
זיצט און וויינט...

(1931).

אַ נאַכט קומט אָן

די זון האָט זיך שוין אויסגעלאָשן,
מיט אַש פאַרשטויבט די האָריזאָנטן.
און מיט שוואַרצע האָר צעפּלאָשן —
נאַכט קומט אָן פון בערגל נאָנטן.

שאָטנס קריכן — קאַראַוואַנען —
אויף די ווענט פון אַלטע מויערם.
זיצן זקנות עפּעס אַנען
ביי די שוואַרצע טיר און טויערם.

בלינדע שאַרן זיך ביי ווענט אום,
מיט אויגן פינצטערע אין פינצטער.
און עס לויפן הענדום־פּענדום
באָרוועס — אָפּגעהוילטע קינדער...

געלעגערס — אויסגעבעט אויף שטיינער.
הינטלעך, לאָשטשען זיך און גלעטן. —
מיטן טרויער, נישט איך איינער
וואָלט זיך וועלן איצטער זעטן!...

מיט די קינדער דאָ צופוסן,
וועט מיין טרויער שטיל איינדרימלען. —
און די שטאָט מיט ראָשע גרוסן,
וועט, ווי שטענדיק, לאַנג נאָך ווימלען...

(1931).

די שוועסטער פון גנבים

נאכט —
די גוטע שוועסטער פון גנבים
און פון הפקר־בילנדיקע כלבים, —
די היטערין פון רויבער און פארברעכער,
וואס קריכן אום אויף דעכער
און אין שויבן,
גנבענען און רויבן
שטילן צויבער
פון די שטייפע, אדערדיקע סייפן
פון די אקארשט־רונדלענדיקע
מיידל־גופן...

נאכט —
די שווארצע זיצערין
מיט זונות און מיט הינט,
און באשיצערין
פון הפקר שטאטישן און זינד.

פארווישט די שפורן,
יעדן טראט,
פון מענער־הורן
און אלפאנסן פון דער שטאט.

נאכט —
די גוטע שוועסטער פון גנבים,
און פון הפקר־בילנדיקע כלבים...

(1931).

ראָמאַנטישע נאַכט

בוימער אין רייען — ראָמאַנטישע פּערזן
פון לידער פון שלאַנקע אין ריטמישן ציטער — —
ס׳פלאַנטערן אין צווייגן זיך ווינטן, ווי הערשן — —
אומעט אין גאַרטן — פאַרטרוימיקטער היטער...

פריילינס צאַרט, פאַר דיקע, אויסגעפּרעסטע הערן, —
סטאַטועס מאַרמאַרענע אויף פּעדעסטאַלן —
לייענען די טרויער־פּערזן פון באַדלערן —
„בלימעלעך פון בייז", ווי שטערן שטילע, פאַלן...

אומעט קלייבט די בלימעלעך אין קוישן — —
ווינטן־הערשן פון די בוימער צווייגן ברעכן־אָפּ — —
קראַנקע בוימער שטיל־רחמנותדיק רוישן — —
שטערן פאַלן, ווי די בלעטער, אויף מיין קאָפּ...

(1931).

קינדער אין דער נאַכט

די נאַכט — אַ שוואַרצע זקנה —
פאַרוויקלט האָט דעם הימל מיט שאַלן.
און ס׳זענען קינדערלעך קליינע
געפאַלן
אויף גאַסיקע שטיינער
און איינער אַליין נאָר
דער טרויער,
ט׳געפלאַטערט אַ בלויער,
ווי פאַן אויף אַ מויער
פון שטאָטישע ראָגן. — —

געגומען האָט טאָגן.
אויף אַ טונקעלן וואָגן,
געבראַכט האָט מען ליכט
פאַר דער שטאָט...

(1931).

אין מאַרג

פון הפקר־גאַסן און פון ראַגן
האָט זיי דער טויט אהער אין מאַרג צעגויפגעטראַגן,
אין גלייכקייט אייביקער פאַרבונדן,
אין פיינלער אויסגעטרוימטן שלאָף...

(— אָ, אַלטע פילאָסאָפיע,
ווער האָט נישט ווי איך אַ־דאָ געטראַכט
פון אַנהייבן און סאָפן?!...)

... אָ זוכער פון מענטשלעכע געדערים
גראַבט אַרוים פון ווייכער טיף פון אויפגעדראַלן לייב
דינע אַדערלעך, ווי שליימיק־וויאַלע ווערים
און צעוויקלט זיי אין פעדים לאַנגע,
ווי אין וואַרשטאַט שניידעריונגען
וויקלען אויף אַ קנויל מיט פאָדים
צו פאַרסטריגעווען די בגדים
פון אַן אָפּגעניצטן פראַנט. — — —

... אָט ליגט אַ בר־מינן, מיט אָפּגעהאַקטער מוסקולדיקער האַנט, —
אַ פוסטע רער, אין וועלכער טויט האָט אָפּגעהאַקט די לעבעדיקע שטראָמען..
אַ האַנט, וואָס האָט געמויערט און געבויט
דעם הויכן מגדל פון דער שטאָט, —
דעם דורותדיקן דראַנג פון מענטשלעכן דערהויבן זיך צו גאָט...

און מיין חבר מיטן אויסגעדאַרטן פּנים
קוקט אַריין מיר אין געזיכט,
מיט מוטנע־מאָדנעם אויגן־ליכט,
ווי בין השמשות דורך אַ פענצטער, —
„זע, אַ שרייפּעלע! — ס'קלענסטע
נערוו און אַדערל, וואָס פירט
און טראַנסמיטירט
— אַהין און צוריק —
די האַסטיק רויטע פרייד פון מענטשנגליק!...

... א שלאַנקער פרויען־פּוס ליידנשאַפטלעך קאַלט. —
מוסקולן ווייך־צעצויגענע, ווי גומי־טייג, וואָס קייט
די פּאַמאַדירטע פריילין יונגע:
זי שטייט אַן איינגעבויגענע און שניידט
מיט פינגער צאַרט די פוילע, לעבערדיקע לונגען
דורכגעפרעסענע פון טיפישע מיקראָבן,
ווי אויגנלעכער פון סאָלדאַטן אויסגעפּיקט פון ראָבן
נאָך אַ שלאַכט. — — —

מיט בליק אַ מאַטן
פון אויגן טיף־פאַרטראַכט, —
מיין חבר, מיט אויסגעדאַרטן פּנים בלאַסן
באַטראַכט
די לעבערדיקע לונגען
און די פּאַמאַדירטע פריילין יונגע
שמייכלט שטיל אַזוי, אַן זאָרג,
מיט שמייכל אַ באַנאַלן. — — —

... פון אַלע הפקר־גאַסן,
פון אָרימע קוואַרטאַלן
האָט זיי/דער טויט
אַהער צונויפגעבראַכט אין מאָרג...

.(1931

אויסטערלישע פאַרלאַנגען

אומגיין איבער שטאָט דער אומבאַקאַנטער,
זוכן מענטשן, פּנימער און אַבסערווירן,
און נאָכדעם זיי אין דמיון אומצופירן,
ווי ס'וואָלט איטלעכער געווען אַ פאַרוואַנדטער.

זיין הכנעהדיק אַזוי אַן איינגעשפּאַנטער,
צו יעדערן באַגריסן זיך און נויגן,
געפינען פריינטלעכקייט אין איטלעכס אויגן
און בלייבן אַנאָנים, אַ נישט־דערמאַנטער.

און לייענען פון דורכגייערס געזיכטער
דעם אויסגעשריי פון פלאַגנדן געוויסן,
ווי ס'וואָלט זיין אַ בוך אַן אויפגעמאַכטער
פון דיין טראַגיש אייגענער געשיכטע,
וואָס פון איר וועט קיינער דאָך נישט וויסן,
ווען דאָס בוך וועט בלייבן אַ פאַרמאַכטער.

פאַרוואָרלאָזטער מענטש

פאַרוואָרלאָזטער מענטש
אין ווינקלען שטאָטישע.
מענטש פון כאַאָטישע
יאָרן.

אין דעם איינגעווייט
פון דיין צאָרן
ברומט פאַרצאַמטערהייט
פון הונגער די חיה.
ווען אָונטיקע שעהן,
ווי קראָען
אַ סטאַיע
אויף דיין פינצטערן הימל
וויגן דיך
צום לעצטן דרימל...

אין פראַג

(גראָטעסק)

אין פראַג
איז ליכטיק ביינאַכט, ווי בייטאָג.
טויזנטער פייערלעך צינדן זיך, צינדן — אַ פייער־פאַל.
און ביי דער פינצטערער שול פון מהר״ל
ליגט דער גולם און גליווערט פון קעלט,
גולם חלומט חלום פון וועלט...

„וועלט איז גרוי און טרויעריק,
„וועלט איז דול, מנואוולדיק,
„מיט זינד איז איבערפולט,
„געדולד!
„געדולד נאָר ביז דער גאולה,
„ביז דעם קץ!״...

און עס מיאוקען ווילדע קעץ
און עס וואָיעט צו דער ווינט:
„— עולם־גולם פול מיט זינד,
עולם־גולם האָב געדולד!״...

„עולם־גולם — שטיל און שאַ!
עולם־גולם — כאַ־כאַ־כאַ!
איז מיט זינד נאָך איבערפולט!...

ווערמענס שולד,
וואָס דער גולם איז פול זינד,
וואָס עולם־גולם איז אַ קינד?!...

.(1934)

מאַדריד

ווי דער פויגל — אין נעסט,
ווי אין נאָרע — דער קראָט:
האָסט געגאַרטלט זיך שטאָט
מיט הונגער און פעסט.

זשאַר פון דיין בלוט
הייצט מיין געמיט; —
איך ווייס זייער גוט
וואָס מיינט אזא ליד. —

ליד פון געשלעג,
האַגלענדער שרויט;
וואָגלענדע טעג
אויף שאַרפן פון טויט.

רייפן פון שטאָל
גאַרטלט דיין ריף;
כריפּענדער קול
אויף שטאַרבנדער ליפּ.

איך ווייס זייער גוט
וואָס מיינט אזא ליד, —
געשריי פון מיין בלוט
אין בלוט פון מאַדריד. — —

(1937).

נעמט אוועק פון מיין אידישן ליד
דעם טרויער פון שפאנישן פאלק!
כ'האב באפעלט צו זיין מוטיק מיין ליד,
נאר ס'האט מיין באפעל נישט געפאלגט.

נישט טרויער, נישט טרויער מיין ליד,
וואס בלוט ווי פון טייכן זיך גיסט. —
נישט טרויער, נישט טרויער מיין ליד,
ס'איז טריפנדע בלוט נישט אומזיסט.

יאמער, נישט יאמער מיין ליד
אויף טויטע, וואס פאלן אין שלאכט
ס'צינדט זיך מיט בלוט אן מיין ליד,
מיט בלוט פון דער גרויליקער נאכט.

נישט יובל, נישט יובל מיין ליד,
גרויליקער שלאכט גייט נאך אן. —
שרייב אן, א, שרייב אן מיין ליד:
„טרייהייט דער בלוטנדער פאן".

(1937).

טריט אין די בערג

ס׳וועררן נישט מיד די אויגן מיינע
אויף ווילדע לאַנדשאַפטן אויף דיינע
מעקסיקע, צו קוקן,
ווי ס׳טרינקט אַ קוואַל
פון אייגן קוואַל
און ווערט נישט טרוקן . . .

לאַנד, אַ ריזיקע און פרעמדע!
אויף דיינע חאַרטע,
שטיינעריקע שויסן,
ווי אויף ווייכן סאַמעט אויסגעבעטן,
האָבן מנוחהדיק זיך אויסגעלייגט
אויף נאַכטלעגער אויף אייביקן
אַזויפיל קעמלען הויקערדיקע,
דיינע בערג!

וואולקאַנען־בערג

וואולקאַנען־בערג!
דרעמלענדע ציקלאָפּן,
מיט שטיינערנע פויסטן צוקאָפּן.
פאַרוויקלט אין טוכן פון שנייאיקע שטאָפּן,
ווער ווייסט וויפל דורות
איר קענט אַזוי שלאָפן?!

ריזיקע קינדער־בערג,
געבוירן אויף טראָפּישער ערד!
עס טוליען זיך שווער
די נעמען אייערע, פרעמדע,
צו מיין שפּראַך,
ווי שטיפקינדער
אונטער אַ שטיפמוטערס דאַך.

די וואַלענע שטרייפן
אין זיידענע געוועבן,
איר פלעכט זיך אריין
אין מיין ווערק,
אין מיין לעבן!

(1931).

אין די בערג

דער וועג איז אָפּגעמעקט אין שאָטן
און ס'ווייסן נישט די בלאָנדזשענדיקע טריט
דעם אויסוועג אין די בערג...

דער זוניקער פּאַרעם
איז צעריסן און שאָטנס
פלעכטן נעצן אין די בערג...

דער פּאַסטוך האָט די שאָף
פאַרלוירן און טרויעריק זיין הונט
וואָיעט אין די בערג...

וואָלקנס שפּרייטן זיך ווי טעפּיכער
און פון פאַרלאָזנקייט קלאָגן
בלינדע פייגל אין די בערג...

דער וועג איז אָפּגעמעקט אין שאָטן
און ס'ווייסן נישט די בלאָנדזשענדיקע טריט
דעם אויסוועג אין די בערג...

(1933)

די סענטאנטע זינגט

וואָס זינגט ער דער פויגל? זינגט ער פון קומער,
צי פון פרייד וואָס גייט איבער די ראַנדן?...
ער זינגט וואָס ס׳פאַרגייט שוין דער זומער,
און נישטאָ איז נאָך אַלץ וואו צו לאַנדן.

זי זינגט די סענסאַנטע! זינגט אומפאַרשטענדלעך.
אַזוי פלעגן זינגען ביי אונדז נאַכטיגאַלן. —
און די זון! די זון וואַרפט גאָלדענע רענדלעך,
און די רענדלעך — זיי ווערן פאַרפאַלן.

מעקסיקאַנער בערג

ווילדע, וואונדערלעכע שוואַמען פון דרערד אַרויסגעקראָכן —
די בערג די מעקסיקאַנער. —
אויף רוקנס זייערע, אין שוואַרצע נעכט, שלאָפן
וועלדער־קאַראַוואַנען.

פאַרטאָג. די וועלדער, מיט שוואַרצע, קרויזלדיקע קעפ
פאַרנייגן זיך פאַר ערשטן לויפנדיקן רייטער. — —
עס קריכט די זון אויף די בערג, ווי אויף טרעפ
און צינדט אָן די וועלדער — אַ גאָלדענעם שייטער...

שטערן ווי מימאָזעס

ווי ערשט צעבליטע פופסיקלעך פון פרילינגשע מימאָזעס,
בליען אויף די שטערן לויטערע אויף טראָפּיש ווייטע הימלען. —
מיט אויגן זילבערדיק צעפינקלען זיך די נאַכטיק שטילע אָזערעס,
אין זיסן זינג־געזאַנג די פייגעלעך פאַרגייען זיך און באַבעטשקעלעך ווימלען.

פון שטאַמען ביימער אורגעשפּאַנטע, גייען אײנציקווייז צום האָריזאָנט,
די נאַכט, די טראָפּישע, זי טריפט מיט זיסן האָניקזאַפט. — —
זיין זשומיק זינג־געזאַנג אַ פויגל זינגט און מאָנט
באַשייד פון מיסטעריעזער, טראָפּיש־פרילינגדיקער נאַכט...

(1932).

ווינטן-טאַבונען

פון פאַליוס צו פאַליוס פון רונדיקער וועלט —
ווינטן־טאַבונען און פרירנדע קעלט — —

איבער בערגיקע פעלדזן פון טראַפּישער זאַנע —
פון אייזיקן זילבער אַ קאַלטע לבנה — —

און קיין זאַך איז אַנדערש און גאַרנישט געביטן
אין פּראַסטיקע טונדרעס, אין טראַפּישן מיטן — —

פון פאַליוס צו פאַליוס פון רונדיקער וועלט —
ווינטן־טאַבונען און פרירנדע קעלט...

זומערדיקע נאַכט

זומערדיקע נאַכט. ערד ליגט פּרוכפּערדיק פאַרשוואַלן.
לבנה — אַן אַלטע דראַטן־גייערן,
אַ פאַרוויקלטע אין בלאָע שלייערן
קלעטערט אויף די דינע דרעטלעך פון טאָלן...

פון נישט דערשלאָפן האָט לבנה אַן אויסגעמאַטערטן געזיכט.
שטילקייט שלאָפט אין בערגער־שפּאַלטן,
אָטעמט שטיל און איינגעהאַלטן —
שטערן פינטלען מיט די אויגן שיכורע פון ליכט...

(1931).

אַ באַרג

מיט אָפּגעגאָלטן קאָפּ און גלאַנציקן שאַרבן —
דער באַרג אין לבנה־ליכט — ווייס.
דער טאָג איז געקומען אַהערצו־צו שטאַרבן,
דער באַרג איז אַ זקן, אַ גרייז.

באַהאַלטן דאָ ליגן אין טיפן פון פאַלבן
טויזנטיאָריקער יאָמער און מענטשלעך געוויין,
פאַרוואָגלטע, דומפע, פאַרטויבטע גוואַלדן,
פאַרשטומטע אין גליווער פון שטיין.

און ווען דער באַרג זיך אַמאָל נאָך צעשרייען,
ווען מענטשלעכער ווי ווען צערייסן דעם שטיין,
דעמאָלט וועט מענטש פון זיין פּיין זיך באַפרייען,
באַפרייען פאַרטויבטן געוויין.

(1935).

דער צוג

דער צוג האָט פאַרשלונגען
דעם געניץ פון שטח.
די נאַכט האָט געזונגען.

לבנהס צעשניטענער רעטעך
אויף הימלשן טעלער
ט׳געזילבערט די טאָלן אַלץ העלער.

און שנעלער
דער צוג איז געלאָפן
געשלונגען די שוואַרצע אין־סופן.

(1935).

אַ צוג — אַ שרויף

מיט האַסטיק־אימפּעטיקן לויף
דער צוג — אַ שרויף
זיך שרויפּט אין פינצטערקייט
פון אוונטיקן טאָל...

פייערלעך אַ צאָל,
ווי אויגן בלאַנדזשענדע, זיך יאָגן;
און ערגעץ אין די בערג
ווי שאַקאַלען וואַלטן קלאָגן —

וואַטערפאַלן
שאַלן — —

די נאַכט האָט אויפגעבלויט און שטערן פאַלן
אין גענעצנדיקע מיילער פון די אָפּגרונט־טיפן.

ווי דורכגעשליפן
גלאָז
צווישן גראָז —
לבנה שימערירט.

מיט לאַנגע, שוואַרצע שלעפּ,
די נאַכט שפּאַצירט,
אויף טרעפּ
פון קאַרדיליערן
און וויינט,

אויף דעם וואָס די לבנה איז שוין אַלט
און ט'קיינמאָל יונגער שוין
נישט ווערן...

(1932).

א צוג אין די בערג

גאלאנטיש צעגייען די בערג זיך
און לאזן דעם וועג דורך אינמיטן. —
כ׳זיי די דעם פענצטער און שרעק זיך:
אקארשט האט נאכט דורכגעריטן.

נאכט — א באוואפנטער רייטער —
מיט אויגן צעבליצטע אויף בארג־וועג.
טראפישע נאכט זעט פון ווייטן,
צילט וועמען, טרעפט זי — און הרגעט.

איך קען זי די טראפישע נאכט שוין,
און מער נאך די נאכט מעקסיקאנער.
יארן דא האב איך פארבראכט שוין, —
פרייד און טרויער געטרונקען פון קראנען...

מיין צוג יאגט דורך בארגיקע שפאלטן,
מיט בליציק־גזלנישע אויגן...
ווער ווייסט, וואס די נאכט האט באהאלטן,
זי פליט ווי פייל אויסן בויגן...

די נאכט — א באוואפנטער רייטער,
האט אקארשט פארביי דורכגעריטן.
די בערג בלייבן שטיין אין די זייטן
און לאזן דעם צוג דורך אינמיטן...

(1935).

אָוונט אין דערפל

טראַפּישער־אָוונט אין דערפל. הימל ווערט העלער. —
אויף פּאַלמעס די לבנה — אַ זילבערנער טעלער...
דעם באַקאַנטן זמר זינגט די גריל,
און אין פענצטער שלאָגט אַ פליג זיך שטיל...

אַ גיטאַרע, מיט איר טרויעריקן ניגון,
וויל אין איר קעסטעלע די נאַכט פאַרוויגן, —
נאָר די נאַכט מיט טרוימערישע אויגן,
האָט אין אַזיערע זיך איינגעבויגן,
זיך פאַרקוקט אויף די זילבערנע עפּל
אין לבנה־טעלער... ווי אַ דימענט־קעפּל
האָט אַ שטערן אויפגעשיינט אין הימל בלויען. — —

קוואַקען פרעש און הינט וואָיען. —
נאַכט טוט זיך אָן אין אַ וואָלקן אַ שוואַרצן,
און ווי אַ גאָלדענער וואָרעם — אַ ליד נעמט ראַיען אין האַרצן. — — — —

אַ צעדער איןווינט

אַ צעדער אין ווינט אויסגעבויגן,
וויינט, ווי אַ סטרונע ביים פלאַצן. —
אַ קעצל — דער אָוונט — קומט זייגן
מילך לבנה׳קן פון טאַצן...

די זילבערנע טאַצן פון טאָלן,
זיך פאַרבן אין טונקל אין בלויען. — —
ווי קנעפּלעך אין לידיקע שאָלן,
צאַקן־וואָו פערדישע טלאָען...

רייטער מיט זילבערנע שאַבליעס,
זינגען אין שטורמיקע כאָרן. — —
פאַרשאָרן די נאַכט, ווי מיט הראַבליעס,
צעשניידן לבנה׳קן האָרן...

אויף איין פוס דער צעדער — אַ סטראַוס,
מיט צעקודלטע האָר פון נישט־שלאָפן...
אין קאָפּ רוישט ביינאַכטיקער כאַאָס
פון רייטער אין ווייטע אין־סופן...

.(1935)

די זון פאַרגייט

די זון פאַרגייט.
און פאַרן אונטערגיין, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט
אויף אַ בוים אַן איינזאַמען אין פעלד.
ס'פאַרגייט אַ גאַנצע וועלט;
אַ וועלט פאַרגייט אין בלוט. — —
נאָר די זון, זי גייט איר אייביקן מאַרשרוט:
קומט, גייט אָפּ.
און ביי דעם בוים — בלוטיקט איצט דער קאָפּ...

ס ע פּ ט ע מ ב ע ר

דער איינציקער בוים אין גאָרטן
שטראַלט מיט אַלטן גאָלד.
סעפּטעמבער ווײַנט אין גאָרטן:
„וואָס האָט ווינט געוואָלט?!...״

דער בוים איז אָפּגעבלעטלט.
נאַכט איז ווייס־לבנה'ק. —
ווינט האָט איינגעדרעמלט,
די שטערן טריפן האָניק.

האָניק, — זילבער־ווייסער,
גיסט זיך, גיסט אין רוימען;
געווען אַמאָל אַ מעשה: —
נאַכט און ווינט און ביימער...

אַ גוסטער בוים

אַ בוים גוססט אין זון:
וויל טרינקען לעבן.
און אַ טייכל דערנעבן
ווייסט דערפון,
און קאָן אים גאָרנישט געבן.

בלוטיקע פייגל

די זון האָט פאַרנאַכט אַ סטייע פייגל אָנגעצונדן,
פליען די פייגל מיט בלוטיקע וואונדן.

פליען, פאַרפליען אין אומטיקע ווייטן,
און אויף אַ פערד אַ שוואַרצן — די נאַכט קומט צורייטן.

מערבדיקע נעצן

דער מערב האָט אויסגעפלאַכטן,
דעם טאָג געפאַנגען און געשאָכטן,
איינגעהילט אין טוכן בלוטיקע דעם מת —
אַ יונג פאַרשניטענער מעת-לעת.

האָבן בין השמשותן גענומען טרויערן
און אויף אַלע טויערן
אַרויפגעהאָנגען קרעפּ,
און געזעצט זיך אָבלדיק אויף טרעפּ.

(1933).

ב ו י מ ע ר

... מיט צעוואקסענע בערד
פאטעטישע,
בוקן זיך צו דער ערד
די בוימער,
פריינט פאעטישע,
איינזאמע טרוימער.

ש ט ח י ם

אזויפיל שטחים נישט באפעלקערטע,
וואס דארפן ערשט באפעלקערט ווערן.
אזויפיל נעכט נישט צעשטערנטע,
וואס מע דארף ערשט אנצינדן שטערן.

אזויפיל פעלדער נישט צעאקערטע,
וואס מע דארף זיי ערשט צעאקערן.
אזויפיל וועלדער האלבנאכטיקע,
וואס וועלן זיך צעפלאקערן...

זון אויף בערג

די זון מיט גאלדענער פען
שרייבט צייכנס מוזיקאלישע אויף בערג,
וואס דארף ערשט אויסזינגען דער טאג.

און פייגעלעך וואס קענען
מוזיקאלישן שריפט,
פליען אום פון בארג אויף בארג,
אהין און צריק —
און זינגען כארנווייז
די זוניקע מוזיק...

.(1933)

הײזער פּאַרקאַמטע

הײזער שטײען מיט גלײכע שרינטן — פּאַרקאַמ
די באַקן צעפּלאַמט
און מײַלער פול מיט זון.
קינדער וואָס גײען אין שול
און װײסן דערפון
כאַפּן געשװינד
העזעלער פון גאָלד אויף יעדן הויז —
און ס'איז יעדעם קינד —
אַ בליענדיקע רויז...

שטיל-וואַסער

דער טרויער פונעם שטיל וואַסער
װײנט אויס זײַנע אַפּלען.
שטערנדלער בלאַסע
אין װאַסער זיך צאַפּלען...

דער אוונט — אַ בלויער
זיצט בײַם טײַכל נאַקעט
און אַ רעגנדל-טרויער —
מראַקעט...

פרעשעלער קוואַקען
און הינט ערגעץ וואָיען...
און ס'הערט נישט אויף מראַקען
ס'רעגנדל-טרויער...

(1932).

אָוונט אין טראָפּישן וואַלד

.1

טרינקען די בוימער אין וואַלד
לבנה'קן זילבער־וויין.
דער אָוונט איז קאַלט
און וויקלט זיך אין קרעפּ.

אַ קליין בוימעלע דרימלט איין,
ווי'אַ קינד,
אַ ווילדער פויגל שרייט
טשיריק — טשיריק — —
און אַלטע בוימער, שיכורדיק,
שאָקלען מיט די קעפּ
אויף יעדער נאַרישקייט,
וואָס ס'מורמלט זיי דער ווינט.

.2

שפּיגלט זיך די אַזיערע אין הימל
און ווי געליבטע רעדן זיי מיט וואונקען.
ס'איז די זון פאַרזונקען
אין אייביקן נישט ווערן.

זשאַבעס דיאַלאָגירן מיט די שטערן.

אין טרויער־טוכן
מיסטישע
פאַרוויקלען זיך די אָוונטיקע שעהן.

די קראַ פון פּאַען
הערט נישט אויף צו פלוכן:
— „קיינמאָל מער, קיינמאָל מער" —

פאַרלירט אַ שטערן
ווען אַ טרער
און אַ פויגל וואו אַן אײנזיכיסטישער
טרילערט אין זיך אוים זיין פּיין.

אין אָרעמס פון די טאָלן
דרימלען איין
די בערג.

.(1933)

פאסטאראל

ביטאג אין גארטן. שטיל. די ביימער רוען.
א פאלמע מורמלט וואס פון שלאף.
פון גרויען פעדעסטאל — א בראנזענע סטאטוע,
קוקט מיט אויגן ווייט, אין בלויליכן אין־סוף.

די זון — א פאסטוכל מיט גאלדענע קרויזן,
ציילט, ווי שעפעלעך, די דרעמלענדע קלאוועלן.
און קליינע קינדערלעך, מיט פלאטערדיקע רויזן,
באדן זיך אין שטראלנדיקע וועלן.

קוקט אריין דאס פאסטוכל אין שפיגל פונעם טייכל,
שיינט זיין פנימל ווי לויטערער בורשטין.
האלבטאג ליגט — א קעצעלע און ווארעמט זיך דאס בייכל,
שפילט מאטיוון זוניקע אויף זילבערנעם קלאריין.

(1930).

א פויער

א פויער פון דיעגא ריווערא —
אויפן פייזאזש פון רעמבראנדט.
זון האט א גאלדענע האנט
אויסגעצויגן
און אנגעצונדן פויערס אויגן.
פאקלען ברענען אין אויגן פון פויער.
האלבטאג.
זון
און טרויער...

(1932).

ליכט-עסקאַדראָנען

פון קאָסמישע טרוימען,
אין בלױלעכע רוימען
דער מילך־װעג זיך אױפגעװעקט האָט
און טרײבט ליכט־עסקאַדראָנען,
מיט בלוטיקע פאָנען,
צו דער שטאָט.

פון אַ באַרג־שפּיץ אַראָפּ
קײקלט זיך זוניקער קאָפּ
פון באַגינען. — —
אין שיסלען פון טאָלן,
װי איבערגעקערטע קופּאָלן,
טרינקען שאָטנס דאָס גאָלד,
װאָס הערט נישט אױף צו רינען...

אין זוניקן אָפּשײַן

אין זוניקן אָפּשײַן,
געקוקט האָט מיט אָפּשײ
דער באַרג אױפן גרעזעלע מינדסטן,
װאָס האָט אין דער פינצטער,
מיט אײגעלער געלע און גרינע
און אַלערלײ פאַרבן, —
געבליקט צו דער זון,
װי אַ קינד פאַרן שטאַרבן...

(1933).

אָוונט אין פּיזשאַמע

דער אָוונט,
אין אַ בלוילעכער פּיזשאַמע,
טיילט מתנות —
זילבערנע מטבעות — —

ס׳איז דער אָוונט
אַ לונאַטיקער מסתמא
אָדער
חסר־דעה...

.(1932)

אָ ו ו נ ט

טיפע אָוונט־שעה. —
עפענען די בלויע פענצטערלעך די שטערן.
איצטער — קענט איר הערן,
ווען איר ווילט,
ווי ס׳שפּילט שאַפּען
זיין טרויער־מאַרש
אין ליידיקע זאַלן פון שטילקייט...

נ אַ כ ט

נאַכט ליגט אין אַ פינצטערער אורנע.
ווי קליינע הינדעלעך אין קורניק
האָבן זיך די שטערן איינגענורעט
אין אַ זיסן דרימל...

אויפן טונקעלן קופּאַל פון הימל,
קריכט אַרום די לבנה, —
אַ ווייסע קאַץ איבער דעכער, —
און טרינקט, ווי פון אַ בעכער
בלויען וויין,
פון טיפן נאַכטישן ברונעם, —
וואו ס׳ליגן דערטרונקענע טויזנטער זונען...

.(1934)

קאָרדיליערן-נאַכט

ווייסער שיין פון אויסבויג זילבערנעם פון מולד
אַריבער טונקלקייט פון אויסגעשטומטע קאָרדיליערן.
גייט אויף די נאַכט מיט אויפגעבליטע שטערן
אין ווייכן שיין פון אויסבויג זילבערנעם פון מולד.

הויכע, שווערע מויערן רוקן זיך אויף רוקנס פון די בערג.
ווי שעפסן טשערעדעם — די וואַלקנדלעך פאַשען זיך און בלאָנקען.
פון די טאָלן ווייכע, אויסגעבעט מיט טעפּעכער פון לאָנקעס,
הויכע, שווערע מויערן רוקן זיך אויף רוקנס פון די בערג.

בלייכער שיין פון אויסגעשטשערבטן מולד־שאַרף
שניידט זיך איין אין ווייכן לייב פון בלווילעך־טונקלדיקער נאַכט
טרויער הויערט אין דער טונקלדיקער בלווילעכקייט און וואַכט
ביים בלייכן שיין פון אויסגעשטשערבטן מולד־שאַרף.

נאַכט מיט וואַלקן־שעפסן נידערט שטיל־הכנעהדיק אין טאָל.
שוואַרצע, טורעמדיקע מויערן טוליען זיך אין שוים פון קאָרדיליערן.
ס׳לעשן זיך, ווי לאָמפּן אָפּגעבליטע, פליענדיקע שטערן.
נאַכט מיט וואַלקן־שעפסן דרימלט שטיל־הכנעהדיק אין טאָל.

ים - פּ י י ז אַ ז ש

אַ ריזיקער וואַלפיש מיט זילבערנע שופּן —
ים ליגט אויסגעצויגן אויפן רוקן.

זון שפּילט מיט רעגנבויגנדע קאָלירן
און וויל דעם ים מיט דימענטן באַצירן.

גאַר ים — דער ריזיקער וואַלפיש —
טרייסלט אָפּ פון זיך דעם זונענגלאַנץ
און לאָזט זיך אין אַ ווילד־פאַרשייטן טאַנץ...

ווייס־שוימיקע פערד צעשפּרינגען זיך — גאַלאָפּ
און דערטרינקען זוניקן קאָפּ...

נאַנט
ביים האָריזאָנט
בלייבן סטאַרטשען זוניקע ריפּן. —
אַ בלויע פאָן
ציט דער אוונט אָן
אויף שיפן
און ווי אַן אַלטער מאַטראָס
נעמט ער טאַטוירן
יעראָגליפן...

(וועראַקרוז, 1935).

ערב-רעגן

אקארשט איז הימל געווען טראנספארענט —
א ליכטיקער דאך אויף קרישטאלענע ווענט. —
און איצטער איז סומנע און טעמנע ווי נאכט.

זיגזאגיקער בליץ און דונער־געקראך
האבן צעשפאלטן דעם הימלשן דאך...
ס'איז ערב א שטורמיקן רעגן, — זיי וואך!

באלד וועט רעגענען, רעגענען, רעגענען...
ס'וועט הימל מיט ערד זיך באגעגענען
אין קאלטן ארומנעם פון דעמערשער שעה...

עס טרינקען די וואלקנס שוין יאמיקן בלאָ;
ס'עפענען אויף זיך די הימלשע קראנען...
דריי אויף דעם לאמפ!
ס'קאן רעגענען ווער ווייסט ביז וואנען!...

ווינט, הימל און רעגן

דער ווינט האט איז רעגן
געוואשן די הענט.
אוועק אין פעלד וואיענדיק.

אין דער הימל גראענדיק —
אריי־ער הענגענדיקע ווענט...

דערנאך זענען די ווענט,
ווי מיראזשן — פאנאנדערגעגאנגען.

און מע האט געקאנט מיט די הענט
דעם הימל דערלאנגען...

(1935).

אין וואַלד

פינגער צאַרטע,
ווארעמע פון ווינט,
הוידען איין
די קינדער־בלעטעלעך
פון ביימער.

אין זונענשיין,
ווי זקנים גרייז־באַוואַקסענע,
מיט קודלדיקע בערד,
שאַקלען זיך אייקאַליפּטן אַלטע,
און בויגן זיך צו דרערד.

אין זילבער־שפּיגל
פון דער אַזיערע,
אַ דעמב, אַז אַלטער נזיר,
בוקט זיך צו דער זון.

אָוונט אין גאָרטן

די זון — מיט אַ גאָלדענער שער
שניידט קווער
די צווייגן־זיגזאַגן
פון ביימער.
ווי אַן אַלטער רוימער
מיט בלישטשענדער שפּאַגע —
אַ בוים אַ שלאַנקער.
אין זיין שאָטן — אַ קראַנקער
הוסט אַסטמאַטיש.
קינדער־שטימען קלינגען סינקראָמאַטיש.
אָוונט וויינט סימפּאַניש
אין בעטלער־פּלייט,
און ס'לייענט מאַניש
די גאָלדענע קייט. — —

(1934).

פידל-מאַטיוו

אַזאַ איידעלן דינעם פידל־מאָטיוו
שפּילן די בוימער דאַ ביינאַכט, —
וואָס אפילו יאַשע חפץ
וואָלט נישט אַרויסגעבראַכט...

בוימער — אַלט און פאַרלאָזן,
מיט דאַרע, ביינערדיקע צווייגן־פינגער,
זאָלן זיין אַזעלכע ווירטואָזן,
אַזעלכע לבנה־צאַרטע זינגער...

שפּילן די בוימער די פיינסטע מאָטיוון
אויף זילבערנע סטרונעס פון נאַכט,
וואָס אפילו יאַשע חפץ
וואָלט נישט אַרויסגעבראַכט...

נאָקטורן

שטילקייט מעקסיקאַנער
איז אַ האַק, וואָס צעברעכט
דאָס האַרץ פון אַ גיטאַרע.

בלייבט דער ריח
פון זשאַסמין
אונטער ליכט פון אַ קלאָרער לבנה
וואָס שטילקייט האָט באַקומען במתנה
פון דער טראָפּישער נאַכט.

(1935).

האַרבסטיקעביימער

דער בוים האָט ווי אַ בעטלער
אויסגעשטרעקט די הענט.
און ס'פאַלן אַפ די בלעטלער —
די קופּערנע פּאַר סענט.

געזאַמלט זיי, געזאַמלט זיי,
אין די הענט זיי שטיל פאַרמאַכט.
איצט פאַלן זיי, איצט פאַלן זיי
ביים אָנקומען פון נאַכט.

ווער זאָגט, אַז ס'איז קיין האַרבסט נישטאָ
אויף נייעם קאָנטינענט?
זעט ווי ס'וויינט די דעמערונג — אַ קראָ
אויף בעטלערס הענט.

און ביימער, ביימער קלאָגן זיך,
פאַרלירן זייער גוטס.
און וואָלקנס, וואָלקנס יאָגן זיך —
די זון פאַרגייט אין בלוט.

(1934).

האַרבסטיקע פעלדער

פעלדער — בעטלער
בעטלען ביי דער זון אַ טראָפּל ליכט.

די זון איז אַלט און קמצנדיק
און היט אָפּ איר ביסל גאָלד־פאַרמעג,
וואָס זי האָט איינגעשפּאָרט אַז מי
אין אירע יונגע זומער־טעג. — —

זי שטייט אויף שפּעט
און לייגט זיך פרי.

(1935).

אַ שוואַרצער בער

דער שוואַרצער בער פון דער נאַכט
האָט אויפגעגעסן די לבנה.
און שטאַק פינצטערניש
האָט אָנגעהאָנגען זיך
אויף מויערן. — —
האָט מיין ליד גענומען טרויערן,
פאַרוואָס די נאַכט איז שוואַרץ
און האָט באַזעצט זיך אין מיין האַרץ.

(1934).

אָטעמדיק לעבן

קליינע וועזנס פלאַטערן און פילן;
זאַכן זאַכטע און צאַרט.
געדאַנקען מיינע שפילן
מיט מיין האַרץ.

ווי דופטן אין לופט
קושן מיך אומזיכטיקע מיילער.
זוניקער קול רופט
מיך אויף מיילן.

געפילן מיינע עטעמען ווי גראַזן
אין שטילקייט פון אַפּענעם געמיט.
עפּעס דוכט מיר האָב איך איבערגעלאָזן
אינדערמיט. — —

אין ליכט פון דער זון

(יעקב גלאַטשטיינען).

אין ליכט פון דער זון
איז דאָס וואַסער פּריזמע־קאַלידיק.

דער לייב וואָס איז גיריק
און דאַרשטיק נאָך בלוט אין מוטערוואַלד,
איז ווילדער און דאַרשטיקער, ווען ס'איז קאַלט
און ס'ברענען, ווי ליכט אין זונפאַרגאַנג,
פּראַסטיקע דעמבעס: די יאַלקעלעך ברעכן זיך, קראַכן;
ווען ס'וויינען די ווינט־זאַווערוכעס
אין וועלדער ביינאַכט.

אין זונליכט דערוואַכט
פייגל געטריל צו די הימלען
און דאַרינקע פינגער פון בלימלעך
שטרעקן זיך, ציען
און בליען
אין ליכט פון דער זון. —

קאַלטע מימאָזעס און פלאַם־היאַצינטן,
צעפרוירן פון פּראַסטיקן ווינטער,
צערעקן די קעפּלעך פון שנייאיקע קאַלדרעס,
באַצירן מיט גאָלד זיך
די דינינקע פיסלעך —
אין ליכט פון דער זון. — —

איטלעך שטויבל אויף זאַמדיקער ערד,
איז אַן אָנזאָג אויף בליאונג —
אין ליכט פון דער זון...

אונטער פליוצעס פון צייט
לעבט נישט מער ווי דאָס לעבן
אין ליכט פון דער זון. — —

(1935).

איקסטלאַ און פּאָפּאָ

(די בערג חתן־כלה)

אין גליגעטריף אין טראָפּישן
מיט שלאָף אַן אַנטילאָפּישן
איז איינגעשלאָפן פּאָפּאַ.
און חלומט גליווערדיקע קאַלטע
חלומות אַלטע
פון אייראָפּע.

און איקסטלאַ ליגט מיט האָר צעפּלאָשעטע,
ליגט און וואַרט די אַלטע רשע'טע,
עס זאָל דער חתן איר אומאַרעמען.
און פּאָפּאַ ליידנשאַפטלער, פלאַמענדיק,
מיט ליבע הייסער וועלט פאַרסאַמענדיק
קאָן זיך נישט דערוואַרעמען...

*

אינדיאַ־איבעריש,
כימעריש
לאַנד!
מיט אויסגעשטרעקטער האַנט
צו אייראָפּע!

גיגאַנטישע קינדער דיינע,
איקסטלאַ און פּאָפּאַ,
גליווערן אַלץ נאָך אין שנייאיקער קעלט
מיט גליאיקער טענה
צו דער וועלט...

א, פרעמד־כימעריש לאַנד!
ששוין לאַנג, ווי איך שלאָג
אַז דיין אייזערנער וואַנט
און דראַפּע זיך אויף דיינע בערג, ווי אויף טרעפּ —
(דיינע בערג, מיט פאַריסענע קעפּ
צו די הויכן!)
און קאָן דיך נישט דערגרייכן. — —

רעגנדיקע רגעס

גראָער פּיזאַזש פֿון מײַן זײַן
אין קאָלירלאָזן הימל־שײַן,
אָוונטיק. —

ביז לעצטן בלעטל אָפּגעבלעטלט
אַ בוים איין אַליין,
אָבלדיק,
פֿאַרגײט זיך אין געוויין...

כ׳וואלט געוואלט זיין אַן אַנדערער:
מיט אַ האַרץ — אַ לאַנגל־טרייסט פאַר וואַנדערער,
אויף פינצטערע וועגן.
ס׳זאָל מיך איטלעכער פרעגן
דעם אויסגאַנג אין נאַכט. — —
און צו די, וואָס האָבן מיך בלינד געמאַכט
זאָל איך זאָגן: „אָהין, אָהין,
איז דער וועג צום באַגין...״.

לעצטער זינגער פון דער נאַכט

אָוונט. אַ שטערן פאַלט.
אַ לעצטע האַפענונג צעגייט, ווי שניי.
איך גיי. —
מיין וועג איז אַלט:
אַ הימלאַזע לבנה — אַז אַלטע באַקאַנטע
(די זעלבע לבנה פון ווירגילן און דאַנטען),
שפירט נאָך מיין אומעטיקן טראָט
אין שטאָט,
אין פעלד
און —
מיר גייען אינצווייען
מיטן זעלבן אַלטן וועג, וואָס אַלע מענטשן גייען.
דער וועג איז גלייך
און שיין.

לבנה פירט מיך איבער טייך
און גראָז און שטיין.
איך פיל דאָס שטיל געוויין
פון בוים און ווינט
אינמיטן פעלד. — —
כ׳שפיר דעם טרויער פון דער וועלט,
דעם דורותדיקן פראַכט. — —

איך בין, מיר דאַכט,
דער לעצטער זינגער דיינער, נאַכט!

(1935).

צו א דיכטער

וואס איז פאראן זיך צו שעמען,
ווען צווישן שורהלעך פון היינטיקע פאעמען,
ווי זאמד דורך פינגער, דורכגעזייט איז טרויער;
דער טרויער נאך פון נעכטן,
וואס טוט ווי א רינג אין רינגעלעך זיך פלעכטן,
אין גרויסער קייט פון קאמף דעם היינטיקן געזעכטן?...

פוודאי איז היינט א צייט אן אנדערע, א צייט פון טאטן.
נאר זיך אליין דאך קען מען נישט פאראטן!... — — —

און אויב הארץ איז פול מיט אומעט און געזאנג, —
הארץ פון איינזאמען, וואס טרויערט און איז קראנק,
וועט צייט־געשריי דעם טרויער נישט פארהיילן, — — — —
פארוואסזשע טאר מען נישט דערציילן
אין דער הויך?
נאך יעדער שריפה בלייבט א קרייזלדיקער רויך...

און רויך איז רויך, ווען זון אפילו שיינט — — —
רויך פון נעכטן, צי פון היינט... — —

פייגל געזאנג

פייגל זינגען די לידער פון זייערע עלטערן.
קיינער שטערט נישט זייער געזאנג. —
זיי זינגען אין כארן
און עלנטע פייגלען זינגען אליין. — — —

קיינער ווייסט נישט דעם באשייד
פון די פייגל־געזאנגען. —
ווייל ווער וועט לייענען די נאטן
אויף צווייגן, און ווער וועט פארשטיין?

נאר מיין געזאנג מוז האבן א זין.
ווייל ווער קען נישט לייענען א ליד?
און ווער ס'האט גאט אין הארצן
זוכט צווישן זילבן א מיין...

(1933).

געבענטשט איז דער צער

געבענטשט איז דער צער, וואָס לויטערט מיין ליד,
געבענטשט איז דער אומעט, וואָס ליכטיקט מיין האַרץ.
ווי טרויער פון בלעטער, וואָס פאַלן אין האַרבסט,
אין ליידן זיך לייטערט מיין לויטערע ליד.

געבענטשט איז דער טרויעריק־אייביקער קוואַל,
וואו לעבן מיט ליפּן מיט דאַרשטיקע טרינקט:
אויף שוועלן פון אומקום — די שוואַן זיך צעזינגט. — —
געבענטשט איז דער טרויעריק־אייביקער קוואַל.

ווי פאַלנדע שטערן אין ליכטיקער נאַכט,
טויאיקע טרערן זיך פּערלען פון פרייד:
דער טרויער און צער פון מענטשלעכע רייד,
ווי פאַלנדע שטערן אין ליכטיקער נאַכט.

און ווונט באַגלאַנצט איז מיט אונטערגאַנג־שיין
און ס'גייט אויף די נאַכט אין לבנה'קער העל:
געבענטשט איז דער טרויער, וואָס ליכטיקט מיין זעל,
און זינגען מיין ליד וועטביים אונטערגאַנג־שיין....

.(1932)

מיין עכאָ-ליד

(א. לייעלעסן).

וואו וויי־געשריי — מיין עכא־ליד.
אין וועלט־געדריי — מיין בלוט צעגליט.

טאָט ווערט וואָרט — און האַרץ איז אויער.
וואו פרייד — אויך דאָרט איז טרויער.

וואָרט איז טאָט — ווען מענטשן־ווערט.
און ווערט פאַראַט און נישט דערהערט,

ווען ציר־לבוש, — נישט האַרץ־געבליפ. —
ווי צאַרטער קוש פון פאַלשער ליפ...

מ י י ן ל י ד

עס היט מיין ליד
און ציילט
די צילן פון מיין גאַנג. —
ציילט און פאַנגט;
דערציילט
און שיילט די זאַנג;
פאַרהיילט
דעם וויי פון וואונד
מיט וואונדערלעך געזאַנג. —

.(1935)

אַ שניט

איך ווייס אַז אַלץ וואָס איז איצטער,
איז נישט מער ווי אַ שניט אַ פאַרקריצטער
אויף פּנים אויף קאַלטן פון צייט.

אַ קווערשניט מיט שאַרף פון לאַנצעט.
אַ שניט און אַ צערטלעכער גלעט —
דאָס ליד פונעם עכטן פּאָעט.

פּאָעטן

זיי זינגען דעם זיגזאַג פון ווינטיקע טעג.
ליד איז אַ צייכן, אַ צלם אויף שטייניקן וועג.
וואָרט איז פאַרקלעמט אין קלעם פון אַ פּראָזע.
וואָרט ווי אַ בלום אין אַ ליימיקער וואַזע.
ווערטער פאַרווירטע — שיפן אין יאַמען פון טינט.
שיפן וואָס וואַרטן אויף נאָרדישן ווינט...

נעכטיקע דיכטער

... זיי האָבן נישט געוואוסט — די נעכטיקע דיכטער,
אַז דורך פינצטערניש צינדן זיך ליכטער...

זיי האָבן געוויינט, ווי פאַרבלאָנדזשעטע קינדער,
אין וואַלד זיך געפּלאָנטערט, ווי מעטערלינקס בלינדע...

קיין פּלעמל פאַר זיי האָט מיט אויסגאַנג געוואונקען,
אין פינצטער געבלאָנדזשעט, אין בלינדקייט געזונקען...

געוויינט און געיאָמערט, ווי סאָוועס פאַרבאָרגן,
און זענען געשטאָרבן ביים אָנקום פון מאָרגן...

(1935).

מיין וואָרט

ביסט געבוירן אויפֿן טויטנפֿעלד פֿון ווערטער,
מיין וואָרט; —
אין אַ נאַכט,
ווען ס'הייליקע אָרט
פֿון מענטשלעכן לשון,
איז אויסגעלאָשן,
פֿינצטער, פֿאַרמאַכט.

בלעטער פֿון האָרבסטיקע ביימער שאַרכן
און האָרכן דאָס אייגענע פֿאַלן. —

ביסט געבוירן מיין וואָרט
אויפֿן הייליקן אָרט פֿון טויטע וואָקאַלן
פֿון קיינעם געהערטע. — —

מיין וואָרט דאָס באַשערטע. — —

מיין פּערז

ווי אונטער פֿעלדז אַ קוואַלעכל — מיין פּערז:
אַרויסגעשטראַלט פֿון טיפֿסטע טיפֿן;
נישט אַנטדעקט קיין נייעם אוניווערז,
נישט באַשאַפֿן נאָך קיין אייגענע באַגריפֿן.

מיין וואָרט אַן שאַרף פֿון וואָר געשליפֿן,
אַרויסגעהויכט פֿון לעבנס־גאַנג — געזאַנג.
געוואָלט מיין פּערז באַהויכן — חלומדיקע מיפֿן —
און אויסגעשיילט דעם תּוכן — ס'קערנדל פֿון זאַנג.

נישט געצאָלט דער אַנדערשקייט קיין צינזן,
זיך נישט געבוקט פֿאַר דיכטערשע קאַפּריזן;
נישט גערויבט דאָס וואָרט פֿאַר ברויט מיט לינדזן,
געגנערט מיין ליד מיט אומרו פֿון געווייסן. — —

(1935).

ליכטיק לעבן

לעבן גייט אויף אזוי ליכטיק.
איצט — איז מיין ווארט אזוי וויכטיק
און מער ווי קיינמאל נישט —
מיין ליד.

מיין ליד? — וואס איז ליד?
— געזאנג פון ליכט
אין אנגעזיכט
פון טאג. — —
— דאס אליין?
זאג!
ניין.
ליד איז אויך געוויין. —
געוויין פון שטיל געמיט
איז ליד.

לעצטע שעה

פרילינג איז היינט. אנהייב. מארגן — איז ענדע.
מארגן איז הארבסט. סוף. לעגענדע.

די שעה וועט קומען, די לעצטע שעה.
פרימארגן וועט זיין: שיין, בלא. —

גראז און גרינס,
בוים און ווינט,
זון און זינד;
פאטער און קינד,
פרילינג־צוויט, —
מיין לעצטע ליד.

אייביקייט- זינגער

מיר האבן קיין צייט נישט צו שטארבן,
זינגער פון אייביקייט. —
אונדזער לעבן איז אטעם פון פלאנצן
אין הארבסטיקע טעג. — —

רגעם פון אייביקע רויזן
וואס בייטן די פארב נאר
אין אנהייב פון פרילינג.
מיר לעבן ווי זאמען
אין פרוכטבארע טיפן,
פוילן און יורן
און גייען אויף גרינע
נאך איטלעכן רעגן. — —

אין אומשולד פון טויען
אין גאלדענעם אויפגאנג;
אין שאטן פון אוונט,
אין שלאפנדער שטילקייט, —
וואנדלען נשמות
אין נאכטיקן טרויער:
די אייביקייט-זינגער
וואס האבן קיין צייט נישט צו שטארבן...

זוניקע קערנדלעך

זוניקע קערנדלעך שיטן זיך אויסעט,
ווען טאָג נאָר צו מערב נעמט קניען...
פון ערגעץ וואָלקנדלעך קומען צופליען
צום בעט, וואו דער טאָג ליגט און גוס'עט.

זיי ווינטלעך מיט פליגלען מיט שטילע
איבער קאָפּ פונעם טאָג, וואָס בלוטיקט, ווי א וואונד, —
און טראָגן אַ בשורה איבער וועלטישן רונד:
— ס'גייט אוים דער טאָג, ווי אַ צדיק אין תפילה.

מיט דעמערונג הענגט שוין דער הימל פאַרהאַנגען,
ווי אַ שפּיגל מיט שוואַרצן אין הויז פון אן אבל —
סע צינדן, ווי ליכטלעך, זיך לאָמפּן אויף שטאַנגען —

און ס'שרייבן די שטערן אויף ערדיקן טאוול,
ווי אין גאָלדענעם ספר:
— געשטאָרבן אַ טאָג איז — אַ צדיק, אין עלטער אין רייפער...

(1931).

אָונטיקע שיפן

אָונטיקע שיפן, וואוהין גייט איר אַפּ? —
אויף מאסטן די זון הענגט — אַ בלוטיקער קאָפּ. —

עס קומט אָן די נאַכט. —
פון לענדער פון וועלכע ט'איר גרוסן געבראַכט? —
אין לענדער אין וועלכע פירט איר איצט גרוסן־דעפּעשן,
אָונטיקע שיפן? — —

וואַסער־טיפן
העשן — — — —
און עמיצער מיט לאַנגע, וואַסערדיקע פינגער
צייכנט יעראָגליפן
פון שוים — — — —

דער ווינט — דער לירישער זינגער —
זינגט זיין אומעטיקן טרוים — —
און ס'זינגט דער ים זיין שטורעם־ליד —
דער אייביקער דועט. —
און דו — פּאָעט, —
זינג מיט: —
— שיפן, אָונטיקע שיפן, נעמט מיך מיט! —

קינדער-וויי

דער טרויער פון די ווייטע האריזאנטן —
אין האלבן גרוי פון הארצן־דעמער — — —
ווידער כ׳זינג, צום טויזנט מאל דערמאנטן
קינדער־וויי פון יארן קרויזיקע, ווי לעמער...

אין קילע קלארקייטן פון קוואליקער דערמאנונג
קומען יארן־שעפסעלעך, צו טרינקען מידע — —
נאר ס׳האבן טעג, ווי בינען, אויסגעזויגן ס׳האניק —
און געלאזט מיר בענקעניש — אומעט אין די לידער...

(1931).

##ביימער טוען תפילה

דארט — איז הימל לויטער,
ווי ערשט געוואשן גלאז.
און זון פארגייט דארט רויטער
אין פרילינגדיקן גראז.

און ווייט בין איך פון דארטן,
נאר ס׳טרעפט אמאל איך הער —
ווי ביי אונדז אין גארטן
פרילינג־ווינטל קרעכצט. — —

ער וויינט אין אונטן שטילער,
רייסט ארום די בלומען. — —
די ביימער טוען תפילה:
בעטן איך זאל קומען...

(1936).

זומערדיקע טעג

כ׳געדענק זיי גוט די הייסע זומערדיקע טעג,
ווען זאַנגען זינגען ס׳ליד פון רייפן שניט.
און דער שווערער, אויסגעקרומטער וועג
וואָס פירט צום דערפל שטרויענעם. אַקאַציע בליט
און דער בעז, ווי ווייַן צעגאָסענער איז שאַרף.
לבנה־פנים — אַן אויפגעשניטענער אַרבוז. — — —
זילבער שטילקייט שפּילט ווי אויף אַ האַרף,
אין גאָרטן דאַוונט פרום דער קוקורוז...
זינגט די גריל אין שפּאַלטן פון די ווענט;
ס׳דערפל שלאָפט, ווי נאָך אַ באָד. — —
און ווי קינדערלעך גענומען פאַר די הענט,
טאַנצן שטערן אין לבנה־קאַראַהאָד...

קאָרענע פעלדער

זינגסט שוין ווידער, האַרץ מיינס, פון דיין טיף? —
ווייט און נאָענט, ווי פון דער היים אַ בריוו.

אַ בריוו מיט קליינע אותיותלעך — ציקלדיקער כתב. —
טרינקען נאָך די שעפעלעך פון היימיש שטילן סטאַוו?

און צווישן זאַנג און זאַנג אויף פעלדער קאָרענע,
וויינט דער ווינט אויף טעג מיינע פאַרלאָרענע? — —

(1935)

מיין קינדהייט עסט אַ פּענעצל ברויט

מיין קינדהייט איז לעבן מיר היינט געזעסן
און געגעסן
אַ פּענעצל ברויט, —
און איך האָב פֿאַרגעסן,
אַז זי איז לאַנג שוין טויט!

ווי קען איך זיסער מאַכן דיין געמיט,
קינדהייט מיינע?...
ביסט געווען אַ טרויעריק ליד
אין אַ האַרבסטיקן אָוונט אין אוקראַינע...

ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן

ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן,
בין איך צוועלף יאָר אַלט געבליבן.
נישט האָבנדיק וועמען צו ליבן,
האָב איך דעם אומעט ליב באַקומען, —
מייז גראָע וואַנדער־טאָרבע. — —
גיי איך אום פֿון דעמלט אָן
אויף פֿרעמדע, וואַנדער־וועגן. — —
שפּעטער איז מיין ליד מיר צוגעקומען:
מיין ליד — אַ גרויע פּאַן,
אין שטורעם און אין רעגן...

(1934).

האַרץ אין עבר

מיין האַרץ אין עבר בליקט,
אין צוקונפט שטאַרט פאַרשטאַנד;
אַ, ווער האָט מיך געשיקט
אין דעם לבנה'ק לאַנד?
וועמענס איז די האַנט
וואָס האָט געפירט אַהין?
דאָרט אויף שטומער וואַנט
זוינט נאָך בלינדער שפּין
פון טעג דעם יונגן קנאַסף,
פון טעג וואָס פאַלן אָפּ,
ווי בלעטער אויף מיין קאָפּ...
בליט אַלץ שאַרפער פראָסט,
טיפער וואַיעט ווינט —
און איך בין נאָך אַ קינד. — — —

.(1933)

פרייד און צער

פרייד און צער האָט דורכגעשאָלט
און שטים פון פרילינגדיקע יאָרן,
ווי אפּהילך אין אַ וואַלד
פון ווייט זיך לעשנדיקע באָרן.

יאָרן — צעברוזיקטע פלוסן —
אין שוימיקן יאַמען־געוויטער,
לויפּז־אָז, ווי וואָרעמע גרוסן,
דורך קאַלטקייט פון דראַטיקן ציטער...

און אַט — שוין ווידער ריזלט
קלאָרער קוואַל אין גרין פון פרילינג־וואַלד — —
אַזויפיל פרייד האָט דורכגעשפּיזלט,
אַזויפיל צער האָט דורכגעשאָלט...

.(1931)

רױשן פאַרגאַנגענע יאָרן

פעלד פון דערמאָנונג. מײַנע יאָרן
װי שעפסן אױף לאַנקעס בלאַנקען אין קאָרן.

אונגט מיִט מחנות געשטאַלטן
ט'פאַרהאַלטן
אין קאָרן די שאָף.
סע װיגט מיך צו שלאָף,
ס'איז מיר קאַלט.

אין פעלד פון דערמאָנונג — פאַרלאָרן,
רױשן פאַרגאַנגענע יאָרן,
װי בײמער אין װאַלד.

געװען אַמאָל אַ װײס שעפּסעלע

בלױע שטילקײט טריפט אױף טראָטואַר שױן;
אױסגערונען איז די זוניקײט פון טאָג.
שפּילט אַ פידל טרױעריקע מאַרשן
אױפן דאַך.

שטרונעס װײנען צאַרט און לאַנגזאַם,
װען ס'באַרירן זײ די פרעמדע פינגער:
„געװען אַמאָל אַ שעפּסעלע אַ װײס,
מיט געקרײזטע, סאַמעטענע רינגען".

געבליבן זײנען צאַרטע, פיבערדיקע סטרונעס,
װײנען זײ איצט, װײנען קאַלטע נעקראַלאָגן.
און בלױ־לבנהדיקער טרױער
טריפט און טריפט אױף דאַך.

(1932).

אין ביינאַכטיקער שטיל

איז מיר גוט אין ביינאַכטיקער שטיל.
ווי פון קוואַלן צו טרינקען פון האַרץ.
ווי אַמאָל איצטער גרילערט אַ גריל,
ווי אַמאָל בליפּעט ווינטיקער האַרבסט.

ווי אַמאָל אין געקרויזיקטע טעג,
אין שטרויענער דאָרפישער היים: —
אויף הימלען — לבנה׳קער פלעק —
אַ שיפל אויף יאַמען אַליין. — —

אין ווינקלען פון האַרץ, ווי אַמאָל,
שפינט אַ שפין בלוי־בימערישן זייד.
אַ צעיושעטער פערד אין אַ טאָל
טראָגט מיין יוגנט אין טונקעלער ווייט.

און דער ווינט די טריט מיינע מעקט,
פאַרלוירן אויף שטייגונג פון בערג.
פאַרוואָס זשע דער בליפּ זיינער שרעקט,
און דער טרויער, דער טרויער דערוועֶרגט?!

(1931).

אַ רעגן גיסט

רעגן גיסט. טראָפּישער רעגן.
רעגן וויינט דעם טרויער פון דער וועלט.
גייען אומעט בעטלער אויף די וועגן
און ס׳וויינט אַ קינד אין אָרעמען געצעלט.

אין שטאָטישן קאַפע שפּילט אַ בלינדער
אויפן פידל, ווי אויף טרויעריקן האַרץ.
גייען אום פאַרלוירענע די אויסגעדאַרטע פינגער,
און די אויגן זיינע אָפענע — פאַרשטאַרט.

אַ לעבעדיקער טרויער־מאָנומענט —
אויסגעהאַקט פון שטיין, פון גורלס האַנט.
כ׳האָב אין אים דעם טרויער פון אַ פאָלק דערקענט,
דעם אומעט פון אַ פרילינג־לאַנד.

אין ציגאַרן־רויך — אַ ווינקל פון מיין היים.
מיין היים אין קרויזיק־רויבערדיקע רינגען.
דער טרויער פון אַ פאָלק אין מיר געהיים
שטיל אַזוי אין האַרץ ביי מיר נעמט זינגען.

(1934).

אין אָוונט ליכט

דער אוונט פארוויקלט מיין פענצטער
מיט אראנזש־פיאַלעטישער ליכט —
דעמעריש־גראָווע געשפענסטער
קוקן אריין אין געזיכט...

טונקלקייט שפרייט אויס קאַוויאַרן
און לייגט זיך, ווי אַ קאַץ, אויף דער ערד —
אין טונקלעניש ווערן געבוירן
פלאַמיק־צעפליגלטע פערד...

פערד מיט צעפּאַטלטע גריוועס
פליען, ווי ווינטן, גאַלאָפּ — —
אין אַפּגרונט פון פינצטערע ריוועס
בלוטיקט אַ מענטשישער קאָפּ...

(1930).

אָוונט אויף שוועלן

פארנאַכט האָט די זון זיך באַוויזן
מיט אַ צונטער פלאַמיקן געזיכט.
און האָט אויף ווענט און קאַרניזן
אַנגעצונדן ליכט.

ווי ריזיקע פויגלשע פליגל
האָט די זון אירע שטראַלן צעצאַפּלט.
און אין הילצערנעם, קינדערשן וויגל
מיין קינד האָט די שטראַלן געדראַפּלט.

צעשטראַליקטע קינדערשע פרייד
האָט געשווימיקט אין הארצן — אַ שיר.
דער אָוונט איז געפאַלן שטילערהייט
אויף די שוועלן פון מיין טיר.

(1930).

די זון אין אַ וואָלקנדיקן רעמל

אין שווינד פון טאָג —
מיין טאָג אַ קריכנדיקער קעמל.
אויף לויטער הימל־וועג,
די זון — אין וואָלקנדיקן רעמל.

גאַסן רוישיקע, ווי בשורה׳קע דעפּעשן,
ביז אוונט־בלוי — אין האַוויקן געיעג.
בליקן זוניקע זיך לעשן
ביים בלויען הימל־ברעג.

די נאַכט אויף וואָלקן קומט אָן —
אַ שוואַרצע קרויזלדיקע שאָף. —
און צעוויקלט איבער שטאָט, ווי אַ פּאָן,
בלויען שלאָף.

.(1930)

אַוונטיקער אומעט

אויף ווייכע דיוואַנען פון מיין אומעט
ליגט דער אָוונט אויסגעשפּרייט
אַ בלויער
און רעדט אַזוינע מאָדנע, שטילע רייד
פון טויט
און טרויער.

ליג איך צו מיין אויער
צו די פּליושן
פון דיוואַנען,
הייבט דער אָוונט אָן מיך קושן
און זינגט דאָס ליד
פון שטאַרבנדיקע שוואַנען.

.(1933)

ס׳פאַרלוירענע קינד

אַ קינד איז פאַרלוירן געגאַנגען. אַ קינד.
ס׳האָט געבלאָנקעט אַליין זיך אין וואַלד.
העלפט מיר, קינדער, געפינען דאָס קינד.
העלפט מיר. ס׳וועט רעגענען באַלד.

דאָס קינד איז נאַקעט; ס׳וועט זיך פאַרנעצן.
אוי, עס האָט מורא צו אומגיין אַליין!...
סע שרעקט זיך דאָס קינד פאַר דונער און בליצן;
ס׳קאָן נאָך אין וואַלד וואו פאַרגיין...

ס׳האָט גאָלדענע הערעלעך.דאָס קינד,
און אויגן — בלישטשענדע בלאַאינקע פערל.
קומט מיט מיר זוכן ס׳פאַרלוירענע קינד!...
ס׳איז נאַכט און ס׳צינדן זיך אָן שוין די שטערן.

.(1936)

מ י ן ק י נ ד

דעמערונג אויף קאַטאַפאַלן שוואַרצע
פירט דעם טאָג אַוועק שוין צו זיין רו.
וואָרזשע זאָל איך מיך אַהינטון וואו
מיט מיין איינזאַם האַרצן?

נאַכט, מיט אויגן בלינדע, שפינט און שפינט
פון פעדעם דינע — שוואַרצע נעצן. — —
וואו זשע זאָל איך מיר אַנידערזעצן
מיט מיין בלאָנדן, צאַרטן קינד?...

קינד איז מיד און שלעפעריק, פאַרפרוירן;
און פראָסט — ער פרעסט זיך ווי אַ וואָרעם. — —
ווי קאָן איך לייגן דיך אויף האַרטע מיינע אָרעמס,
קינד, מיין קינד, וואָס אַקאָרשט ביסט געבוירן!

.(1931)

מיין קינדהייט אויף פליינען

שטיקט מיך דער רויך פון פאַרגאַנגענע יאָרן,
פאַרביטערט דעם טאָג וואָס נעמט שטייגן.
בלאַנדזשעט די זון אין געוואַשענע קלאָרן,
און מיך דערמערט, ס'ווילט זיך מיר שווייגן...

פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין שוים פון זכרון
און וויינען און וויינען און וויינען...
לעמעלעך שפּרינגען אין קרויזיקן קאָרן —
מיין עלנטע קינדהייט אויף זוניקע פליינען...

(1934).

עלנט ביינאַכטיקער

ס'איז געווען אַ נאַכט אין תמוז. —
האָסט געוויינט, ווי ס'וויינען מאַמעס,
ווען אַ קינד וואַכט אויף אין פיבער
און זיין בליק ווערט טריבער, טריבער,
אויגן גרויס, ווי די לבנות. — —
כ'האָב געהאַט אויף דיר רחמנות,
פרוי און מוטער... אַז אַ זינען
האָב געשטאַמלט, נישט געפונען
אין מיין אוצר וואָרט אַ זאַמיז, —
וואָרט אין עלנט פון אַ מאַמען...

(1936).

ער איז נישט געקומען

איך האָב די טריט זיינע פאַרנומען, —
פון דעם וואָס דאַרף ערשט קומען
אין דער נאַכט —
און האָב די טירן אויפגעמאַכט.

קיינער האָט די שוועל באַטראָטן פון מיין טיר.
הינטער מיר — האָט ווער פון מיר
געלאַכט
פאַרוואָס כ׳האָב אַלע טירן אויפגעמאַכט
פאַר דעם וואָס כ׳האָב די טריט זיינע פאַרנומען
אין דער נאַכט,
און ער איז נישט געקומען.

(1932).

רעגנדיקע נאַכט

שוואַרצע שאָטנס קריכן פון די לעבער —
און ס׳טאַנצט דער רעגן טויזנטפיסיק אויף די דעכער.

וויינט אַ קינד רחמנותדיק ביים שכן,
און אַ מייזל איז פון נאָרע אַרויסגעקראָכן.

אַ שוואַרץ קעצל האָט אַדורכגעשלייכט דעם צימער
און ס׳גרינע לעמפּל שפּרייט אַ טרויעריקן שימער.

עמיצער די טיר האָט אויפגעעפנט — און פאַרמאַכט.
אַ מאָדנע, רעגנדיקע נאַכט.

(1931).

גאַנג אין דער נאַכט

טאַטאַלע פינצטערניש
די טריט פאַרשפּינט.
און קיינער נישט דעם וועג געפינט,
אין בלינדן גאַנג,
צום באַרג פון זונאויפגאַנג.

אויף באַרגיק־טורעמדיקן שפּיץ
טוט ווען נישט ווען אַ קריץ
מיט ליכטיקייט —
און ווידער פינצטערקייט,
און ווידער פינצטערקייט.

ווער איז ווער?

... ווער איז ווער?
וואו איז וואַר?

ס'האָט אַנגעהאַנגען ווער
אַ שטאַר
אויף נאַכט —
אַלע טויערן פאַרמאַכט.

(1931).

שווערע שטילקייט

פינצטערקייט זאמלט שטילקייט שווערע
אין שווארצע פעסער פון נאכט. —
ווען די פעסער וועלן זיך מערן,
וועט נאכט זיך צעשרייען: „דערוואכט!"

אַז ס'וועט שטילקייט פון פעסער דערוואכן,
וועט פּלאַצן פאַרשטיקטער געשריי. — —
די פעסטונג פון דרימל וועט קראַכן,
שווארץ־חלום צעגיין וועט ווי שניי...

לייב אין קרייץ

אין איינזאם־קרייץ מיין לייב זיך שניידט,
צוג־ליכט גייט און קרייצט די ווייט.
כ'הער זיין רויש, זיין אנזאג־קול
און ליכטיק ווערט א ווייל אין טאל.

אַ צוג־ווינט קומט דורך טיר פון נאַכט,
און עמיץ ווײנט און עמיץ לאַכט,
און עמיץ רוימט אַ סוד מיר איין:
דורך חשך שפּאַרט פאַרשפּאַרטע שיין.

(1936).

יומי־דפגרא

אין יונגפרייד פון יומי־דפגרא
קומט דער טרויער ווי פּאַדאַגרע
און זשאַווערט די סטרונעס פון ליד. — —

אַוונטיק פּיבערן שויבן,
נאַכט וועט די זון באַלד באַרויבן:
איר סצעפּטער פון גאָלד. —

רגעס־גנבים זיך שאַרן. —
ווער וועט דאַ וועמען פאַרנאַרן
אין נעצן פון נאַכט?...

נאַכט, ווי אַ גזלן אין לויער,
זיך חברט מיט טויט און מיט טרויער
אויף עלנטע וועגן. — —

די קינדער פון וואַנזין דערוואַכטע,
לידער מיט קנאַספּן פאַרמאַכטע
פאַרדאַרבן, פאַרדאַרבן...

.(1937)

צוועלף אַזייגער, טעכטערל

(מאַרגאַריטען).

טייזנט הינט אפשר וואַיען
אין דער נאַכט.
ס'האַט מיין טעכטערל
די טיר פאַרמאַכט.

צוועלף אַ זייגער, טעכטערל,
אין דער פינצטער
גייט אום אַ וועכטערל
און היט.

אין קאָרידאָרן
הער איך טריט.
טריט.
האַב קיין מורא נישט,
טעכטערל,
עס איז דאָס וועכטערל,
ער היט.

אין קאָרידאָרן
גייט אַרומעט
שטיל
דאָס וועכטערל.
דאָס איז מיין אומעט.
טעכטערל!
האַב קיין מורא נישט,
ער היט!

(1933).

דורכזיכטיקער דורכלויכט

גראַזיקער וואוילדופט. פאַרנאַכט.
דורכזיכטיקער דורכלויכט דעם גאָרטן פאַרמאַכט.
און ס'טרייבט קאַראַוואַנען די נאַכט.

רויטע רויז פון דער שקיעה פאַרדאַרבט. —
און די זון אַליין — שטאַרבט.

דאָס איז נישט דער טאָג וואָס פאַרגייט.
לבנה'קער טרויער פאַרשנייט
דעם וואוילדופט פון גראַזיקער בייט. — — —

פאַרגעסענע פאַרב

ווי קאָן איך דיך, פרילינג, דערמאָנען?
אַז דיין פאַרב ווערט פאַרגעסן. —
נעכטן געגרינט — און היינט שוין צעגעסן
אַ בלאַט אויף אַ צווייגל. — — —
נעכטן האָט פויגל געפלאַטערט אין ספערן,
און היינט — אין אַ שטייגל
טרילערט ער טרערן. — — —

.(1937)

צעשמייכלטער ספינקס

אין זויבערן צויבער א צעבער שעפט ליכט.
פרילינג. אפריל. און דיין זוניק געזיכט. —

גריסט מיך, ווער ביסטו, צעשמייכלטער ספינקס?
שפירסט שפוריקן טראט — רעכטס און פון לינקס...

אין ליכטיקע קרויזן פון זוניקן קרייז —
דיין קאפ א קנופ פייער — די אויגן ווי אייז.

אין דורכזיכט צעפלאשעט צעפאטלטע האר. —
דו זוכסט מיך, ווער ביסטו: חלום צי וואר? —

אין זויבערן צויבער — צעשמייכלטער ספינקס. —
שפירסט טראטיקן שפור נאך רעכטס און אויף לינקס...

ד ו . . .

דו אין מיין שטילקייט.
ווען מיין טרער איז דערמאנונג.

דיינע הענט — זענען תפילות. —
אז טריט און אז ווערטער
קומסט אריין אין מיין שטילקייט.

ביים ראנד פון מיין בענקשאפט
לענסטו מיין קאפ, —
און דיין קוש טוט נישט ווי מיין געזאנג...

.(1934)

אומעט

אויף שפּיצפינגער קומט דער אומעט
אריין אין מיין שטוב אלע פארנאכט —
בלינדע אויגן שטארן אלץ ארומעט,
מיט פינגער טאַפּנדיקע זוכט ער און באטראכט...

זוכט אין אלע ווינקעלעך... פון אלע פּאוועטינעס
מיט נעגל לאנגע גראַבלט אוים די שפּינען,
הענגט זיי אויף אויף פעהימלעך דינע,
און זויגט דעם דם־התמצית, וואס טוט פון זיי רינען...

אין טונקלדיקן גרוי — ער זעצט זיך נאָכדעם געניצן
און פינטלען מיט די אויגן די פארלאָשענע,
שניידט, ווי ברויט, פון גרויקייט גראָבע פעניצן

און סמאַליעט זיי אויף ליכטלעך געלע, גראשענע — —
ער שאקלט אָפּ פון בערדל דעם אוונטיקן ווינט
און צעוואיעט זיך — מיט הפקר־וואיענדיקע הינט...

אַ פיאָנע ווינט

אוונט לעשט שטאָטישן גערויש. שטיל.
אויף גאסן גייט דער טראפּישער אפּריל.

ווינט הארציק אַ הארץ פון אַ פיאָנע,
ווינט, פארוויגט אין נירוואנע.

פארגאנגען, פארגאנגען אלץ וואס געווען..
ווינט ביי פענצטער בלייבער שאפּען...

(1928).

ווי אין אַן אָפּענעם אָראַקל

איך קוק אינעם דורכזיכט פון נאַכטישע געוועבן,
ווי אין אַן אָפּענעם אראַקל, —
פונעם גאַנצענעם רויש פון מענטשלעכן לעבן
איז שטילקייט דער סך־הכּל...

אין חשכות פון בלינדע, אַנשטערנדיקע נעכט —
ווער האָט געזען אַזאַ ליכטיקן ספּעקטאַקל? —
פון האַפטיקן, הייסן, בלוטיקן געפּעכט
איז אָפּרו דער סך־הכּל...

אַ רייטער פליט אויף בראַנזענעם פערד,
מיט בלוטיקער פאָן און ברענענדן פאַקל — — — —
פון ווילדן גאַלאָפּ אויף צעטראַמפּלטער ערד
איז שטויב דער סך־הכּל...

ט ו י ט

ווי אין אַ וואַרטזאַל
פון אַ טויטנקאַמער,
וואו יעדער שאַרך
איז אַ טראַט פונעם תּליון, —
וואַרטן מיר אויף דיר,
טויט,
נאַר דו קומסט נישט!

און ווען מיר גייען אַרוים
און לאָזן זיך אין ראַש
פון איילנדיקע טריט,
און עס גליט אונטער פיס
די אָנגעהייצטע ערד, —
לויפסטו אונדז נאָך
און נעמסט אונדז
אויף דיין ביינערדיקן פערד!..

דער חולה מסוכן

עפנט די פענצטער, עפנט, — זאָל זיין מערער ליכט!
דער חולה־מסוכן עפנט די אויגן; זאָל לויכטן זיין געזיכט.

און דער שפיגל... דעם שפיגל נעמט אראָפּ! —
דער חולה־מסוכן זאָל נישט זען דעם שניי אויף זיין קאָפּ...

אזויפיל פרייד דורך די פענצטער, אזויפיל זון!
שווייגט! דער חולה־מסוכן ווייסט נישט דערפון...

און דאָס פלאַטערל דאָס שווארצע? — טרייבט עס ארויס! —
דער חולה־מסוכן עפנט די אויגן — זעט, ווי גרויס!...

אין זיינע אויגן דאָס ליכט — ער עפנט און פארמאַכט — —
אזא ליכטיקער שניי האָט געשאָטן ביינאַכט...

פאַרמאַכט די פענצטער! — זאָל פינצטער זיין! —
דער חולה־מסוכן, דער חולה־מסוכן שלאָפט איין!...

שיינקייט אויפן אורטייל באַנק

מיט בלוט איז שוין פארלאָפן דאָס געזיכט
פארקילטע אָדערלעך, צעקרומט;
און פון ווינקל־אויג — אַ ליכט —
אַן אַנזאָג שמייכלענדיקער קומט. — —

מיט שטערן אויסגעשיינט דער פאַראדיז;
אַ האַנט אַ בויענדיקע פורעמט נאָך די ווענט.
און די, וואָס ביי דער טיר — איז
ווי ווענוס אַן די הענט.

אין מדברדיקן שפיגל־נאַכט,
זע איך שפיגלען מיין געדאַנק
ווען איר טויטע שיינקייט וואַכט
אויף קאַלטן אורטייל־באַנק. — —

(1934).

אַ ליכטיקער באַגינען

(אין אָנדענק פון ה. ב.).

באַגינען אין נאַכט אַ פאַרהילטער,
האָט געגומען שאָרן זיך ביי ווענט. —
און לויטער, טראַנספּאַרענט,
האָט ליכט, ווי דורך אַ פילטער,
דורכגעזייט זיך דורך די הענט.

און ליכטיק אַ געדאַנק האָט אויפגעהעלט,
און בלויע פּעדעמלעך געגומען שפּינען...
ווען, ווען ליכט דען פעלט
אין אַזאַ ליכטיקן באַגינען?!...

ס'האָט ווער די אויגן אויפגעמאַכט,
און ווידער זיי אין פינצטערניש פאַרמאַכט, —
נישט געקאָנט אַ טראָפּן שיין געפינען...
געשפּענסטיש האָבן שאָטנס זיך צעשטעלט
און אים די ליכטיקייט פאַרשטעלט
אין אַזאַ ליכטיקן באַגינען!...

(מאַי, 1935).

באַטרינקנדע רו

אַ האַנט אַזאַ וויגט מיך און וויגט,
כ'האָלט שוין ביים איינשלאָפן — מיר.
און עמיצער צאַרט אויף מיר בליקט,
און זינגט מיר אַ מאַמעדיק ליד. — —

כ'שפּיר ווי ער וויקלט מיך איין,
ווי מע וויקלט אַ מענטש, וואָס איז קראַנק;
באַטרינקט מיך מיט רו, ווי מיט וויין,
פאַרוויקלט דעם לעצטן געדאַנק...

יאָגט מיט אַ טויטלעכער קעלט,
פרירט מיר דעם אָטעם און שטיקט. — —
מיר דוכט, אַז געשטאָרבענע וועלט,
מיך אַ פאַרגליווערטן וויגט...

דער שטאַרבנדיקער

אַ שטערן האָט זיך אָנגעצונדן,
די נאַכט האָט זיך פאַרמאַכט.
אַזוי עפענען זיך וואונדן
פון אַ שטאַרבנדן ביינאַכט.

ביינאַכט — אין שטיל פון שפּיטאָל.
עמיצער ליערט און וואַכט.
עמיצער וויינט אויפן קול,
ווי אַ קול אין דער נאַכט.

ווי אין סטעפּ אַ געשריי.
— ווער וועט דערהערן?
געוויין צעגייט, ווי שניי,
און ס'לעשן זיך טרערן.

אַ טרער האָט זיך אָנגעצונדן,
אַ טיר האָט זיך פאַרמאַכט.
אויפגעעפנט אַלע וואונדן
פונעם שטאַרבנדן ביינאַכט...

(1934).

אַ קינד איז געשטאָרבן

דאָס הויז איז פול מיט טרערן,
מיט שטערן
און מיט ליכט...
אויף טויטן, וואַקסענעם געזיכט
שפּילט אַ שטערנשטראַל
און שרעקט. — —
מיט אַ שוואַרצן שאַל
דער גוף איז צוגעדעקט...
אַ קרענצל לאָרבן
ט'עמיצער געבראַכט. — — — —

אַ קינד איז געשטאָרבן
ביינאַכט...

(1931).

אַ שאָטן אין דער נאַכט

אַ נאַכט — אַ טיף־צעקרומטער, בלינדער לאַבירינט.
אין דער נאַכט — אַ ווינט,
אויף פליגלען טראָגט — אַ וויינענדיקן קינד.

אַ שאָטן אין דער נאַכט — מיין גוף זיך וואַקלט אום,
און זיגלט זיך אויף ווענט פון מויערן, לענג אויס און קרום,
אין אָפּשיין פון לאַמטערנעס פינקלענדיקע, שטום.

פּחד טויזנטאויגיקער לויערט אום און היט
פון גייערס שפּעטביינאַכטיקע די בלאָנדזשענדיקע טריט.
אַ בליץ אויף הימלען טונקעלע, גיט ווען נישט ווען אַ שניט.

געשרייען ווייט פאַרגייענדע, שטאַרבן לאַנגזאַם אָפּ;
אין ים פון כּמאַרעס שווימענדע — שווימט לבנהס קאָפּ. — — —
אין אָפּגרונט, איבער חושכניש — אַ שטערן פאַלט אַראָפּ...

(1932).

נאָך אַ רגע

נאָך אַ רגע! איך וועל מיין ליד פאַרענדיקן. —
טיק־טאַק — אויף דער וואַנט דער פּערפּענדיקל.

דער פּערפּענדיקל גייט מיט לאַנגזאַמע טריט. — — —
אַט ענדיק איך מיין ליד!

צוועלף. דין דין, דין. — —
געענדיקט די פּרוזשין...

און דאָס ליד?
ענדיק ניט,
ענדיק ניט!...

(1934).

אייביקייט

ס׳איז אייביקייט דא
אין יעדן געדאנק.
און צייט לעבט אין אלץ
אין אייביקן גאנג.

הויפנס מיט אש
וואס טראגט אום דער ווינט.
נעמט עס צענויף
אין הויפנס — א קינד.

א בלום ווערט פארוועלקט
אין איידלסטער האנט.
און ס׳בליט אויף א רויז
אין ברודיקסטן זאמד.

און דאס וואס איך זאג
און דערצייל דיר דא היינט,
וועט מארגן דיין קינד
דערציילן זיין פריינט.

(1936).

מיין לעבן

לעבן, מיין לעבן, א לעבן אין גאס:
אביסעלע ליבשאפט, מערער האס.

א קנויל א צעקנוילטער אין קנוילן:
טרויער, געוויין, ווייטיק און גרוילן.

גאנג אויף בערג; וואונדערלעכע טאלן.
געזאנג ווערגט, הענגט אויף שאלן.

ווינט וויינט געוויין פון שפארבער.
די זון פארגייט, גייט שטארבן.

מיינע טעג

מיינע טעג — פארמשפטע צו תליה, —
מיט שטילע טריט — טראט נאך טראט —
גייען זיי צום עשאפאט
פון יעדער שקיעה...

און ווי דער ליכטיקער געדאנק
פון געשטארבענעם באפרייער,
גייט אויף מיט יעדן זונאויפגאנג —
א טאג א נייער...

וואכיקער יאג

איבער אקסלען יאכט וואכיקער יאג.
א יאג — א טרעף: א טרעף — א טאג.

יארן — דער שפּוי פון בארג:
פעלדזיקע שטיינער צעשפּיציקטע, שארף. —
יעקב לייטערס צו הימלען, צוקאפּנס א שטיין:
פעלדזיקער לעבנס־באדארף. — —

.(1935)

אַ טאָג

איך האָב אויפגעעפנט דעם טאָג דורך מיין פענצטער;
איז ער אַריינגעקומען א בלויער
און געזעצט זיך אין א ווינקל אין טרויער...

ער איז געווען אזוי פאַרפרוירן,
אז איך האָב נישט געקאָנט מיט מיינע רייד אים דערוואַרעמען, —
איז געקומען מיין קינד און גענומען אים אומצאַרעמען...

האָט פרייד אזא מאָדנע גענומען שטראַלן
און אין זיינע אויגן פייערלעך — געלע און גרינע — געצונדן.
האָט ער אויפגעמאַכט די פענצטער — און איז פאַרשוואונדן...

ווייסע בלומען
(פון ריינער מאַריאַ רילקע)

געווען איז דאָן א טאָג פון ווייסע בלומען.
פאַר זיין שיינקייט כ'האָב געציטערט. —
און שפּעט ביינאַכט ביסטו געקומען,
מיין זעל באַהערשן, מיינע לידער.

שטיל געפּלאַטער... און דו ביסט לייכט אזוי געגאַנגען.
האָסט זיך מיר געחלומט פאַר דיין קומען. — —
די נאַכט, ווי א ליד א שטילע, איז פאַרגאַנגען, —
די נאַכט פון ווייסע, ווייסע בלומען...

.(1928)

עפיגראַמען

I

כ'האָב געזען אַ קינד בויט אַ שטאָט
אויף בלאָטיקער ערד,
פאַרזייט אַרום בלומען.

ד'ערנאָך האָט עס אַ פייגעלע
צעשטערט,
ווען דער רעגן איז געקומען.

II

די אָרעמע גאַסן:
ליבשאַפט — דאָרט קען זיך נישט גראַמען. —
ווי ליבע צו אייגענער מאַמען,
ליבן זיי דאָרטן צו האַסן...

III

אַ רייך־צווייגיקער בוים — אַ מאַגנאַט —
טראַכט קיינמאָל נישט פון שפּעטער;
פאַלט אַראָפּ ווען אַ בלאַט,
וואַקסן־אָן אַנדערע בלעטער...

IV

די וועלט איז אַ גרויסע, פאַרלאָזענע נעסט.
מיר קומען צופליען ווי געסט.

מ'עסט טרינקט און מע עסט
אביסל טרויער און גליק
און —
מע פליט צוריק...

(1930).

מיין וועג

מיין וועג — אַן אויסגעקרומט זיך שלענגלענדיקע האַנט,
מיך פירט אין אומבאַוואוסטקייטן פון אויסגעטרוימטן לאַנד,
וואָס ערגעץ שטאַלץ און בליענדיק גייט אויף. — —

פון הינטער מיר, די נאַכט קומט אָן, מיט שאָטנס — קאַרנאַוואַלן;
פאַרמעקט אין פינצטערניש מיין וועג, ער ווערט פאַרפאַלן, —
דורך בלינדע אומוועגן, מיט טריט מיט בלאַנדזשענדע — איך לויף...

צווישן בלויקייט און בלאָ

צווישן איין בלוי און צווייטן — אַ ווינט.
נאַכט ליגט און ווייגט: וועלט גייט צוקינד.

אַ שוועל אויסגעשניצט איז פון בלויקייט אין רויט.
אויף דער שוועל ליגט די גויסעסע נאַכט אויסגעשפּרייט.

בלויקייט ווערט בלייך און גינגאַלדיק געל.
צווישן בלויקייטן צוויי — פאַרווישט איז די שוועל.

אַנטשוויגן דער ווינט צווישן בלויקייט און בלאָ.
ווייגט נישט דאָס קינד — דער טאָג איז נישטאָ.

דער טאָג וועט קומען

דער טאָג, וואָס איז פאַרשריבן אין די ביכער,
אָט דער טאָג, אויף וועלכן מיר האָפן.
יענער טאָג וועט קומען אויף זיכער.
ווען דער טרויער וועט נישט האָבן קיין גרענעץ,
וועט ער טאָן דעם לעצטן גענעץ
און וועט זיך לייגן שלאָפן...
און די פרייד, די אַלטע פרייד וועט דערוואַכן.
נאָר ס'וועט שפּעט זיין צו ליבן און לאַכן —
און מ'וועט דאַרפן די אויגן פאַרמאַכן...

(1936).

די בלויע הירשן פון דיינע אויגן

די בלויע הירשן, וואס די אויגן דיינע פלעגן מאלן,
זענען זיך צעלאפן, —
פארפאלן.
און ווען דו רעדסט פון יענע אמאלן, —
דוכט, עם וואיען שאקאלן.

דיינע אויגן זענען איינגעשלאפן
און דיין גאנצענער האפן,
וואס פלעגט זיך וועבן,
ווי שטראלן,
אויף טונקעלע געוועבן, —
איז איינגעשרומפן
ביים ליידיקן פלומפן
פון לעבן...

(1932).

ווי לידער פאסטומע

מיט מיין אייגן האנט האב איך דיין נאמען אפגעמעקט;
נאר ס'טרעפט אמאל — כ'הער א טרוקענעם געוויין — —
און דיין נאמען ווידער זיך דערוועקט...

דיין גוף — א ווערבע נעמט זיך פאר מיר בויגן...
דו ביסט די זעלבע, יא, די זעלבע וואס געווען,
נאר עטוואס טונקעלער די שטערנדיקע אויגן.

מיט צארטער הנעוודיקייט מורמלען דיינע ליפן —
רייך אזוינע נישט געבונדענע, אן א שום באשייד
זיי טוען זיך צום גומען דיינעם קלעפן.

און ווי לידער פאסטומע, פון א דיכטער נאענטן און ליבן,
זענען פאר מיר איצטער דיינע רייד — —
אין וועלכע ס'איז דער טרויער פונעם אונטערגאנג פארשריבן...

(1930).

שאָטן-שפּיל...

כ׳האָב זיך געשפּילט מיט שאָטנס
און ׳פאַרשפּילט מיין שענסטן חלום...
היינט וואָלט איך אפילו מיטן שטן
געמאַכט שלום. — —

די בשורה איז נישט געקומען

די גוטע בשורה איז נישט געקומען,
נאָך אַזויפיל יאָרן וואַרטן. —
און ס׳זענען מענטשן שפּעטן געקומען
פון מיר דעם אָפּגענאַרטן.

אַ פריינט גייט אַוועק

פריינט, וואָס גייסט אַוועק,
בלייב. באַלויכט מיין וועג.

אויסער דיך, ווער איז מיר געבליבן?
מיין ליד האָט דיין נאָמען פאַרשריבן.

אַ נאָמען?... שטויב אויפן וועג.
בלייב, פריינט וואָס גייסט אַוועק!

.(1934)

ליבשאַפט

ליבשאַפט!
אַנטדעק פאַר מיר דיין פּנים! —
אויף אַלע גאַסן לאַקערן שונאים,
מיט גלעזערנע אויגן
בליצלען אין ווייט,
אין פינצטערקייט — —

— איך קאָן זיי נישט האַסן!

ליבשאַפט!
אַנטפּלעקט פאַר מיר דיין ליכט!
כ'האָב דיך אומגעזוכט
אין בליקן פון מיין פריינט...
מענטשן זאָגן: דיין ליכטיקייט שיינט,
ווי זיבן זונען — — —
— כ'האָב דיך ערגעץ נישט געפונען!

.(1933)

זינד

כ'האָב אַזויפיל שוין געזינדיקט אין מיין רעיון. — —
ס'איז דאָך יעדער מענטש אַ זינדיקער אין דרייען:
פאַר זיך, פאַר פאָטער און פאַר אייגן קינד. — —
און וואָס איז מענטש, אויב נישט אַ לאָגל פול מיט זינד,
וואָס גיסט זיך איבער שטיל אַזוי און בלינד
פון דור צו דור — ווי אַלטער, שטאַרקער וויין
פון פלאַש אין פלאַש, — צו זעטיקן דעם ברענענדיקן פּיין
פון מענטשנס בענקעניש אין אוונט־שיין?!...

.(1932)

לינטשונג

ס'לויפט מיר נאָך
אַ משונה'קער געשריי,
וואו איך שטיי
און וואו איך גיי:
„לינטשן!"
(אַ האַנט איז דאָ וואָס שטראָפט פאַר אַלץ!)

הענט ווי שטריק זיך פלעכטן
ארום האַלדז
און בלוט מיינס רינט שוין,
רינט שוין...

די שטראָף איז גרויס אוודאי!
(האַרץ פאַרוויקל זיך אין שאָטן!)
כ'בין זיך מודה ומתוודה,
כ'האָב צעטראָטן!...

אין בלויען גאָלד פון זונענשטויבן
אומגעקראָכן איז
אַ ווערעמל געלאָסן...

„דעם וואָס קריכט איז שווער זיך צו דערהויבן",
און דעם וואָס איז פאַרהאַסט,
איז שווערער נאָך צו האַסן!...

.(1930)

אַ גדר

פ'האָבן מענטשן געשטעלט דאָ אַ גדר.
ביז אַהער און נישט ווייטער — קיין טראָט.
קאָן איך נישט ביישטיין און קלעטער
אַליין העכער און העכער צו גאָט.

וואָס העכער די צוימען וואָס מערער,
אַליין העכער דער באַרג פונעם טאָל. —
און דאָרטן — די שטראָף איז נאָך שווערער,
מע שטראָפט דאָרט פאַר אַלץ מיט אַמאָל.

(1930).

אַנטקרוינטער בן־מלך

כ'האָב דורכגעשניטן יאַמען,
אין די הענט מיינע טראָג איך קאָנטינענטן:
אַ כוואַליע יאָגט אין אַלע פיר ענדן
זי זאָל נישט פאַרזאַמען. — —
און איך — איך גיי מיר פאַמעלעך
(כ'ווייס נישט וואו איך זאָל גיין)
אַנטקרוינטער בן־מלך
וואָס שלאָגט זיך דעם קאָפּ אין אַ שטיין..

(1936).

ווער ביסטו?...

דיך בעט איך,
דיך זוך איך,
דיך רוף איך, —
מיין טייוול,
מיין גאָט!

ווער בין איך? —
איך ווייס נישט!
און דו ווער —
אַ סוד!...

ס'האָט אונדזביידן
געבוירן מסתמא
אַ זינדיקע מאַמע
פון פלייש
און פון בלוט...

ווער זאָגט —
ביסט אַ טייוול:
ווער זאָגט —
אַז אַ גאָט...

ווער בין איך?
איך ווייס נישט!
ווער דו ביסט —
אַ סוד!...

(1934)

אַ דאַנק

1.

אַ דאַנק דיר גאָט מײנער,
אָדער װער זאָלסט נישט זײן!
װאָס דו האָסט מיר געשאָנקען
טרערן, — שאַרפֿן װײן.

פֿאַראַן זענען טעג,
װאָס איך בין שיכור פֿון זײן.
דערפֿאַר דאַנק איך דיר גאָט,
אָדער װער זאָלסט נישט זײן.

און טעג זענען דאָ,
װען פֿרײד איז — מײן צער.
װער זאָלסט נישט זײן,
אַ דאַנק דיר דערפֿאַר!

2.

אַ דאַנק פֿאַר דעם װאונדער אַן שפּור,
אַ דאַנק פֿאַר דעם פֿרילינג אין בלױען לאַזור. —

אַ דאַנק פֿאַר דעם ליכט פֿון דײנע אױגן
װאָס האָבן צעשטראַלט אַ רעגנבױגן
אױפֿן װאָלקן פֿון מײן אומעט. —

כ'קוק מיך אַרומעט
און זע אין מערבֿ־זײט — אַ װעג:
פֿון זונפֿאַרגאַנג ער גײט אַװעק
אין נאַכט אַרײן
מיט פֿיאָלעטישן זונשײן
צעבלאַנקט. — —

אַ דאַנק,
אַ דאַנק. —

(1934).

המשך

גישט צעריים דעם המשך
פון מיין חלום נאָך מיין טויט.
זאָל ער שלאָגן אינעם ריטם פון דיין בלוט
נאָך מיין טויט.

זאָל דערמאָנונג מיינע בלייבן
אין דיין זעל,
ווי ס׳בלייבט אַ קערנדל פון זאַנגען
אויפן פעלד.

איכל לעבן אין די פאַרבן
פונעם גראָז
אויפן קבר פון מיין זיין.

איכל לעבן אין די טרערן
פון מיין קינד
אין מיין יאָרצייט יאָר נאָך יאָר.

איכל לעבן אין די פריידן
און אין טרויער
פון דיין הארץ.

גישט צעריים דעם המשך
פון מיין חלום נאָך מיין טויט.
איכל לעבן אינעם חלום
פון מיין דור.

(1937).

צעבראכענע שטאמען

... דער טרויער וואָס טריפט אין מיינע לידער,
איז נישט אַמאָל פון יענע מיינע זיידעס,
וואָס האָבן זייער לעבן אויסגעוויקט אין סדור,
און זיך אַליין געפירט, ווי שעפּסן צו עקדות
פאַר אַ ברעקל גאָט, אַ טראָפּן הימל־ליכט. -
געזאַמלט אוצרות — שיכט נאָך שיכט, —
און איינגעהיט אין ספרים פאַרמעטענע רייד,
פון וועלכע כ׳וויים נאָך איצט נישט דעם באַשייד...

אַלע יאַמען קענען מיר
און אַלע ערדן. —
אויף אַלע שייטערס ברענען מיר
און אויף שווערדן
שרייען מיר „אחד", —
ווייל מיר זענען אויסדערוויילט פון גאָט!

אַ פאָלק אַזאַ אין גרוילן
און אין גורל־ווייען:
דורך האַס און שנאה־קוילן
און דורך פינצטערניש געדיכטער,
לאָמיר גיין אין צווייען, —
וואַנדער־פאָלק און דיכטער. — — —

געזאַנג איבער תהומען

געזאַנג פון מיין זיידן
נאָך שטאַרבט איבער תהומען.
כ'הער דאָס געוויין נאָך
פון ווייטע פּאָגראָמען.
ווינטיקע ערדה
אין בלוט און אין מורא.
און איך בין דער קרבן
פאַר זינד פון די דורות.
נישט איך אליין בין —
אַ סטאַדע מיט לעמער
עס טוען די בערג אַן
דעם וועלטישן דעמער
אויף אַקסלען אויף שמאָלע;
ווי קרוגן פאַרפולטע
מיט טרויער — די טאָלן.

אויף הרודיקע וועגן
צעשראָקענע בוידן
מיט וויסטע יללות:
מע פירט אויף ירידן
דעם אידישן גלות.

(1938).

אין ווייסער וואַרטעניש

מיר, וואָס האָבן אין געצוואונגענע נסיעות
די באַגערן אונדזערע געלענקט
אויף די וועגן פון געשיכטע;
און אין איטלעכן געפּעכט
פון לעבעדיקע ווערנס אונטער זון
צווישן פעלקער זיך געראַנגלט, —

דורך יאָמען ביטערע און ווילדעסטע יבשות
אויף שיפן און אין באַנען זיך געטריבן
צו די טויערן פון בבלדיקע שטעט, —
מיר האָבן אויף דער וועלט קיין שליחות נישט,
מיר זענען די געשיקטסטע נאָר
אין הייליקייט צו שטאַרבן.

אין קאַרנאַוואַלן ליכט-געשריי אין די מעטראָפּאָליעס
פון גאָרער קיילעכדיקער וועלט
האָט גורל אונדזערער געברענט,
און אין די זיגער-פאַנען און שטאַנדאַרטן
פון יעדן פאָלק און לשון אויף דער ערד
געשיינט האָט אונדזער נאָמענלאָזע פרייד.

וואַקסט דער פעלקער-פּעכט אויף שאַרפן פון געוועער
און פאָלק אויף פאָלק שטייט אויף אין לעצטע טעג
ביי בלינדע אָפּגרונטן פון טויט,
און מיר אין ווייסער וואַרטעניש פון גייסט מיר ווערן זיך,
און דורות איינגעחזרטער לאָמענט
פון רייען הויקערדיקע ברומט
אין אויערן פאַרוואַקסענע פון צייט. — —

אידן אין דער נאַכט

אידן איינגעשפּאַנט אין גרוילן
גייען איבער ווייטע מיילן.

טאָג גייט מיט אויף ווייסע לאַנען,
און די אידן שפּאַנען, שפּאַנען.

ווערן פעלדער שטילער, שטילער.
מורמלען אידן צוונט־תפילה...

צוונט־תפילה — בלויזער טרויער.
און דער אוונט — בלויער, בלויער.

זאָגן אידן איינס צו נ׳אַנדער: —
„באַלד וועט זיין אַ סוף פון וואַנדער".

און זיי טוליען טיף אין נאַכט זיך.
נאָר פון די אידן איינעם דאַכט זיך:

פון די נאַכטיק ווייטע ווייטן
קומען מחנות אַן מיט רייטער.

ווילדע מחנות רייטער־ריזן,
און זיי טראָגן קעפּ אויף שפּיזן.

קעפּ פון קאַלטע, טויטע ברידער.
טוליען אידן איין זיך מידער,

און די רייטער יאָגן, יאָגן. — —
ביז עס נעמט אויף פעלדער טאָגן.

(1937).

גייער אינעם ווינט

פון קינדהייט נאך, ווי איינער וואס איז בלינד,
האב איך אויף קרייצוועגן א וועג געזוכט;
מיט זעעוודיקע פיס געטראמפלט אין דער נאכט — —
געוואונדיקט, ווי א רויז אין זון, געפלוכט
דעם גורל טונקעלן פון גייער אינעם ווינט, —
און אין מארגנרויט צו וואנדער ווידער אויפגעוואכט.

אין נעבל־ווייטקייטן דער וועג ווערט אפגעמעקט;
און אויף סטעפעס, נע־ונדע, אויף פעלדזנשטיין
דעם קאפ געלענט... א, איינזאם־מידער גאנג
פון גייער אן אן ענד! ווילדער פייגלשער געוויין...
שטערן לעצטע לעשן זיך... מגושמדיק זיך וועקט
דער חושך־נאכטיקער אראנג־אוטאנג. — —

מיט שפראץ אויף טאג שפראצט מארגנפרייד
פון נייעם גאנג, אויף וועג וואו ס׳גייט
דער וואנדערער אויף גאטס באראט. —
און ס׳מעקט דער ווינט זיין ווייטיקדיקן טראט.

מזלות אין דער נאכט

שרעק צינדט אנעט טרויעריקע פאקלען
אין היילן טונקעלע פון רעיון.
זע איך גיין אין פינצטערניש מזלות
און איבער זיי ווראנעם שרייען.

וואוהין זשע גייען זיי די גייער
אין נאכט אנשטערנדיקער שפעטער?
ווינט וועט זייער שפור פארווייען
און פארשיטן זיי מיט בלעטער.

צומארגנס וועט זיי קיינער נישט געפינען,
ברידער מיינע, עלנטע מזלות!
ביז ס׳וועט זיך פארנעמען אויף באגינען
וועט שרעק אלץ צינדן אירע פאקלען. — —

(1936).

אין נאַכט־טאָל

פאַרלאָשענע שטימען פון אייגענעם וואַנדער
פון עכאָס פון ווייטע זיך וועקן,
ריטמען פון וואונדער,
זוניקע שטרעקן.

כ׳בין דער פאַרוואַנדטער
פון אייביקן גייער.
שטימען באַקאַנטע
דערפרייען.

דערמאָנונגען קאַלטע
אין שטעפּסענע פעלן.
ווייטע געשטאַלטן
אויף שוועלן.

פאַרלוירן אין נאַכט־טאָל,
פינצטערע ווייטן. —
ענטפערט אַ בת־קול:
גיי ווייטער!

גייער מיט טאָרבעס

אויגן אַז ברעמען,
ברעמען אַז וויעס —
תּליות.

ווינטן אויף פעלדער,
פעלדער אַז וועגן —
אנטקעגן.

גייער מיט טאַרבעס
— טראָגן אויף האַרבן
אַ קרבן.

.(1938)

ערב־רב

(עמיגראַנטן)

פֿראַפּיליש צייכנט ערב־רעגן
קרומע סילועטן
פֿונעם ערב־רב.

זיי טרעטן
בלינד
מיט זעעווריקע פּיס
אומבאַקאַנטן באָדן.

שמאַלאַקסלדיקע פֿרויען
אָנגעלאָדן
האָרביק.

מענער טראָגן שאַטנטאָרבעס
איינגעבויגן,
שרעק אין אויגן.

און אַט האָט אויפֿגעשיינט
אַ בלישטשענדיק שטיק גאָלד —
זיי האָט אויפֿגעראַלט.

און דורך שפּינוועבס־פֿליכיקן טומאַן
טרעט מחנה זיכערער —
און לייכטער איז דער שפּאַן...

(דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן על פּי טעות אין „ניו יאָרקער וואָכנבלאַט” (נומער 74 פֿון 22 אָקטאָבער, 1937), אונטערן נאָמען פֿון יצחק בערלינער. — י. ג.)

.(1934)

אַ רייטער

(סאַלאָמאָן קאַהאַנעו).

טונקלען, טונקלען די אַלייען
און מיר גייען,
גייען.

אין ווייטע ווייטן
שלאָגן טריט...
שלאָגן טריט...
אַ רייטער פליט.
אַ רייטער.

— רייטער, רייטער,
שטעל זיך אָפּ!

— רייטער, רייטער,
קריך אַראָפּ!...

— רייטער, רייטער!
שוין פאַרביי!...

—רייטער, רייטער!...
סיי־ווי־סיי!...

אָ, דער רייטער איז פאַרפלויגן
און מיר אָפּגענאַרט די אויגן,
און מיר אָפּגענאַרט די אויגן...

(1931).

גאָט אין די בערג

בערג אַקומולירן טונקלעניש און סוד:
די נאַכט איבערן טאָל — אַ באַלדאַכין.
פון טונקלענישן קומט אַרויסעט גאָט
אין וואַרטעניש אויף אויפשפּראַץ פון באַגין.

זשאַבעס שמוצערן און זינגען הללויה
צום האַר פון נאַכט אין בערג,
און וועלפּיכעס אין פינצטערנישן וואַיען
אויף גאָט און אויף זיין ווערק.

הונגער פרעסט די אינגעווייד פון וועלף,
ווי ס'פרעסט דער זונענשפּראַץ — די נאַכט.
רופן וועלפּיכעס צום גאָט דעם האַר נאָך הילף
און גאָט האָט זיך אין פעלזנברוך פאַרמאַכט.

פּאַשען שעפּסן זיך אין טויאיקן פאַרטאָג;
אויף דינעם פּייפעלע דער פּאַסטוך שפּילט.
טוען וועלפּיכעס די שעפּעלעך — אַ יאָג,
ווי ס'יאָגט אין בערג אַ שטורעם ווילד.

און גאָט שלאָפט מיד אין שפּאַלטן פון די בערג
מיטן ערשטן אויפשפּראַץ נאָר פון טויאיקן באַגין;
אין הונגער־גרויל דער וואָלף די שעפּעלעך דערווערגט,
און ס'לאַכט די זון אַראָפּ פון בלויען באַלדאַכין.

(1937).

פֿאַרפֿרוירענער גלייכגילט

שנייט אַזוי שנייט
מיט פֿאַרפֿרוירענער גלייכגילט,
און קעלט פֿון נאָך האַלבנאַכט
פֿאַרפֿאַלגט.
די שטערן צעשיטן זיך,
שיטן זיך אויס
און ס'ברעכט זיך לבֿנה
אין טויזנטער שפּיגלען. — —

וואוהין זאָל איך גיין?

די ביימער אין פּאַרקן
דערציילן פֿון שטורעם
אין בארג־הויך:
זיי שאָקלען די קעפּ שוין
אַנטהוילטע
און בוקן זיך,
בוקן געהאָרכזאַם
צום ווינט. — —

וואוהין זאָל איך גיין?

במאָרעם פֿאַרכאַפּן
דעם ליכטיקן קאַנום
אין בערג;
ס'וויקלען אין קרעפּ זיך
די ביימער,
און הימל טריפֿט
טראָפּנדלעך פֿינצטער
אויף דרערד. — —

וואוהין זאָל איך גיין?

(1936)

גאָט פירט מיך פאַר א קרבן

די נאַכט איז בערג, זי גיסט מיט סודות.
וואָס מער איך גיי אַלץ מערער — סוד. —
אויף בערג דאָ שטייען גרייט עקדות,
און ספירט אַ קרבן מיך — מיין גאָט.

לבנה שיקט אַ גוטן מלאך
ער זאָל וואַכן איבער מיר.
און איך זע אין ווייטן מהלך
ווי עס עפנט זיך אַ טיר...

אַ טיר, אַ צווייטע, בערג זיך נעמען
פאַר די הענט — און גייען אָפּ. —
איך בלייב אַליין. די נאַכט אויף ברעמען,
און שטראַלן הענגען אויף מיין קאָפּ.

איך זוך, נישטאָ. מיין גאָט פאַרשווינדט.
איך רוף. קיין שאַרך. איך בין אַליין.
איך פיל עס טראָגט מיך אום אַ ווינט.
כ׳בין אין הימלען, ליג און וויין...

און גאָט וואו איז? זיין מאַנטל ליגט
און וויקלט מיך אין לויטער שיין. — —
אַ האַנט אַ ווייכע וויגט מיך, וויגט:
„שוין שפּעטע שעה שלאָף איין, שלאָף איין!"

(1937).

יעהאָווא אויף גאַסן

די זון צו דער לוויה איז אין טאָל אראָפּגעגאַנגען.
שוועבט אַ קדושה אויף די בערג, די רויט־לילאַווע,
ווי ס'וואָלט אַליין דאָ גאָט יעהאָווא
אויף די בערג אַרומגעגאַנגען.

נשמה־ליכט ברענען אין טאָלן — די ביימער.
דער טאָג ליגט — אַ נפטר מיט אָפענע אויגן.
ביים טויטן־בעט פון טאָג — אַ בכבודיקער שומר —
יעהאָווא שטייט געבויגן.

וואָלקנדלעך רויטע — מלאכים מיט קופּערנע בערד —
איבער אים טוען פליגלען אויסשפּרייטן.
און ס'גייען אַלע ברואים פון דער ערד
דעם טאָג דעם אומגעקומענעם באַלייטן.

צו קבורה געבראַכט שוין דעם מת, מע צעגייט זיך.
מלאכימלעך זאָגן נאָך קדיש ביים קבר ביים פרישן.
און אַבל — יעהאָווא אויף גאַסן שטיל דרייט זיך
און נעמט זיך מיט פּשוטע מענטשן פאַרמישן...

(1931).

אוי מיר בין איך

אוי, מיר בין איך פון שטויב ביי וועגן,
פון טויטן־גיפט — ביים לעבן;
כ'בין מיד אויף לענדער נייע פרעגן
און ביים וועלטן־טויער לעבן.

אַט זע איך אים — דעם גאָלדן לאַנד:
די בערג, די הויכן און די טאָלן!
וויפיל וועל איך נאָך פאַר שאַנד
פאַר פיין, מיט בלוט מיט מיינעם צאָלן?

און אויב מיין טרויער־ליד
נאָך זינגט צו זוניק־בלויע ראַנדן?
טאָ מיר בין איך, אוי מיר,
און האָב נישט וואו צו לאַנדן.

פינצטערע לאָנקעס

כ'גיי אויף וועגן
פון זעלבן אַנגעזיכט.
זעלביקער רעגן,
זעלביקע ליכט.

גאָר היינט איז געווען
אַנדערש מיין טראָט.
האָב איך זונשיין געזען
דעם אַנבליק פון גאָט.

גאָט איז געגאַנגען
מיט מיר אויף מיין וועג.
ווען זון איז פאַרגאַנגען
אין נאַכטיקער שרעק.

דורך פינצטערע לאַנקעס
און פויגל־געוויין,
ווידער איך בלאַנקע
אַליין. — —

(1936).

דורות-געוויין אין מיר כליפּעט

(אלעף כ״צן).

עס זאַמלען די ווינטן די שיפן אויף יאַמען.
כ׳ווייס נישט: וועל איך קומען צי וועל איך פאַרזאַמען.

ווי אַ הפקר־מאַטראַס אין פאַרלוירענעם שיפל,
אַזן קאַמפּאַס אויף אַלע פיר ווינטן
שווים איך אין שטורמיש־צעאַקערטע טיפן...
די צפון־ציקלאַנען מיך יאָגן פון הינטן,
און פאָרנט — שטאַק־פינצטערע ווינטיקע ווייטן.
כ׳בין אין שטורעם פון ווילדע, צעוושעטע צייטן.

כ׳שווים מיט מיין זינקענדן דור,
וואָס ווערט נישט דערטרונקען... ער ברענט,
ווי דער סנה אינעם מדבר: צווישן וואָר
און נאָך נישט געבוירענעם חלום; פאַרמויערט אין ווענט,
ווי די קינדער פון עברים אין אַלטן עגיפּטן. — —
כ׳זינג — און דורות־געוויין אין מיר כליפּעט.

עס זאַמלט דער שטורעם די שיפן אויף יאַמען.
כ׳ווייס נישט: וועל איך קומען צי וועל איך פאַרזאַמען...

(1936).

אַטלאַנטיק

בבלדיק וויינט דער אַטלאַנטיק.
ים וויינט מיט אַלטער ראָמאַנטיק.
אַלטע ראָמאַנטיק און נייע —
געווען אַמאָל קנעכט —
און היינט איז מען פרייע?...

דורות־געוויין — אַזוי ווינטיק.
צייט, מיסטעריעז — לאַבירינטיק.
אויף ווערבעס די פידלען אַלץ וויינען,
און וועמען וויל ים איצט באַוויינען?

שיפן פון לענדער פון אַלע. —
ווינט קושט לבנה — זיין כלה.
איך בין אַזוי אַבלדיק עלנט —
בבלדיק וויינען די וועלן...

וויינען די וועלן, פאַרוויגן. —
אַלץ איז דער יאָמיקער ניגון.
און זאַלציק ווי טרערן דער שוים.
עס וויינט אין מיר אוראַלטער טרוים.

אַ חלום אַ ווייטער פון יאָרן. —
יאָגן די כוואַליעס מיט צאָרן. —
לבנה — אַ שיפל אין וואָלקן,
דער ים־שוים, ווי מילך אָנגעמאָלקן.

איך בין אַזוי אַבלדיק עלנט.
איינטאָניק רוישן די וועלן.
ים וויינט מיט אַלטער ראָמאַנטיק.
בבלדיק וויינט דער אַטלאַנטיק.

(1937).

ווי גװאַנג צום עכאָ

ווי גװאַנג צום עכאָ — ציט מײַן אומעטיקער גאַנג.
מײַן לעבן ווײַטנ — אין ווינט אן איבערפולטע זאַנג.
אויף וועגן מײַנע קרײַצט — אוראַנגאוטאַנג. — —

דער ווילדער חיה־מענטש אין שײנע קלײדער אַנגעטאָן.
מיט מײַן בלוט האָט ער באַפאַרבט זײַן גרויע פּאָז,
און אויף איר מײַן לעבנס־זין פאַרצײכנט — אַט דער קלאָון!

מײַן לעבנס־זין — קאַמף פאַר מענטשן־רעכט אויף דרערד!
מײַן פרײַהײט־וואָרט — פאַרוואַנדלט אין אַ שווערד,
און מײַן ליבע צו דער וועלט — אין אַ בלוטקן געפּעכט...

(1934).

אַ ד י כ ט ע ר

פֿונקען אותיות פינקלען אין די הויכן,
שלענגלען אוים אין ליכטיקײט — זײַן נאָמען.
ווען דורך נעבלען בלינד אין קנוילנדיקע רויכן
גײט וועלט צו זינקענדיקע תהומען.

זײַן נאָמען ליכטיקט זיך אין קלאָרקײטן פון ספערן,
זיגזאַגן־בליץ אין טונקלקײט פון ווײַט. — —
זײַן נאָמען — אַ געלײַטערטער אין טרערן,
גײט־אויף רמזדיק — אַ פינגער פון דער צײַט.

דער פינגער ווײַזט דעם וועג צו „קײנעמס לאַנד".
דאָס לאַנד פון אַלעמען און קײנעמס ניט. — —
ער פירט אַהין דעם מענטשן פאַר אַ האַנט,
און זינגט דאָס נײַע אויפגעהײטערט ליד. — —

(1935).

אין אַ לבנה׳קער נאַכט

(ה. לייוויקן).

א.

... לבנה׳ איז קאַלט און שאַרף. אוונט איז בלוי־ראַמאַנטיש:
אין נעכט אַזעלכע גייען טעג זיך אַנצוטרינקען אין טייך פון דערמאַנונג.
און אַלץ וואָס דו האָסט דורכגעלעבט, וואָס אַלט און באַקאַנט איז
קומט צוגיין, ווי אַ פאַרגעסענער פריינט, אין דיין וואוינונג: —

ער טאַפּט אַלץ אַרום מיט די פינגער און קוקט אַריין דיר אין די אויגן;
ער האָט אַזויפיל צו זאָגן און ווערטער בלייבן צוגעקלעפּט צום גומען. —
ער זעט, אַז נאָענטקייט, ווי אַ ווייסע טויב, איז לאַנג שוין פאַרפלויגן
און ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס ער איז איצטער געקומען...

איצט, ווען נאַכט איז קאַלט און, ווי שפּילקעס, שטערן זענען שטעכיק
און ברודער־וואָרט דאַרף זיין—אין ווינטער־נאַכט: אַ ברענענדיקער שייטער,
ביסטו געקומען פון די סטעפּעס ווייסע, ברודער־מיינער, דיכטער,
און געבראַכט פון ק י י נ ע מ ס ־ ל אַ נ ד מיר גרוסן ליכטיקע, בשורהדיקער
רייטער!...

ב.

סיבירער סטעפּעס. ווינט און שניי. ווייסע נאַכט און פינצטערער פאַרטאָג:
יונגע טריט פאַרפרוירענע אויף סיבירער קאַלטע וועגן. — —
מיט אויגן — ליכט אין חשכניש — זיי קומען אים אַנטקעגן: —
בלאָק און עדעלשטאַט, דער אַלטיטשקער מהר״ל פון פּראָג...

די האָפענונג—אַ שטערן אַ פאַרלאָשענער. וויסטע ווינטן אומעטיקע וואָיען;
ווי אַ הונט, דער טרויער וויינט אין איינגעווייד פון יונג־צעבליטן לעבן. — —
און די וואונדער־מעשיות פון דעם אַלטן פּראָגער גאָון
פלעכטן בלוי און דין און צאַרט־כימערישע געוועבן. — —

ווי אַ ווייטער בריוו, אַ נאָענטער, קלינגען שורהלעך פון טיפן, —
טיפע שורהלעך פאַרטרויערטע פון דעם דיכטער פון די „סקיפן״
און עדעלשטאַטס צוואה וויינט — געוויין פון קריסט און איד. — — —

דער פיין גייט אויף געשוואָלענער — אַ בלוטנדיקע וואונד
און ווי אונטער פעלדז אַ קוואַלעכל — אין פלוצלינגן בייזוואונדער
שלאָגט פון טיפן וואונדיקע אַ וואונדער־וואונדיק־ליד...

(1934).

אַ שטים אין שטורעם

(משה לייב האַלפּערנס אָנדענק).

דיין שטים האָט אויפגעריסן מיינע וואונדן —
און איז פאַרשוואונדן,
אוועקגעפלויגן, ווי אַ פייגעלע, וואָס פליט אַרויס אַמאָל פון האַנט.

איך בין געבליבן אויפן ראַנד
פון נישט דערהערטן וואָרט,
אין דער שטילקייט וואָס רעדט עלאָקווענט.

צענטליקער אויסגעדאַרטע הענט
האָבן געבויט און געפלאַסטערט ווענט
פון שטילקייט גאָלדענעם טורעם.

אויפן טורעם אויפגעהאַנגען — גלעקער פון שטורעם.

קלאָרע דיבורים
האָט שטילקייט געוועקט אין ענגקייט פון מירמלנע ווענט
פונעם טורעם...

איין זייט הימל האָט זיך אָנגעטאָן אין קרעפּ,
ווי אין רעיונות פון פאַרעטער.
איבער בערג, ווי אויף טרעפּ
האָט שטורעם געקלעטערט,
געכאַפּט פאַר די העלדזער די גלעקער,
די בראָנזענע צונגען
צעקלונגען:

— אַ שטורעם —
אין גאָלדענעם טורעם!...
— אַ ש־ט־ו־ר־ע־ם!

(1935).

דער רייטער אויפן ווייסן פערד

(נפתלי גראָס).

אַ רייטער אויף אַ ווייסן פערד — יאָגט — —
פונקען צינדן זיך פון טלאָען...
פון הינטן פליען שוואַרצע קראָען,
פון פאָרנט — טאָגט. — — —

דער רייטער אויפן ווייסן פערד — דער רויטער חלום —
גאַלאָפּירט און טראָגט די בשורה:
שאַנד פון דורות און נבלה
טרינקען זיך אין שטורעם...

דעם רייטערס קאָפּ פלאַטערט אין ווינט;
זיין פערדל יאָגט — דער דורותדיקער טרוים...
מיט בלוט פון אונטערגאַנג די וועלט פאַררינט
און ס׳האָט די נאַכט זיך אויפגעהאַנגען אויף אַ בוים...

פלאַנטערדיקער וואַלד. פינצטער פון פאַרטאָג.
דער רייטער פליט, דער רייטער יאָגט
אויף ווייסן פערד פון דורותדיקן טרוים...

פון פערדלס מויל עס טראָגט אַ שוים;
דאָס פערד איז מיד,
דאָס פערד איז מיד — —

...נישט ענדיק זיך, מיין ליד!
מיין ליד פון נאַכט און ווינט און אָנהויב טאָג — —
לאָז דעם רייטער יאָגן!...

(1933).

שרעק און אומעט האָבן דיך געבוירן

מיין שרעק, מיין אומעט און מיין דאַרשט
האָבן געבוירן דיך, — מיין ליד!
איך בין פון וועג געקומען אָקאַרשט,
און איך בין מיד.

שטענדיק לייגט זיך דער אָוונט צו די פיס,
און מיין שאָטן — געקרייציקט אויף דער וואַנט.
דער טאָג איז געשטאָרבן עלנט און וויסט,
ביים ברעג פון צוגעזאָגטן לאַנד.

אין הויכער נאַכט, אין שפּעטער — מיין גוף
לעכצט נאָך רו, און ס'קלינגען אויף טורעמס
טרויעריקע גלעקער. — זאָל מיינע ברעכט זיך אין שלאָף
פאַר די אָנקומענדיקע שטורעמס.

מיין וואָרט איז אויך ווי אַ גלאָק אָנהייב טאָגן,
ווען דעמערונג הייטלט די אויגן און שרעקט.
כל זמן ס'וועט בלוטיקן האַרץ מיינס און שלאָגן,
וועט גרייכן מיין וואָרט אייך אין וועג
און פאַרפאָלגן!

(1938).

מיין פען איז פון שטאָל

אויף אַ געגנזעגעם פּעדער — מיין פּען כ'וואָלט פאַרביטן
און פּערלען די אותיות, ווי מיין זיידע פלעגט טאָן, —
נאָר מיין פּען, ווי מיין דור, פון שטאָל איז געשניטן
און מיין אומרואיק ליד — איז אַ בלוטיקע פּאַן...

אויף תהילים־געבעט, כ'וואָלט מיין ליד אויסגעביטן,
— אַ, זיידע מיט הארץ פול אמונה און גרויסן בטחון! —
נאָר עס טראָגט מיין געזאַנג פון סיגנאַלן דעם ריטם
און דאָס הארץ, אַ, מיין זיידע, איז אינגאַנצן צעבראָכן.

פלעגסט גראָבן זיך, זיידע, אין פּוסקים, אין ש"ס
און חכמה געטרונקען פון אור־אַלטן קוואַל. — —
און איך טרינק פון לעבן דעם סאַמיקן האַס
און גראָב זיך אין וואונד פון אַ דור וואָס צעפאַלט.

מיין זיידנס געזיכט

האַלבע נאַכט. פאַרלאָשן דאָס זינגענדיקע ליכט
פון מיין ראַדיאָ. ערגעץ אַ האָן קוקורעקעט, —
אַ האָן, אַן אַנזאָגער פון טאָג, רופט און וועקט.
חצות. — מיין זיידע מיט זיין אויסגעדאַרט געזיכט
בליפּעט און קרעכצט, ער זיצט ביים אַלטן ספר
און שאָקלט מיט זיין גרויען קאָפּ. נאַכט — אַ שוואַרצע פּאַן
וויעט אויף אַ בוים. — דער בוים פליסטערט וואָס געהיים —
מיין זיידנס נע־ונד־זיין, דאָס קרייען פון האָן
און פאַרלאָשענער ניגון פון ראַדיאָ, פלאָנטערן
נאַכטיקן פלאָנטער — — זיידנס געוויין ווערט פאַרשוויגן, —
דער ווינט האָט אַנגעצויגן אַלע סטרונעס פון ביימער
און ס'ווינט אַזוי טרויעריק־ווייך זיין ווינטיקער ניגון...

שטיל. ווי ביים אַנהייב פון וועלן. נאַכט און ווינט. —
מיין זיידנס געזיכט אין נאַכטיקן פּייזאַזש — פאַרשווינדט.

דער גלויבן פון זיידן

עס צאנקט א טליענדיק ליכטל —
דער גלויבן פון מיין זיידן —
אויפן קבר פון פארגאנגענעם דור;
אט וועט דאס ליכטל פארלעשן דער ווינט.

אנשטערנדיקע נאכט. בית־עולמדיקע רו. —
דער דור פון מיין זיידן. — —
ברענט א ליכטל און ווערט נישט פארלאשן;
שאריעט אויף טאג, נאכט פארשווינדט. — — —

די זון פארבלענדט דעם צאנק פון ליכטל
אויפן קבר פון מיין זיידנס דור. — —
וואלקנט זיך דער הימל, שטורעם קומט אן
און לעשט דעם זיידנס גלויבן —

צאנקענדיקער שיין אין אייניקלס אויגן. — —
די זון צינדט זיך אן ווי א פאקל
און באלויכט פרימארגנדיקן גאנג
אויף נאכטיקע וועגן — דורותדיקע שטויבן...

(1934).

געשטארבענע וועלטן

ס'טויטע געזיכט פון דער לבנה,
וואס קוקט אין איין פינטל פון דיל, —
איז דאס אויג פון א וועלט
וואס לעבט שוין מער נישט,
נאר עס שיינט אינעם טויטלעכן שיין
פון לבנה.

יעדע נאכט ווען איך קוק נאר ארויס
אין פארשטארבענער וועלט פון מיינע זיידעס,
בליקט אויף מיר בליקט ווארנדיק קאלט
דאס אויג פון לבנה —
אן עדות
פון אייביקן גאנג פון מיין פאלק,
וואס לעבט אזוי לאנג
אינעם ליכט פון פארשטארבענע וועלטן.

(1937).

נאָמאַדן

מיינע עלטער זיידעס געווען זיינען נאָמאַדן,
און דורך מדבר־זאַמד, אויף קעמלען קאַראַוואַנען,
געפירט פון לאַנד צו לאַנד דעם מזרחדיקן אומעט,
וואָס האָט אין זיי געצייטיקט זיך, נישט ווייסנדיק פונוואַנען.

אין יעדן לאַנד, אויף אַלע פּאַליוסן פון ערד פון רונדער,
האָט אומעט זייערע, ווי שאַרפע שווערד, זיך איינגעשניטן. —
און איך — איך טראָג נאָך אַלץ דעם וואַנדער־גייסט
פון זיידעס — און דעם אומעט זייערן — נישט אויסגעמיטן.

איך שנייד מיין וועג דורך שליאַכן פון דער וועלט
און וואו אַ שטעג — מיין פוס האָט שוין באַטראָטן!
האָב אָפט מיין צער געקילט אין גלי פון מדבר־אָטעם
און מיין אומעט איינגעשפּריצט אין בלוט פון האָטענטאָטן.

מיינע עלטער־זיידעס געווען זיינען נאָמאַדן,
און דורך מדבר־זאַמד אויף קעמלען־קאַראַוואַנען,
געפירט פון לאַנד צו לאַנד דעם מזרחדיקן אומעט
וואָס האָט אין זיי געצייטיקט זיך, נישט ווייסנדיק פונוואַנען.

.(1935)

מיין אורזיידע

(מאַרק שאַגאַל).

מיין אורזיידע איז געווען אַ געצן־היטער ביי זיין טאַטן.
געווען אַ גרויסער כביר אבניק, און שפּעטער
אים געווידערשפּעניקט; צעבראָכן זיינע געטער,
זיין בטחון און זיין גלויבן — אים פאַראַטן. — —

אַ צווייטער זיידע מיינער ט'פון דאָרף אין שטאָט
אַרומגעוואַנדערט, געטעסעט און געזעגן ברעטער. — —
פון זיין טאַטנס גאָט געוועזן אויבעט אַ פאַרעטער,
אַזוי לאַנג אַרומגעשליאַנדערט, ביז געוואָרן איז אַליין אַ גאָט!

און איך — איך טראָג אין מיינע אָדערן דאָס פיבער־בלוט
פון דורותדיקע וואַנדערער — איבער אַלע שליאַכן פון דער ערד.
אין אַקער־אייזן וואָלט איך לאַנג פאַרוואַנדלט שוין מיין שווערד,
ווען ס'וואָלטן נעבלען מיר נישט בלינד געמאַכט מיין ליכטיקן מאַרשרוט...

מיין שיף אויף גרויסע וואַסערן — אויף שטורמיקן באַראַט. —
איך שנייד דורך תהומען יאַמיקע — אַ וואַסערדיקן שליאַך. — —
מיך רופט דער איך פון שטאָל, און ס'לאַכט דער איך פון דאַך:
„זאָג מיר, בלייכער אייניקל, קינד פון גרויסער שטאָט!"

„וואו פירט דיין וועג דער שטייניקער, צו וועלכן סדומיק לאַנד?"
„אויף וועלכער ערד וועט טורעמען דיין בבלשער געביי?!" — — —
— אַ, זיידעס מיינע גראַאינקע, אייער וואָרט איז שווער ווי בליי!
פון מיין דור אַ קינד בין איך, דער עדות פון זיין שאַנד!

— זיידעס מיינע טייערע, עס ווייעט פון אייך מיט קעלט! —
לאָזט מיין וואָרט צעפלאַקערן, פאַרוואַנדלען זיך אין סם!...
איך בין דאָס האַלץ פון אָפּערונג און אויבעט בין די לאַם!
לאָזט מיין זעל זאָל גליען זיך ביז אויפלויכטונג פון וועלט!...

.(1935)

צו מיין קינד

דורך דיינע אויגן, קינד, קרישטאָלן־קוואַלן,
קוקט אַרויס דער צוקונפטיקער גאָט. —
מיט ליכט פון פיל־קאָלירנדיקע שטראַלן
צייכנט ער ווייט אַ נייעם ליכטיקן געבאָט. — —

דער גאָט פון מיינע אויגן ט'נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעקוקט
מיט אַזאַ ליכטיקער צעשטראַלטקייט. — —
ער האָט געזען ווי מענטש האָט מענטש פאַרצוקט
און האָט געבליקט מיט פראָסטיק־גלייכגילטיקער קאַלטקייט. — —

דער לייטזעליקער גאָט פון זיידן מיינעם, פון מיין טאַטן, —
ער האָט געקוקט אויף בערג מיט בליקן פון די טאָלן. —
מענטש האָט מענטש אין גאַנג אין אייגענעם פאַראַטן, —
נאָר דיין גאָט, קינד, וועט אַלץ דערפאַר באַצאָלן. — —

אַלטער גאָט, ער זיצט ביי שקיעהדיקן טויער,
מיט אַש דעם קאָפּ פאַרדעקט, פון אייגענע רואינען.
אויף טעג פאַרמשפּטע צום אונטערגאַנג — ער טרויערט.
און זעט נישט מער דעם וועג צום לויטערן באַגינען.

(1931).

שקיעה...

א.

לאַנג וועלן טאַטעס נאָך בעטן
— אין בלייכע נאָך־נעילה'קע שעהן
ביי פוסטע פאַריגלטע הימלען
פאַר קינדערס חטאים.

לאַנג וועלן טאַטעס נישט וויסן,
נאָך־נעילה'קע טאַטעס אין תכלת, —
אַז קיינער וועט קיינמאָל דערהויבן
צו הימלען די תפילות...

ס'וועלן לאַנג נאָך די טאַטעס נישט וויסן,
שנייאיקע טאַטעס און קאַלטע, —
עס זיינען פון לאַנג שוין צעריסן
די פעדעם די אַלטע...

ב.

איך ווילט מיר דערווייזן,
עס לעבן נאָך ווייטע אַמאָלן?
— איך קען זיי די גרייזן,
איך קען זיי גאַנץ גוט,
וואָס פלעגן מיט אייגענעם בלוט
פאַר עקשנות באַצאָלן!
איך קען זיי, נו איז וואָס?
פאַרוואַקסן מיט גראָז
יענע וועגן. — —
וואָס זשע קענט מיר איצטער דאָ פרעגן?

ג.

אין שטרענגער הייליקייט
פון מנחה־צייט,
ווען כורעים פאַלט די זון
צום זוים פון האָריזאָנט
אין שטילער עצבות־שעה
פון דעמערונג,
ווען אַ קרבן ברענגט די זון
פון אייגן בלוט
צו אַלץ פאַרגעבנדיקער נאַכט, —
קען נאָך ווער עס איז
פאַרבלייבן מנחה'דיק,
אין דוממדיקער טונקלעניש
פון שקיעה־וועלט?...

.(1929)

אונדזער פרייד

א.

אונדזער פרייד איז פארלוירן געגאנגען
מיט די שיפן, וואס זענען אונטערגעגאנגען
אין יאמען — — —

מיר האבן אונדזער פרייד נישט איינגעזויגן
מיט דער מילך פון דער מאמען — — —

מיר זענען געבוירן
מיט טרויער אין די אויגן
און האבן אונדזער פרייד פארלוירן
פאר אונדזער געבוירן...

מיר האבן אונדזער פרייד נישט איינגעזויגן
מיט דער מילך פון דער מאמען — —
אונדזער פרייד איז אונטערגעגאנגען
מיט די שיפן אין יאמען...

ב.

ס'האט ווער פאר אונדז פון פריער נאך פארריגלט
אלע טויערן מיט שווערע אייזערנע שטאבעס:
און מיט טונקלקייט פון פריער נאך פארוויקלט
קאלטע לויטערקייט פון אויסגעטרוימטן שבת...

אומזיסט מיר האבן, טאפנדיק און בלינד,
אין טויבע טויערן געשלאגן און געבעטן. — — —
אין קנוילנדיקע גרויקייטן אט שטייען מיר אצינד —
און ווער וועט קומען העלפן אונדז און רעטן?...

(1933).

געשענדעטע האָפענונג

ס'איז ימש־חושכדיק און בלינד געווען דער אָריענט.
די לאַנגע נאַכט האָט ווי אַ פאַקל אויסגעברענט.
ס'האָט נישט געטאָגט; אומזיסט די אויגן אָנגעווענדט.

קופּעם אַש פון נאַכט פאַרלאָשענער — ביי ווענט.
כ'האָב אין פינצטערניש דעם שונא נישט דערקענט
און אים איינגעוויגט אויף מיינע קנאַכנדיקע הענט...

אויפגעציטערט האָט דער גאַנצער פירמאַמענט,
ווי ס'וואָלט די פינצטערניש דאָ אַלעמען פאַרלענדט,
און אָנגעטאָן אויף לעצטער טיר אַ פּרענט.

שטיל־שאַטנדיק האָט ווער אין בלענדעניש געגענט,
און די שענסטע, לעצטע האָפענונג געשענדט
פון די דורות, די פאַרמויערטע אין ווענט...

אַ מצרי אין זאַמד

ס'האָט גערעגנט טראָפּנדלעך שטילקייט,
נאַכט האָט געקוקט דורך די שויבן.
דער טאָג האָט געקלימפּערט אין דמיון,
און שלאָף האָט געמאַטערט די אויגן.

אַפּאָקאַליפּטישע שעהן פון ענדע. —
ענדיקט אַ נאַכט זיך, גייט אויס.
צו וועמען זאָל איך מיך איצט ווענדן,
מיין נאַכט ווי אַ מדבר איז גרויס! — —

בעדואינער אויף קעמלען צעטראָגן
דעם צער פון אוונטיק לאַנד. — —
און ס'וואָיען שאַקאַלן און קלאָגן:
אַ מצרי זיך וואַלגערט אין זאַמד...

(1936).

שטויב אויף סאַנדאַלן

ס׳ליגט נאָך דער שטויב אויף די וואַנדער־סאַנדאַלן:
געווען ביז אין לענדער פון ווילדע וואַנדאַלן;
געגאַנגען דורך דזשונגל און וויסטע מדבריות,
באַזונגען אין לידער פרעמד־פעלקערשע גלאָריעם. — —

געטרונקען דעם סם פון צעיאָכמערטע מאַסן —
און האָב נישט דערלערנט די קונסט נאָך פון האַסן;
געווען ביז דער ערשטער אין מחנות פון קריגער,
פאַרבליבן דער לעצטער פון העלדישע זיגער. — —

געטרויערט דעם טרויער פון זיגער באַזיגטע,
געטרייסט זיך מיט בלעטלעך פון בלומען צעפליקטע;
די בלומען, וואָס זענען פון מחנות צעפּערטלט,
כ׳האָב זיי פאַרזייט און האָב זיי געצערטלט. — —

זיי זענען צעוואַקסן, צעבליט זיך, געראָטן,
נאָר ס׳האָבן פערדישע טלאָען זיי ווילדע צעטראָטן. — —

.(1931)

אין געוועב

עס האָט אונדז פאַרפלאָכטן די נאַכט אין געוועב. —
געבונדן, פאַרבונדן, געצוויאַקעט — און לעב!...

רינגען מיר זיינען — די שוואַכסטע פון קייט. —
קינדער פון שקלאַפן — צו שקלאַפעריי גרייט...

מיט גיפט און מיט טרויער — דאָס האַרץ איז פאַרסמט.
דער צאָרן פון שטרוי, דער האַס איז פון זאַמד...

האַנט וועט נישט הייבן דעם מעסער און שווערד.
און וועט נישט באַפלעקן מיט בלוט אונדזער ערד...

אונדזער גאַנג איז אַ שווערער — אין מדבר אַ וועג.
פאַראוים ווירבלט ווינט — און פונהינטן די שרעק.

מיט גיפט און מיט טרויער — דאָס האַרץ איז פאַרסמט.
נישט פאַר אונדז איז דער באַרגשפּיץ פון גאָלדענעם לאַנד.

עס עכאָט אין מדבר דער אויסלייז־טרומייט —:
מיר, — גייער די לעצטע פון דור וואָס פאַרגייט...

.(1935)

אידן מיינע

'אַרן אויסגעקרומטע — שאַרף זיך שניידנדע זיגזאַגן. —
און מיר ווי שאָף פאַרבלאָנדזשעטע אין שטורעמדיקן רעגן,
אַז מ'האָט קיין פּלאַג נישט אויפגעהאַנגען צווישן פּלאַגן
און צווישן וועג און אומוועגן נישט געזוכט קיין נייע וועגן...

אין די טאָרבעס איינגעפּאַקט ירושהדיקע בראָכן:
האַק און פּאַק און תּפילין־זעקל אויף די פּלייצעס.
געלאָזט זיך גיין אין וועג אַזוי, חדשים לאַנג און וואָכן,
נישטאָ קיין ענדע־פּונקט און ביי וועמען פרעגן עצות...

ידערט נאַכט אַראָפּ מיט פּינצטערניש: רעגן, האָגל...
שלאָגט מען סוכּות אויף פאַרצויגן מיט טליתים;
און פעלט אַ ביסן ברויט, וואַסער אינם לאָגל,
זיצט מען שבעהדיק אויף דרערד, — לעבעדיקע מתים...

מ'וואַרט ביז טויט וועט קומען — אויסלייזונג פון פּיין.
און יאָגן אַז דעם שונא'ס ווילד־צעצוימטע רייטער,
קושט מען טלאָען פּערדישע, מ'וויקלט זיך אין טלית איין
און מ'גייט הכנעהדיק צום ערשטן ברענענדיקן שייטער...

כ'האָב געזען אייך אומעטום, אָ, אידן מיינע, —
מיט ירושה־טאָרבעס פול מיט דורותדיקן וויי! —
אידן פונם ריין און וואונדיקער אוקראַינע, —
אייער צאָרן ט'היים געצונדן זיך און צעגאַנגען איז ווי שניי.

(1934)

עלעגיע

(אברהם ליעסינס אַנדענק).

פאַר די, וואָס שטאַרבן אין דורשט פון לעבן
האָב איך נישט קיין ווערטער, קיין קול.
אויסגעלאָשן אין דורשט פון לעבן,
פאַרברענט ווי פּלאַטערלעך אין פייער.

וואַסערן אין טייכן טראָגן זייער נאָמען,
העלדן פון טרויער, וואָס וועט ווערן פרייד.
וואַסערן אין טייכן טראָגן זייער נאָמען, —
געפאַלענע ווי ביימער אין שטורעם.

אין אידילישער רו ליגן זיי אונטער בלומען;
האַרבסט שמייסט מיט געשטאַרבענע ריטער. — —
אין אידילישער רו ליגן זיי אונטער בלומען, —
ווינטן טראָגן זייער קול אין די דורות. — —

דער שטורעם וואָס קומט

און מיינט נישט, אַז שטורעם וואָס קומט,
דער שטורעם וואָס גייט — איז פאַרמיידלעך
ער וועט אייך פאַרווישן פון ערדישן רונד,
צעטראָגן, ווי שטרויענעביידלעך...

די איינציקע זאַנגען אויף האַרבסטיקן דאַרב,
אויף תבואהקע פעלדער פאַרלאָזן...
וועלן איינצלנע בלייבן ביי ראַנדן פאַרשטאַרט,
און פוילן, ווי וועלקנדע גראָזן...

און אונטן, קאַלטע פון שטאַרבנדער וועלט,
ווען לבנה'קער סערפּ וועט זיך שלייפן —
וועט איר איינצלנע בלייבן זיך קאַרטשען אין קעלט,
און וועט נישט דעם אומקום באַגרייפן...

(1935).

קרעמער פון שטילקייט

איך ווייס אַז איר זענט באַגאַנגען דעם מאָרד
אויף מיין וואָרט פון טרייסט,
און די טויב פון מיין האָפענונג געשאָכטן,
מערדער פון רו!

זעט נאָר זעט, ווי עס שווייגן
פאַרברעכעריש און פרעד
די קרעמער פון שטילקייט:
און די הענדלער פון געשרייען
פאַרשרייען די ווילדקייט
פון גרויזאַמע נעכט.

ווער וועט אָנצינדן די בלוטן אייערע,
פירער צו די אָפּגרונטן פון טויט?
אין שיין פון קאַלטע פייערן
צעצאַנקט אייער פרייד,
ווען ס׳שטאַרבן אויף ראַנדן פון טאָג
די קינדער פון מיין פאָלק.

אין יאַמען פון גאָלד און פון גרויל
איז פאַראַנקערט דער גאַנג פון דער וועלט.
די קייטן פון די אַנקערס זשאַווערן
און עס גליווערן די הענט.

.(1937)

גזירות ת"ח

(דר. יעקב שאצקין)

שווארץ־טומאה׳קע
און שווארץ־תהומ׳עקע נאַכט
האָט געשרייען געבראַכט,
געשרייען דורותדיקע:
גזירות־ת"ח.

גנאַד פאַר מיין טרויער,
גנאַד.
פאַרן שיין וואָס פעלט
מיינע אויגן,
גנאַד.
פאַר דער קעלט
וואָס פרירט מיינע ביינער,
גנאַד.

דורות שוין שריי איך צו גאָט.

רחמים־געשרייען
שטעכן די נעזלעכער דורך:
גערוך
פון בלוט אין דער נאַכט,
גזירות־ת"ח.

די באַלאַדע פונעם דאַווענדיקן אידן

אַ איד אין טלית און תפילין דאַוונט.
פרימאָרגן־זון — אַ רויטער קאַוון
בלוטיקט; פלעקט מיט פלעקן בלוטיקע די ווענט,
דאַוונט דער איד און שאָקלט מיט די הענט
התפעלותדיק פאַרטיפט.
און זעט נישט דאָס בלוט וואָס טריפט
דורך פרימאָרגנדיקע פענצטער — —
און ס'ווערט דער חדר פול מיט בלוטיקע געשפענסטער...

בליקן זיי דעם אידן אין די אויגן, אין געזיכט אַריין,
וויקלט זיך דער איד אין טלית איין
מתפלל זיין. — — —
און ער בליפעט, מורמלט, שטאַמלט:
„מחבלים האָבן זיך פאַרזאַמלט
און ווילן מיך דערוואַרגן!"
שרייען די מחבלים:
„דו האָסט אונדזער גאָט דערהרגעט!"
„נעם אַראָפּ, דו איד, דעם טלית פון דיין קאָפּ,
„די תפילין נעם אַראָפּ,
„און קום!..."

זיי נעמען זיך אים צופּן פאַר דער באָרד,
פאַר די פּאות רייסן, פאַר די האָר. — —
פאַרשטייט נישט מער דער איד, וואָס דאָ קומט פאָר!
ער קוקט זיך אום:
אויף דער וואַנט, מיט אותיות גאָלדענע דער שם־המפורש אויסגעקריצט,
און — אַ געשאָכטענער אין ווינקל זיצט
זיין זון — אין בלוט...
כאָרכלט שוין דער איד:
„מיין זון, מיין זון,
וואָס האָבן זיי פון דיר געמאַכט?
מיין איינציק אויג אין קאָפּ!" — — — — —

... און ס'האָט דער איד דעם פענצטער אויפגעמאַכט
און פון דריטן שטאָק אַראָפּ. — — — — .

אין בלוי־פרימאָרגן שטילן,
אין אַ בלוטיקן טלית און תפילין
איז דער דאָוונענדיקער איד געלעגן אויפן ברוק...
און די זון האָט מיט בלוטיקע אויגן געקוקט. — — —

(1934).

באַלאַדע פונעם איד איבער דעכער

(די איינאונצוואַנציק צריקגעשיקטע
פליטים — געווידמעט).

גייט איבער דעכער דער איד פון שאַגאַלן;
לבנה'קע פענצטער זיך ברעכן אין שטראַלן,
און ס'מוקען די בהמות אין פינצטערע שטאַלן.

און איבער די ליכטיק-לבנה'קע הויכן —
גייען אויף פונקען, כמאַרעס מיט רויכן,
און ס'טוען די כמאַרעס דעם אידן דערגרייכן.

נעמט זיך דער איד אויף די כמאַרעס צו רייטן
און פאַרט אַזוי פאַרט אין די הימלשע ווייטן.
יאָגן, דעריאָגן אים נאַכטישע רייטער. — —

— וואו פאַרט עס אַ איד אין נאַכט אַזאַ שפּעטער?
נישט פאַר קיין אידן איז הימלשער שטח! — —
ענטפערט דער איד זיי: — „איך זעט דאָך!"

הייסן די רייטער דעם איד זאָגן ווידוי: —
זע נאָר אַ העזה! — פאַרשאַלטענע אידן!
און נעמען אַוועקעט דעם איד אויף ירידן.

דאָרט טוען די רייטער דעם אידן באַפעלן:
— פאַרקויף שנורעוואַדלעס און גלעזערנע קרעלן,
נאָר אין די הימלען דו זאָלסט מער נישט וועלן!

גורט ווידער דער איד אָן זיין טאַרבע מיט לעבער,
אין לאָזט אין די הימלען אַוועק זיך אַלץ העכער —
דער איד פון שאַגאַלן אויף וועלטישע דעכער. — —

(נאָוועמבער 1938).

מיין טענה צו יעהאָוואַ

יעהאָווא,
גאָט פון די אבות מיינע,
כ׳האָב צו דיר אַ טענה!

אויב דער כסא הכבוד, אויף וועלכן דו זיצסט, אלטער מאַנארד,
שוין טויזנטער יאָרן,
איז נאָך נישט צעשמעטערט געוואָרן
דורך דיינע קינדערס ברענענדיקן צאָרן;
און אויב דיין „אַריסטאָטלשער״ מאָרך
זידט ווי אַ שוועבלדיקער ים,
דורכדעם וואָס דיין וועלט,
די טויזנט־אויגיקע היענע,
איז פאַרוואַנדלט אין סם
און טריפט מיט גיפטיק בלוט,
ווי אַ וואונד אין גאַנגרענע:
און אויב דיין קלאָרער,
קאַלטער געדאַנק,
יעהאָווא, איז נאָך נישט קראַנק
פון די טויזנטער שלאָפלאָזע נעכט,
און אַלע דיינע חושים אַנען,
אַ, אל רחום וחנון! —
און דיין אייביק זעעוודיק אויג,
דו זעסט דאָך געוויס! —
בליקט דורך די הימל־פענצטער
און זעט דעם בלוטיקן געשפענסט,
וואָס שפרייזט מיט מיליאָנען פיס
אויף אַלע שטעגן און וועגן פון דער ערד,
און אויף אַלע קברים־שטיינער שאַרפט זיין שווערד,
צו שניידן קעפּ און וואַרפן זיי אין כף הקל
אין שעפל פון דער אייביקייט;
און אויב
עס איז דיין אויער נאָך נישט טויב
און יהערט, ווי שרייט דאָס בלוט פון ברודער הבל — ערשטער מאָרד,
ערשטע יאָמער־קלאַנגען,
און אַלע צו הימלען נישט דערגאַנגען!

און אויב דו זעסט
און הערסט
און פילסט
און דיין געדאַנק איז קלאָר
ווי די זון אינמיטן זומערטאָג;
און דו, שוכן במרומים,
זיצסט אויף דיין טראָן
אויבנאָן אין די הימלען
און שווייגסט,
ווי ס׳שווייגט דער באַרג, דער שטומער דומם,
און קאָנסט נישט אויסדרוקן דיין וואָרט,
וואָס זאָל אויפציטערן די ערד מיט אַלע שבעה ימים,
און אַז אַ פּעך און שוועבלדיקער מבול פֿאַרטרינקען זאָל די וועלט, ווי סדום,
אַז נישט בלייבן זאָל קיין בוים,
קיין נפש־חי,
קיין מינדסטע עקזיסטענץ!.... —

אויב דו, אַלמעכטיקער גאָט, זיצסט אין הימל־רעזידענץ
אויפן טראָן,
און קאָנסט עס נישט טאָן!
איז נישט כדאי!
וועלן מיר —
דורך אונדזער דורות־גליענדיקן צאָרן,
דורך יאָרן
צער און בלוטיקן געוויין,
דאָס טאָן אַליין! — — — —

מיר —
דיינע ווידערשפּעניקע,
די מורדי במלכות אלקים!
טאָ הער ווי ס׳דונערט אונדזער שטים:
ק ו ל   ה מ ו ן   כ ק ו ל   ש ד י !

(1934).

מיין רבי רב שמואל

(אין מעמאריאם פון דר. א. קאראלניק).

רבי מיינער, ר׳ שמואל, ביסט געווען א תלמיד חכם!
האסט געהאט אן אפענעם מוח! —
נאר וואס קומט ארויס? — גיי זיי א חכם,
אז דאס לעבן פארשווינדט ווי רויך. — —

רבי מיינער! פלעגסט מיר זאגן תמיד: „גלויב, פאלג."
— ביסט געווען א איד א גאון! —
נו, האב איך געפאלגט: ליב געהאט מיין פאלק
און פיינט געהאט די גויים. — —

און אמאל פארקערט: —
ליב געהאט דאס שטיקל ערד
אויף וועלכער כ׳בין געבוירן. — —
טא וואס קומט מיר, רבי, דערפאר?
אז אלץ פארשווינדט ווי רויך פון א ציגאר!

כ'האָב ליב געהאַט אַפּילו אונדזער שכן איוואַנען —
זיי מיר מוחל, רבי, ביסט געווען אַ גרויסער פאַרגעבער! —
וואָס איז דען אין דעם פאַראַנען? —
גאַרנישט, גאַרנישט, רבי מיינער, רבי! — — —

און אַז איוואַן האָט געקוילעט מיין זיידן,
און ווי אין אַן **אַזיערע**
האָבן זיך זיינע אויגן געשפּיגלט אין מיין זיידנס בלוט? — —
האָב איך געטאָן אַזוי, רבי, ווי דו פלעגסט צו מיר **תמיד ריידן**:
— „נעם אַז, קינד מיינס, אַלץ פאַר גוט!"

האָב איך דיך געפאָלגט, רבי, געגאַנגען דיינע דרכים!
און איצטער, זאָג מיר, כ'בין אַ מענטש אַ שוואַכער! —
ווען איך האָב, ווי דער זיידע אברם, אַלע געטער שוין צעבראָכן, —
שרייט צו מיר דער טייוול: „אחר, אחר!" — —

טאָ זאָג מיר, רבי מיינער, ביסט געווען אַ גרויסער בעל־בטחון,
וואָס זשע זאָל איך טאָן? — כ'בין אינגאַנצן שוין צעבראָכן. — —
רבי! ביי וועמען זאָל איך פרעגן? אַז מיט זיך אַליין אַ חשבון פיר איך,
און וואָס מערער איך וויים, אַלץ מערער פאַרליר איך. — —

(1935)

דורך דער מאַפּע פון דער וועלט

(דעם אנדענק פון די
געפאלענע אין פּשיטיק).

די מאַפּע פון דער ערד
איז דורכגעשניטן, ווי מיט שווערד,
ווי מיט שפּיזן
דורכגעשפּיזלט
און צעריזלט
מיט פּאַסיקלעך ווייסע,
שוואַרצע,
רויטע.

שוטה,
וואָס דו ביסט,
מיין ברודער,
וואָס דו שווימסט
פאַרבלאָנדזשעט
מיט שיף אָן רודער,
אויף ים צעברויזטן,
וואָס זידט מיט פּעך און שוועבל;
און זוכסט אין נעבל,
א נייעם פּינטעלע,
א בלויען פּונקט אין הימל־בויג;
אַז אָפּשטעל פאַר דיין אויג,
וואָס איז מיט בלוט פאַרלאָפן,
פון זיין אויף וואַך
די וויפלטע שוין נאַכט?! — —

ברודער מיין,
איז בלוט און פּיין,
איז גרוילן,
ברודער מיין פון פּוילן,
פון אוקראַינע,
פון די קאַרפּאַטן,
פון די אַנדן,
דו זוכסט, און האָסט נישט וואו צו לאַנדן!

דו קענסט שוין אַלע שטעט און לענדער,
אַלע טייכן, יאַמען;
וואו אַן אינזעלע, אַ מדבר,
וואו אַ פּינטעלע, אַ פּונקט נאָר,
אויף דער מאַפּע פון דער וועלט,
האָסטו ביידלעך ווינטיקע צעשטעלט. —

אָפּגערוט אַ טאָג,
פאַרבראַכט
אַ נאַכט,
אַמאָל אַ רגע בלויז, —
און איבער גרויס
פון מאַפּע,
דורך הויך און נידער,
זיך געדראַפּעט
ווידער
איבער ברייט און לענגען
פון דער וועלט.
שלאַנגען,
הונגער,
קעלט.
און וואו אַ לאַנד,
אַ שטאַט, —
שאַנד
שפּאַט. — —

ווייפל פונקטן, נעמען,
אפגעזיגלט האט דיין טראט.
און אט
וועל איך דיך נעמען
פאר א האנט
און וועל דיך פירן צו א נייעם לאנד.
א פונקט א נייעם,
א פינטעלע א קליינס,
אויף מאפע פון דער ערד,
וואס איז פארצייכענען באשערט,
אויף פארמעט פון דיין הויט.

דאס פינטעלע איז רויט
פון פרישן בלוט,
וואס רינט.
דארט פייפט די רוט
אין ווינט
און ריטשעט;
קוויטשעט,
ווי א חזיר א דערשטאכענער...
און א פארפלאכטענער
אין וויי,
ווי פראמעטעי
אין אייזן־שטאבעס
א פארקלעמטער —
דיין ברודער א פארשעמטער,
פלאנטערט זיך מיט ווייב און קינד...

ס'איז ערב שבת,
און ערב־חגא איז אצינד.
און זשאבעס,
גרינע פרעש,
מיט קול פון מעש
קוואקען דומפּ. — —
א קרעציקער לומפּ
פייפט דורך ציינער אויס
א גאסן־לידל,
א בעטלער אויף א פידל
שפּילט זיין טרויער,
א גאסן־הונט וואיעט
אומעטיק און לאנג
צו דער לבנה זיין הינטישן געזאנג, —
זיין נאכטיק היימלאז ליד...

און מיין ברודער־איד,
וואס רוט
אין אייגן בלוט,
מיט מויל צעקרוכס, —
שעפּטשעט שוין קיין תפילה נישט
צו גאט...

ווייל ווער און וואו איז גאט,
און וואו איז הימל, וואו,
און וואו איז רעכט? —

רוצח קומט און שעבט
און שניידט א קאפ
אראפ,
א האנט,
און שינדט...
שניידט א הארץ ארויס און ווארפט
עם פאר די הינט...
און שארפט זיין מעסער, שארפט,
און פגימהלעך אין שטאל,
אז שניידן זאל
ער וואונדיקער און גרינגער
הענטעלעך און פינגער
פון קינדער,
קליינע קינדער...

און אצינדערט
איז דער צוואנציקסטער יארהונדערט
אין זעניט: —
אין סאמע מיט
פון שטייגן און פון פאלן.
הונען און וואנדאלן
שפאנען.
טריט נאך טריט
טראט נאך טראט.
פון שטאט צו שטאט.
פון לאנד צו לאנד.
פון פאלק צו פאלק,
דורך נאכט, דורך טאג,
דורך טויערן און טירן
שפאנען,

און פירן
טריט נאָד טריט
גאַנצע קאַראַוואַנען
מיט —
מיט ברודער־האַס,
אויף דורי־דורות גיפט...

און אויף שאַרף פון צייט,
אויף מיטן גאַס,
ליגט אַ קלאַס
און טריפט
מיט בלוט,
און שרייט,
און רייפט.

ער ווייסט דעם בלוטיקן מאַרשרוט
פון דער מאַפּע פון דער ערד,
וואָס ער האָט מיט שווערד
אין העלדנמוט
איז רויטע ריטשקעלעד צעשטרייפט...

פון לאַנד צו לאַנד.
פון דער קאַמונאַרן־וואַנט
ביז די טויערן פון רוים.
פון קרעמלס אַלטע מויערן,
ביז די אויסגוסן פון רייך...

װײל אַלע גלײַך,
דער קריסט און איד,
די ברידער פון אײן קלאַס,
װי אױף אַ מוטערס שױס,
איבער גאָרער גרױס
פון ערד,
מיט שװערד
און שפּיז, —
(אַ ריז
אין װײטיקדיקן קראַמף), —
שטרעקן זיך צום קאַמף
אין בלוטנדיקע װײען.
און גײען
האַנט בײַ האַנט
קריסט און איד,
מיט פעסטע טריט,
אין דעמער שעה,
אין זונען־שײַן:
דורך פײַן,
דורך שאַנד
און שפּאַט
אין בונד פון הײליקן געבאָט.

מיט שטאָלן טראָט
דורך שטאָט
און פעלד,
דורך אַלע װעגן פון דער װעלט
די מחנה שפּאַנט.
האַנט בײַ האַנט
טראָט נאָך טראָט
פון שטאָט צו שטאָט
פון לאַנד צו לאַנד
צום אױסגעטרױמטן ראַנד...

(אַפּריל, 1936).

VIA-CRUCIS

א.

דאָס איז נישט דער וועג פון דעם סטאָליער פון גליל,
נאָר אַ וועג אַ צעקרומטער דורך באַרג און דורך טאָלן, —
דער וועג וואו עס שלעפּט זיך ר׳ אַלטערס אַ זונדל פון שפּאָלע.

און טראָגט ער אַ טאָרבע — איז זי אַלט ווי דער אידישער גלות;
עס גייט אום דער ווינט צווישן אַפּן צעפלאָכטענע פּאָלעס. — —
און שעלט ער — איז אויף אַלע פרעמדשפּראַכיקע קללות...

ער האָט שוין געשפּאַנט דורך די זאַמדן פון אַלע מדבריות,
פאַרזוכט שוין דעם טעם אויך פון אַלערליי גלאָריעס, —
גערטנער געפלאַנצט און געריסן פון רויערד די קאָרניעס...

געווען שוין דער תלמיד פון קריסטוס און בודאַ. —
געשלאָפן אין פעלד און אויף שפּיציקע הרודעס,
גענערט זיך מיט גראָזן, — גענומען פאַר גוט עס...

פאַר פרייהייט ט׳ער אויך שוין אין לעבן געוואונדיקט:
פאַרגעסן דעם תענוג פון שבת, געפרייט זיך מיט זונטיק, —
ר׳ אַלטערס אַ זונדל איז אַ קינד פונעם נייעם יאָרהונדערט.

אין פאַראָוונטן שטילע הינטער אַלע קלימאַטן,
האָט ער גענישטערט די אוצרות, — ירושה פון טאַטן,
און ווערטער פון נביא פאַרוואַנדלט אין טאַטן...

געטײלט זײַן געלעגער מיט וואונדיקן קראַנקן,
געטרונקען דעם טרויער פון גלאָקנגעקלאַנגען,
געוואַלט מיט די פינגער די שטערן דערלאַנגען.

בודאַ און קריסטוס, די יאָגים און לעניין;
צער און צאָרן, ווי אַ דאָרן טוט ברענען, —
דאָס אינגל פון שפּאָלע קאָן זיך נישט דערקענען.

... עס איז נישט דער וועג פונעם סטאָליער פון גליל,
נאָר אַ וועג אַ צעקרומטער דורך באַרג און דורך טאָלן, —
דער וועג, וואו עס שלעפּט זיך ר׳אַלטערס מוזיניק פון שפּאָלע.

ב.

שלעפּט זיך דאָס אינגל אין אייביקן וואַנדער:
פאַר וועלט איז דאָס אינגל שוין לאַנג אַ באַקאַנטער, — —
דאָס אינגל פון שפּאָלע — איז דער אייביקער מענטשן־פאַרוואַנדטער.

דאָס איז נישט דער וועג צו די קרייצן פון אַלטער גאָלגאָטע,
נאָר אַ וועג וואָס באַנייט פאַר דער וועלט אירע אַלטע געבאָטן, —
אַ וועג וואו עס ליגן מיליאָנען שוין לעבנס צעטראָטן. — —

דורך נאַכט און דורך פינצטער, דורך מדבר און האָגל,
געשפּאַנט איז דאָס אינגל אין וואַנדער און וואָגל, —
איבער קאָפּ הענגט אים אייביק דער שווערד פון דאַמאָקל.

קרייצט ער און זוכט אַלע די וועגן צו זוניק געשוואוירענע לענדער,
און גייט ער און גייט ער, דער אייביקער גייער, אַז סוף און אַן ענדע:
דאָס אינגל פון שפּאָלע, — זײַן נאָמען: די אוראַלטע־נײַע לעגענדע. — —

.(1935)

אייביק ווי דער פרילינג

אַנאויסלאָזדיק בין איך,
ווי דער פרילינג אין בייט.
און ווי דו, מיין גאָט.
ס'לאָזט זיך נישט אוים מיין געזאַנג;
ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט זינגען
אַזוי, מיין גאָט. — —

דאָס קליינע פייפל, וואָס דו
האָסט אויסגעשניצט פון אַטשערעט,
מסתמא דו, מיין גאָט, וואָרען איך?
מיט נייעם געזאַנג פילסט עס אָן
טאָג ביי טאָג און עס זינגט
צו דיר, מיין גאָט. — —

אָוי ווי עס זינגט! געזאַנג פונעם פאַסטוך
אין בערג, ווען זיין סטאַדע אין שטורעם
לויפט, מיין גאָט! — —
דאָס ליד פון עלנטן מענטשן
אויף זיין קאַלטן געלעגער אין פעלד,
זינגט עס, מיין גאָט. — —

און וואס נישט! געזאנגען פון נעכטן,
פון היינט: און פון טאג, וואס דו האסט נישט
באשאפן נאך, מיין גאט!
און געזאנג פון טויב־שטומען,
וואס קאן נישט זינגען,
זינגט עס, מיין גאט!...

געזאנגען פון שלאכטפעלדער. פון זיגער
און באזיגטע: פון שטארבנדיקן זעלנער
וואס זינגט צו דיר, מיין גאט,
וואס דו האסט אים אויסדערוויילט
צו שטארבן א הייליקן טויט
פאר זיין ברודער, מיין גאט!...

כ'זינג דאס געזאנג פון די דורות
אין ווינט; פון די שטארבנדע קולות
אין ווייט, מיין גאט!...
און ווען שלאגן וועט לעצטע שעה,
טאג וועט פארגיין, וועל איך זינגען
געזאנג פון מארגן, מיין גאט!...

(1937).

הענט פון קדושים

און ווידער שפּיר איך דעם גרויל פון דער וועלט
אין ווייטיק פון מענטש צווישן ווענט. —
איך בין ווי אַ בוים אויף אַ האַרבסטיקן פעלד,
ווען שטורעם אים רייסט פאַר די הענט.

די הענט פונעם בוים אין אייגענעם פּיין
זיך ברעכן אָנמעכטיק און וויינען.
און איך טרינק מיין צאַרן, ווי גאַליקן ווייַן
און קלאָג זיך פאַר קיינעם!

דער הימל איז רויט און הייס איבער מיר,
און דער גוף פון דער ערד ווערט צעפּאַלן.
איך שלאָג אין אַן אייזן פאַרשלאָסענער טיר, —
נישט קיין הימל — אַ דאַך פון צעשמאַלצענע שטראַלן

הענגט אויף מיין קאָפּ, באַדראָט
מיך מיט טויט — אין פרי־רייפנדע טעג!
איך פּלאָנטער מיך נאָך אין מיין אייגענעם טראָט,
און ס׳ווערגן מיך פינגער פון שרעק.

נישט איך אַליין בין אין גרויליקער נאַכט,
עס האַלדזן מיך הענט פון פאַרפּייניקטע ברידער.
און נישט נאָר פאַר מיר האָט די טיר זיך פאַרמאַכט, —
נישט אַליין בין איך עלנט, אַ מידער.

עס שלאָגן אין פינצטערע טירן — מיליאָנען
און אָטעמען מידע אין נאַכטיקער שרעק,
און זעען קיין דורכלויכט צו קאָנען
געפינען אַ וועג.

פונעם גרויל און פון גורל דעם פינצטערן בלינדן: —
— „פאַרלעשט נישט מיין כוח!״ — ביי הימלען איך בעט!
— „לאָזט ברענען מיין פלאַם צווישן ווינטן!
— „פייניקט מיך, פייניקט מיך, טרעט,

„**און** שטאַרקער מעג בלוט אייערס רויש,
„און ברענען זאָל הייסער מיין פיין!״
עס שטרעקן צו מיר זיך די הענט פון די קדושים,
און וויגן מיך, וויגן מיך איין!...

מעקסיקע, 5־טן פעברואַר, 1939.

סוף

נאָכבאַמערקונגען:

די ערשטע העלפט פון בוך, האָט געזאָלט דערשיינען מיט 5 יאָר צוריק אין פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגע, א. נ. „מעקסיקאַנער לייוונטן".

מחמת גאַנצקייט פון די שטימונגען, וואָס די איצטיקע צוויי ביכער נעמען אַרום, האָב איך זיי אַריינגענומען אין איין באַנד, אונטער איין נאָמען כאָטש דאָס בוך איז זיך, קוואַנטיטאַטיוו, זייער צעוואַקסן.

ביי דער געלעגנהייט, וויל איך אויסדריקן מיין דאַנק דעם איבערגעגעבענעם פריינט פון דער אידישער קולטור, דעם פאַרלעגער משה צעשינסקי, פאַר זיין אַמאָליקן (און אויך איצטיקן) אינטערעס צו מיין בוך.

איך דאַנק אויך די חברים און פריינט, וואָס האָבן מיר געהאָלפן אַרויסגעבן דעם בוך:

די פאַרוואַלטונג פון „געזביר" און, הויפּטזעכלעך, די חברים: י. קאַראַבעלניק און ס. מאַגידין.

דעם רעדאַקטאָר פון דער ציימונג „דער וועג", קאָלעגע משה ראָזענבערג, וועלכער האָט מיר מיט אַלעם מעגלעכן געזוכט צו פאַרלייכטערן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז שטאַרק פאַרנומען מיטן אַרויסגעבן גרעץ'ס אידישע געשיכטע אויף שפּאַניש.

דעם ה' כעם ווישניאַק, פאַרן באַשטעלן ביי מיר א צאָל ביכער אין פאָראויס.

לסוף קומט א דאַנק די חברים זעצער פון „וועג" — נ. עלסטער. מ. גאָלדבערג און ש. יעזשאַר — פאַרן אַרויסהעלפן אין דעם זאַץ.

י. ג.

מעקסיקע, ד. פ. 20־טן מאַרט 1939.

מעקסיקאַניזמען:

טענאָטשטיטלאַן — נאָמען פון אַלט־אַצטעקישער שטאָט — הייני־טיקע מעקסיקע. — זייט 51.

באָקאַל — קליינע, פּויערשע הייזקע פון אַדאָבע אָדער קוקורוזן־שטעקלעך. — זייט 65.

קאַוויכע — מעקסיקאַנער שאַל, אין וועלכן עס וויקלען זיך פּוי־ערן. — זייט 66.

מעסטיסן — מעקסיקאַנער פון געמישט בלוט. — זייט 67.

מאַטשעטעס — מעסערס, צו שניידן קאַניעס, צווייגן.—זייט 67.

קועטעס — פייערווערק, וואָס מעקסיקאַנער נוצן אַ סך אויף פאָלקס־יאָנטויוויים. — זייט 67.

קאַיאָטע — קליין וועלפל, וואָס לעבט אין די מעקסיקאַנישע בערג. — זייט 68.

נעצאַוואַלקאָיאָטל — איינער פון די לעצטע אַצטעקן־קעניגן, גע־ווען אַ דיכטער. — זייט 63.

מאַגעי — די פּלאַנץ, פון וועלכער מע ציט אַרויס דעם פּאָלקס־געטראַנק „פּולקע". — זייט 69.

קואַטעמאָטצין — נאָמען פון מעקסיקאַנישן העלד, איצט — דער נאָמען פון אַ זנות־געסל. — זייט 71.

טשעמילקע — מעקסיקאַנישע אַזיערע, שפּאַציר־פּלאַץ, וואָס מע רופט „מעקסיקאַנישע װענעציע". — זייט 73.

אַמאַדאָ נערוואָ — מעקסיקאַנער ראָמאַנטישער פּאָעט. — ז. 74.

קאָנקיסטאַדאָרן — באַצווינגער־קאָלאָניזאַטאָרן. — זייט 76.

טאַווערנעס — שענקען. — זייט 107.

וועסינדאַדן — אָרעמע אַפּאַרטאַמענט־הייזער. — זייט 106.

מעסקאַל — מעקסיקאַנער יין־שרף. — זייט 107.

איקסטלאַ און פּאָפּאָ — פאַרקירצונגען פון די נעמען: איקסטלאַ־כיהאַטל און פּאָפּאָקאַטעפּעטל — די צוויי גרעסטע מעקסיקאַנישע וואָל־קאַנען, וועגן וועלכע עס איז דאָ ביים פאָלק אַ מעשהלע. אַז זיי זענען „חתן־כלה". איקסטלאַסיהאַטל הייסט אין אַלט אינדיאַניש: שלאָפנדי־קע, ווייסע פרוי. — זייט 178.

פ. ס.

די גרייזן־אנשיקעניש האט אויך מיין בוך נישט אויסגעמיטן. דער מעקסיקאנער, וואס האט צוגעגרייט דעם בוך צום דרוק, איז שטומפיק אויף דער עברי און דער אידישער זעצער, האט נאר פארפערטיקט דעם זאץ און מיך איבערגעגעבן אין „גויאישע הענט"...

וויל איך דא אייניקע גרייזן אויסבעסערן, די סאמע וויכטיקסטע, און דאס איבעריקע וועלן מיר שוין פאריכטן ביי דער צווייטער אויפלאגע...

וויכטיקע גרייזן:

זייט 31, ליד „מיין זיידע ר' מאטל", לעצטער סטראף, לעצטע שורה, לייען: „אויף פראסטיק צעזוניקטער ערד".

זייט 100, ליד „אידישע אויגן", איבעריק די שורה: „די אויגן פון יעזוסן דעם קינד".

זייט 121, ליד, „שטאט — פארטאג", 6־טע שורה: לייען: „גרויקייט אויף גאסן".

זייט 162, ליד „מערבדיקע נעצן", ערשטע שורה, לייען: „דער מערב האט נעצן אויסגעפלאכטן".

זייט 164, ליד „הייזער פארקאמטע", ערטשע שורה, לייען: „הייזער שטייען מיט גלייבע שרינטן — פארקאמט".

זייט 170, ליד „ים פייזאזש", 12־טע שורה, לייען: „בלייבן בטארטשען זוניקע ריפן".

זייט 243, ליד „ווי געזאנג צים עבא", צווייטע שורה, לייען: „מיין לעבן ' ווינט — אין ווינט אן איבערפולטע זאנג".

זייט 248, ליד „מיין זיידנס געזיכט", 10־טע שורה, לייען: „נאכמיקער פלאנטער — זיידנס געווייז ווערט אנטשוויגן".

אינהאלט:

אזוי איז עס (אריינפיר) — 1
שפאניע (פרעלודיע) — 5

חרובע הײמען

געבלאנקעט, געוואנדלט — 9
שפועקע שטעגן — 11
זענען אידן געפארן — 12
מעקסיקע — 14
אין מעקסיקאנישן פארק — 15
נישטא דא קיין הארבסטן — 16
תשרי'קע טעג — 16
טעג אזוינע — 17
אזויפיל גאלד — 18
אין וועג — 19
זון האט ווי ווײַן זיד צעגאסן — 19
אין פלאנטער פון בערג — 20
צווייטער װאריאנט — 20
אין א אידישער ראנטשא — 22
פון א בריוו — 23
צוויי סאנעטן (ווינטער, וואלד) — 24
אין א שנייאיק לאנד — 25
מיין היים — 26
איך זע מיין היים — 26
מיין זיידע איז געוועזן א הכנעהדיק אידל — 27
מיין טאטע איז געוועזן א פויער אין אוקראינע — 28
מיין זיידע ר' מאטל — 30
מיין פאטער — 32
ווידער זע איך דיך — 32
צו מיין מאמען — 33
פרייטיק צונאכטס — 34
אויף ווארסטן א שטעטל — 35
מיין שטעטעלע — 36
פרילינג אין דארף — 37
אין מיין טאטנס גארטן — 38
מיין מאמע פלעגט שטריקן מיט טרערן — 39
ווערטער ווי פיילן שארפע — 39
ערב שטורעם — 40
שטרויענע שטיבלעך — 41
דערפל מיינס אוקראינער — 41
אוקראינע — 42
אקאציעס איינגעדארטע — 44
מיינע טויטע פעטערס — 45
א שטראמעלע בלוט — 46
פאלמעס אין דער נאכט — 47
רעמיניסענץ — 48

מעקסיקאנער לײַוונטן

ליגט מעקסיקע פארגארטלט מיט בערג — 49
ווי דיין פויגל קעצאל — 50
טענאטשטיטלאן — 51
טשאפולטעפעקער שלאס — 53
יאנטעוו אויף די גאסן — 54
אקסנקאמף — 55
יאנטעוו אין שמאט — 59
בראנזענע פויערן — 61
אינדיאנער דערפל — 62
א טאג אין דארף — 64
אין באקאל — 65
א מעקסיקאנישער פויער — 66
אויפשטאנד — 67
א סאלדאטקע — 69
א מעקסיקאנער מיידל — 70

קואַטעמאַטציין 71
געזאַנג צום וואַגאַבונד 72
טשעשמילקער קאַנאַלן 73
אין דיין שטאָט מאָדערנער 75
ווי צווייגן טרויקענע 76
געזאַנג צום פויער 77
ברוינהויטיקער ברודער 81

קופּאָלן

ס'האָט שפּאַניע דאָ די ערד די
בתולה'קע געקרייציקט 85
קלויסטער לאַנד מיט פרומע
נאָנעס 86
קלויסטערס 87
קריסטוס זיצט ביים שוועל פון
קלויסטער 88
וואונדער אין שטעטלשער קירכע 89
זונפאַרגאַנג אין קלויסטער 90
אוועניִדאַס בלוטן 93
די זון אין קלויסטער 94
אין טיר פון קאַטעדראַל 95
אַ לוויה 96
אויפן טויט פון אַ בישאָף 97
אין קאַטעדראַל 99
אידישע אויגן 100
קריסטוס רעדט צו מיר 101

שטאָטישער תוהו

ס'איז דאָ אין שטאָט אַזעלכע
נעכט 103
די זון איז דאָ די גאָלדענע מטבע 104
הונגער 105
וועסינדאָדן 106
טאַווערנעס 107
שוועסטער איינזאַמע 108
בעטלער 109
הינטערגאַס 110
טרויער שטאָטישער 111
קינדער־בעטלער 111
דזשען 112
וויאַלאַנטשעלן 114
פאַרטאַגיקע פידלען 116
וויגליד 117
עזעקיעל 118
אַ טאָג — אַ זקן 119
אין פּרי פון שטאָט 120
שטאָט — פאַרטאָג 121
די זון איז אַ גאָלדענעם אויטאָ 123
שטאָטישע לאָמפּן 124
נאַכט אין שטאָט 124
ציגאַרן־פאַרקויפערין 125
דער בערנטרייבער 126
אַ מענטש 126
דאָס ליד פון איבעריקן 127
אַנטיקואַריום 128
דער טאָג — אַ בר־מינן 129
אַ מענטש האָט זיך אויפגעהאַנגען 129
אַ דאָרפיש מיידל 130
אַ רעגנבויגן 130
איינע פון גאַרקים פערסאָנאַזשן 131
אַ פרוי 131
עראָס 132
דיין געשטאַלט 132
אַ טאָג איז פאַרגאַנגען 133
בשעת הדחק 133
דאַנסינג 134
נאָקטורן־חלום 135
טראַפּישער פרילינג 136
פרוכט 136
אַ דיכטער איז געשטאָרבן 137
אָפּגעקילטער אומרו 137
אויגן פון אַ מיידל 138
פרויען־געשטאַלט 139
ציגיינערין 140
סוף־נאַכט 140
אַ בעטלערין 141

א נאכט קומט אן — 142
די שוועסטער פון גנבים — 143
ראמאנטישע נאכט — 144
קינדער אין נאכט — 144
אין מארג — 145
אויסטערלישע פארלאנגען — 147
פארוואַרלאָזטער מענטש — 147
אין פראג (גראמעסק) — 148
מאדריד — 149
טרויער פון שפאנישן פאלק — 150

טריט אין די בערג

(צווייט בוך)

כ'ווערן נישט מיד די אויגן מיינע 151
לאנד, א, ריזיקע און פרעמדע — 152
וואולקאנען־בערג — 153
אין די בערג — 154
די סענסאנטע זינגט — 155
מעקסיקאנער בערג — 155
שטערן ווי מימאזעס — 155
ווינטן־טאבונען — 156
זומערדיקע נאכט — 156
א בארג — 157
דער צוג — אשרויף — 158
א צוג אין די בערג — 159
אוונט אין דערפל — 160
א צעדער אין ווינט — 160
די זון פארגייט — 161
סעפטעמבער — 161
א גוססער בוים — 162
בלוטיקע פייגל — 162
מערבדיקע נעצן — 162
בוימער — 163
שטחים — 163
זון אויף בערג — 163
הייזער פארקאמטע — 164
שטיל וואסער — 164
אוונט אין טראפישן וואלד — 165
שפיגלט זיך די אזיערע — 165
פאסטאראל — 166
א פויער — 166
ליכט־עסקאדראנען — 167
אין זוניקן אפשיין — 167
אוונט אין פיזשאמע — 168
אוונט — 168
נאכט — 168
קארדיליערן־נאכט — 169
ים־פייזאזש — 170
ערב־רעגן — 171
ווינט, הימל און רעגן — 171
אין וואלד — 172
אוונט אין גארטן — 172
פידל־מאטיוו — 173
נאקטורן — 173
הארבסטיקע ביימער — 174
הארבסטיקע פעלדער — 175
א שווארצער בער — 175
אַטעמדיק לעבן — 176
אין ליכט פון דער זון — 177
איקסטלא און פאפא — 178
אינדיא — איבעריש לאנד — 178

רעגנדיקע רגעס

גראער פייזאזש מיין זיין — 179
כ'וואלט געוואלט זיין אן
אנדערער — 180
לעצטער זינגער פון דער נאכט 181
צו א דיכטער — 182
פייגל־געזאנג — 182
געבענטשט איז דער צער — 183

מיין עבאַ־ליד — 184
מיין ליד — 184
אַ שניט — 185
באַעטן — 185
נעכטיקע דיכטער — 185
מיין וואָרט — 186
מיין פּערז — 186
ליכטיק לעבן — 187
לעצטע שעה — 187
אייביקייט־זינגער — 188
זוניקע קערנדלעך — 189
אוונטיקע שיפן — 190
קינדער־ווײ — 191
ביימער טוען תפילה — 191
זומערדיקע טעג — 192
קאָרענע פעלדער — 192
מיין קינדהייט עסט אַ פּענעצל
ברויט — 193
ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן
האַרץ אין עבר — 194
פרייד און צער — 194
רויזן פֿאַרגאַנגענע יאָרן — 195
געוואָלט אַמאָל אַ ווייס שעפּסעלע — 195
אין ביינאַכטיקער שטיל — 196
אַ רעגן גיסט — 196
אין אוונט־ליכט — 197
אוונט אויף שוועלן — 197
די זון אין אַ וואָלקנדיקן רעמל — 198
אוונטיקער אומעט — 198
ס'פאַרלוירענע קינד — 199
מיין קינד — 199
מיין קינדהייט אויף פּליינען — 200
עלנט ביינאַכטיקער — 200
ער איז נישט געקומען — 201
רעגנדיקע נאַכט — 201
גאַנג אין דער נאַכט — 202
ווער איז ווער? — 202
שווערע שטילקייט — 203
לייב אין קרייץ — 203
יומי דפגרא — 204
צוועלף אַזייגער, טעכטערל — 205
דורכזיכטיקער דורכלויכט — 206
פאַרגעסענע פאַרב — 206
צעשמייכלטען ספינקס — 207
דו — 207
אומעט — 208
אַ פּיאַנע וויינט — 208
ווי אין אַן אָפּענעם אַראָקל — 209
טויט — 209
דער חולה מסוכן — 210
שיינקייט אויפן אורטייל באַנק — 210
אַ ליכטיקער באַגינען — 211
באַטרינקענדע רו — 211
דער שטאַרבנדיקער — 212
אַ קינד איז געשטאָרבן — 212
אַ שאָטן אין דער נאַכט — 213
נאָך אַ רגע — 213
אייביקייט — 214
מיין לעבן — 215
מיינע טעג — 215
אַ טאָג — 216
ווייסע בלומען — 216
עפּיגראַמען — 217
מיין וועג — 218
צווישן בלויקייט און בלאָ — 218
דער טאָג וועט קומען — 218
די בלויע הירשן פון דיינע אויגן — 219
ווי לידער פּאָסטומע — 219
שאָטן־שפּיל — 220
די בשורה איז נישט געקומען — 220
אַ פרײַנט גייט אַוועק — 220
ליבשאַפט — 221
זינד — 221
לינטשונג — 222

א גדר — 223
אנטקרוינטער בן מלך — 223
ווער ביסטו? — 224
א דאנק — 225
א דאנק פאר דעם וואונדער אז שפור — 225
המשך — 226

צעבראכענע שטאמען

דער טרויער וואס טריפט — 227
אלע יאמען קענען מיר — 228
געזאנג איבער תהומען — 229
אין ווייסער ווארטעניש — 230
אידן אין דער נאכט — 231
גייער אינעם ווינט — 232
מרגלים אין דער נאכט — 232
אין נאכט־טאל — 233
גייער מיט טארבעס — 233
ערב־רב — 234
א רייטער — 235
גאט אין די בערג — 236
פארפרוירענע גלייכגילט — 337
גאט פירט מיך פאר א קרבן — 238
יעהאוואַ אויף גאסן — 239
אוי מיך בין איך — 240
פינצטערע לאנקעס — 240
דורות־געוויין אין מיר כליפעט — 241
אטלאנטיק — 242
ווי געזאנג צום עכא — 243
א דיכטער — 243
אין א לבנהקער נאכט — 244
א שטים אין שטורעם — 245
דער רייטער אויפן ווייסן פערד 246
שרעק און אומעט האבן דיך געבוירן — 247
מיין פעז איז פון שטאל — 248
מיין זיידנס געזיכט — 248
דער גלויבן פון זיידן — 249
געשטארבענע וועלטן — 249
נאמאדן — 250
מיין אורזיידע — 251
צו מיין קינד — 252
שקיעה — 252
איר ווילט מיר דערוויזן — 253
אין שטרענגער הייליקייט — 253
אונדזער פרייד — 254
פ'האט ווער פון פריער נאך פאריגלט — 254
געשענדעטע האפענונג — 255
א מצרי אין זאמד — 255
שטויב אויף סאנדאלן — 256
אין געוועב — 256
אידן מיינע — 257
עלעגיע — 258
שטורעם וואס קומט — 258
קרעמער פון שטילקייט — 259
גזירות ת"ח — 260
די באלאדע פונעם דאוונענדיקן אידן — 261
באלאדע פונעם איד איבער דעבער — 263
מיין טענה צו יעהאוואַ — 264
מיין רבי ר' שמואל — 266
דורך דער מאפע פון דער וועלט 268
וויא קרוסים — 275
אייביק ווי דער פרילינג — 277
הענט פון קדושים — 279
נאכבאמערקונגען — 281
מעקסנקאניזמען — 282
פאסטקריפט — 283

פון דעם זעלבן מחבר:

פארבאגינעו, לידער, 1927.
(אין דער זאמלונג „דריי וועגן")

פאנען אין בלוט, 1936.
(פאעמען וועגן שפאניע)

קריסטאוואל קאלאן, פאעמע, 1938
(„זאמלביכער", לייוויק־אפאטאשו).

גרייט צום דרוק:

עס דעמערט, לידער.

אויף וואגשאל, לידער.

איציק בערשטער, פאעמע.

א קניפ אין באק, פאראדיעס.

קריסטאוואל קאלאן, פאעמע.

אין שוואונג פון אידיש, עסייען.

אין שוואונג פון אידיש, צווייטער באנד.